STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05342

IBER UNDZER KRAFT

B. Daymondshteyn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

FOREIGN DEPT

איבער אונדזער קראפט

(ראָמאַן)

(באַארבעט פון ענגלישן)

פון

ב. דיימאָנדשטיין

געזעצן אקעגן פרייען וואָרט, ווארפן אָפּ
אלע געזעצן, ווייל מענטשן וועלן לאַנג
ניט דולדן געזעצן, וועלכע זיי קענען ניט
קריטיקירן. —ספינאָזע.

Y D 5615-1

פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן"

טאָהאָנגאַ 1951 קאַליפאָרניע

IBER UNDZER KRAFT

BEYOND HUMAN POWER

א מתנה דעם באַשיידענעם און געלערנטן קלמן מרמר,
וועלכער האָט זיך אימער אָפּגערופן אויף מיינע ביכער.

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Montair Ave.
Tujunga, Calif.
1951

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PL.
LOS ANGELES, CALIF.

111

במקום הקדמה

„איבער אונדזער קראַפט״ איז דער צווייטער טייל פון אַ טרילאָגיע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין ענגליש. די ענגלישע צוויי ביכער: דאָס ערשטע, „דהי קאָל וויטהין״, איז דערשינען אין אָנהויב יאָר 1928, אין צוויי טיילן. „ביאָנד היומען פּאַוער״ איז דערשינען, איבער שוועריקייטן, אין 1930, אין דריי טיילן. דאָס דריטע בוך, „דהי קראַי פאָר דזשאַסטיס״ האָט ניט דערגרייכט די וועלט אין אַ בוך. דאָס בוך האָב איך פאַרברענט, פאַרניכטעט! דאָס איז פון מיר געווען אַ גרויסער טעות . . . האָב זיך צוגעהערט צו ניט קיין פריינטלעכע פריינט, וואָס איך האָב געדענקט זיי זיינען מיר . . .

אין יידיש האָב איך איצט אַרויסגעגעבן די פריער־געזאָגטע „דהי קאָל וויטהין״, „דער רוף אין זיך״, און דאָס צווייטע: „איבער אונדזער קראַפט״, וואָס דער לייענער האַלט אין האַנט. די ביכער, הגם אין בראַשירטע אויסגאַבעס, זיינען צוויי באַזונדערע — וועלן זיי זיין געבונדן ביידע צוזאַמען.

די ביכער אין ענגליש, דערהויפּט דאָס ערשטע, פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָט ביי דער אַמעריקאַנער פּרעסע שטאַרק אויסגענומען, מיט 63 קריטיקן — כמעט אָן אויסנאַם — גוט! צוויי אויפלאַגעס זיינען אַרויס, דורך דער שלעכטער צייט פון דעפּרעסיע. דאָס צווייטע בוך, „ביאָנד היומען פּאַוער״, האָט אַרויסגערופן אַ געמישטע קריטיק. הגם, האָט מען ניט אויסגעזעצט קעגן דער קינסטלעכער ווערדע פון בוך, נאָר קעגן דער טעמאַטיק. אַנדערע האָבן זיך אויסגעדריקט: אַן אוטאָפּיע! אַ פאַנטאַזיע! אַז אַזוינע זאַכן קענען ניט טרעפן! ס׳איז ניטאָ—אַזאַ אידעאַליזם! אַנדערע האָבן געשריבן, אַז איך האָב אַבזיכטלעך, צד׳לעך געזוכט: סאַטירע . . . א.אַז.וו.

וועל איך זיי איצט ענטפערן: איך האָב טאַקע געהאַט דעם עיקר אין זינען — אַרויסצושטעלן פאַר דער וועלט ווי מען האָט באַ׳עוולה׳ט דאָ, אין יענער תקופה — דעם גרינעם, ווי מען האָט זיך מיט אים געוואָרפן, — די גרינע, וואָס האָבן געטאָן עבודת־פרך, געבויט די סאַבווייס, די בריקן; געגראָבן די אויל־קוואַלן; די פאַרם־הענט, — און ווי זיי פלעגן נאָר בעטן אַ בעסערן ביסן ברויט פאַר דער עבודה — דורך סטרייקן — האָט מען זיי דאָן באַהאַנדלט ווי שטיף־קינדער. אַז די פרעמדע זיינען געקומען צו רואינירן אַמעריקע — אַמעריקאַנער ווילן ניט קיין אידעאַליסטן: ווי סאַקאָ־וואַנזעטי, טאָם מוני, און אַפילו געבאָרענע ראַדיקאַלן־סאָציאַליסטן: ווי דעבס און אַ סך אַנדערע אמתע קעמפער . . . וויי־טער לייענט דאָס בוך, וועט איר אַליין זען, באַגרייפן און פאַרשטיין, די קאָ־רופּציע פון די מלחמה־לענדער, און ווער ס׳זיינען אונדזערע יוניאָן־פירער — פון אַמאָל . . . און — — —

אין 1940 איז דאָס בוך פאַרבאָטן געוואָרן און צוריקגעצויגן געוואָרן פון די פאָלקס־ביבליאָטעקן, הגם דעם פאַרקויף האָט מען ניט פאַרבאָטן, און אַ קליינע צאָל קאָפּיעס איז אין שרייבערס באַזיץ, וואָס מען קען נאָך באַקומען פאַר $2.50.

דעם דריטן בוך פון דער טרילאָגיע וועל איך אפשר אין קורצן פאַרעפנט־לעכן. הגם אין ענגליש אונטער די איצטיקע אומשטענדן וועל איך ניט וואַגן צו פאַרעפנטלעכן, אָבער אין יידיש — מעגלעך (?) . . .

איך וועל דאָ ברייגנען אַ פּאַראַגראַף פון דער „באסטאן גלאב״, נאָוועמבער 8טן, 1930. דאָס בוך איז געווען אַן אויסקלייב פון איינעם פון 10 בעסערע ביכער.

10 BEST BOOKS

"Group of new books that will have a wide appeal."

BEYOND HUMAN POWER, by the author of The Call Within.— This anonymous book is a story written with a purpose. It is the story of a little group that came to this country in 1909, and the futile endeavors of these courageous idealists to redeem the world. The characters are unusually well drawn.

—**Boston Globe**
Nov. 8, 1930.

ECHOES OF WORLD WAR

BEYOND HUMAN POWER, by the author of The Call Within.— The author of "The Call Within" won very favorable criticism from the leading newspapers of the country for his story of the first Revolution in Russia. In this novel dealing with the after effects of the great war we have Russian characters, thinkers, writers, philosophers, in America, striving with adjustments to a new and puzzling life. Much politics, a strong though brief love motif, a bitter intolerance in the making, are the outstanding elements in this swift, sometimes awkward story of revolt, aspiration and despair. H. B.

—**Worcester, Mass., Telegram**
March 8, 1931.

זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן פאַר דער גרויסער דעפּרעסיע, און די האַנדלונג איז נאָך 19־1909, דאָס הייסט צען יאָר.

איבער אונדזוער קראַפט

אין דריי טיילן

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

די יאָרן 1905־1909 זיינען געווען פול מיט געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער צייט. קיין שטאַרקערע פאַרב האָט ניט געקענט באַפאַרבן דעם קאַלענדאַר מיט בלוט־דעראַינערונגען; ניט קיין פיזישע און ניט קיין סאָציאַלע קראַפט האָט געקענט איינשטילן און איינשטעלן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון לעבן.

דאָס איז געווען אַן איראָניש־כאַאָטישע שטילקייט, אַ פעלשונג פון אַ מאָנסטער־גאָט, וואָס האָט גערופן איבער די אַפּאָקאַליפּטישע פערד־רייטער, אַז דער שרעקלעכער גאָט האָט זיך צעשפּרייט אין דער גאַנצער מענטשהייט. די הערצער פון מענטשן זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט פאַרביטערטקייט. אַ צעטרייסלונג איז געקומען . . . נאָר אין יאָר 1909 האָט קיינער ניט דער־וואַרט, אַז עפּעס וועט געשען. דאָס יאָר איז געווען זייער אַ שווערער. די שטילע אינטריגעס איבער די מעלאָדראַמעס פון טעגלעכן לעבן סענסאַציעס האָבן פאַר־נומען דעם מענטשלעכן געדאַנק, און צעשמירט נאָך מער פון דער פּרעסע, און דאָס האָט צעטרייסלט די וועלט: מען האָט אויסגעטראַכט, ספּעקולירט מיטן אמת, מאָרד, רויבעריי און קאָרופּציע, וואָס האָט אַמוזירט, און פאַר יענע וואָס זוכן אַ „טריל". טראַגעדיעס פון פאַרהייראַטן לעבן און פון לינקע ליבעס האָט מען דיסקוטירט ביי פולע „קאָפּעס" טיי.

אין 1909 איז די אימיגראַציע קיין אַמעריקע געווען זייער גרויס. די גוטע געשעפטן און די פרייהייט האָט יעדן טאָג געבראַכט שיפן פול מיט מענטשן. די באַרימטקייט פון טעאָדאָר רוזוועלט האָט דערגרייכט די וייטסטע געגנטן פון דעם אָריענט, פון די נאָרד לענדער, פון אַזיע און פון די סטעפּעס פון מערב רוסלאַנד. די פאַרפאָלגטע האָבן געקוקט אַריבער צו דער פרייער אַמעריקע; די ליבלעכע און גאָט־פאַרגעסענע אַרמעניער, יידן, און אַנדערע, וואָס שמאַכטן פון רעליגיעזער אומגלייכקייט, האָבן געקוקט אויף דעם לאַנד אַמעריקע מיט שיינענדע אויגן . . .

אין אַפּריל, 1909, האָט אַ שיף געפירט דריי פאַרפאָלגטע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט זיי ניט שיין באַצאָלט פאַר זייער אידעאַליזם. די דריי זיינען געווען: אברהם צייטלין, זיין פרוי לידא און זיין פריינט מאַקאַרקאַ. אברהם האָט געשפּרייט ליכט, און געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר די אָרעמע און אונטערדריקטע. פאַר דעם האָט ער געקראָגן באַצאָלט מיט ליידן פון דער צאַ־רישער רעגירונג. זיינע עלטערן, צעקריפּלטע, ליגן אין קבר — קרבנות פון פּאָ־גראָמען. די פּויערים, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט, האָבן געראַבעוועט זייער גוטס, ווען אין דער זעלבער צייט האָבן די צאַרסקע קאָזאַקן געמאָרדעט, גע־שענדעט זיין שוועסטער מרים . . . גאָט, אירע וואָנזיניקע אויגן, ווען ער האָט זי געקושט ביים געזעגענען זיך! . . .

פאַר דער ביטערניש נאָך אַ לאַנגן ליידן אין סיביר, האָט זיין האַרץ איצט נאָך מער געליטן פון דעם אומגליק, וואָס עס האָט באַפאַלן זיין פאַמיליע און די יידן. זיין גוט ווייב, וואָס האָט דריי־פערטל פון זיין יאָך אויף זיך גענומען, האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס בעסטע פאַר אים איז — רו . . . אַמעריקע, האָט זי געוואוסט, מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן רעליגיעס און ראַסן. דאָרט קען יעדער דענקען און ריידן ווי ער פילט. דאָרט וועט ער פאַרגעסן זיין אומגליק און וועט קומען צו זיך.

עס האָט איר גענומען אַ צייט ביז זי האָט געווירקט אויף אים און אויף זיין פריינט מאַקאַרקאַ, זיי זאָלן פאָרן אין דעם לאַנד פון גלייכהייט און פרייהייט.

זיי האָבן גענומען שטודירן די אַמעריקאַנער געשיכטע, האָבן זיך באַקענט מיט דער געשיכטע פון וואַשינגטאָן, די בלאָ־געקליידטע רעבעלן; זיי האָבן גע־ליטן מיט אים אין דעם פאַרדזש־טאַל, זיי האָבן זיך געפרייט מיט אים אַרום די קאָרנוואָלן, זיי האָבן געלאַכט, ביז טרערן אין די אויגן, אויף דער באָסטאָן טיי־פּאַרטי . . .

נאָר אייבערעהעם לינקאָלן איז געוואָרן זייער הויפּט־העלד. דזשעפערסאָן, פריינקלין, אַדאַמס און האַמילטאָן, זיינען אויך געווען העלדן; זיי האָבן אויך פיל אויפגעטאָן; אָבער לינקאָלן, ער איז געווען אַ מענטש מיט אידעאַלן, מיט אַ מענטשלעך האַרץ. ער האָט געשריבן אַ נייעם דעקאַלאָג . . . אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין הייזל . . . און האָט באַפרייט אַ וועלט.

אברהם צייטלין איז געווען זייער ניט אויפגעלייגט, אָבער ער האָט גע־זאָגט: דאָס, וואָס עס האָט געטראָפן אין רוסלאַנד, וועט קיינמאָל ניט טרעפן אין דעם לאַנד פון אייבערעהעם לינקאָלן. אָבער ווען די שיף איז צוגעפאָרן, און פון ווייטן האָבן זיך באַוויזן די גרויסע געביידעס, האָט לידאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן, זי האָט זיך געשראָקן . . .

די פריינט האָבן זיי אַ ביסל אַרויסגעפירט אַנצוקוקן און זען ניו יאָרק, זיי האָבן געזען בראָדוויי ביינאַכט און זיך גאָר אַזוינס ניט געקענט פאָרשטעלן. געזען ריווערסייד דרייוו, די רייכע פיפט־עוועניו; זיי האָבן אויך געזען די באָוערי, מיט איר גאַנצער טראַגישער העסלעכקייט! . . .

מע האָט זיי אויך באַוויזן וואָס יידן האָבן אויפגעטאָן אין דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט. באַלד האָט מען זיי אַריינגעפירט אין קאַרנעגי האָל, געוויזן זיי דעם וואונדערבאַרן זאַל וואו עס ווערט צוגעגרייט די אויפנאַמע פאַר אברהמען. אָט דאָ, האָבן זיי צו אים געזאָגט, דאָ האָט קרייזלער געשפילט אויף זיין וואונדערפידל; דאָ האָבן חפץ, צימבאַליסט, מישאַ עלמאַן — די גרעס־טע מענטשן פון דער וועלט — אויפגעטראָטן. און איצט איר, גענאָסע אברהם צייטלין.

איר פאַרגלייכט מיך מיט די גרויסע? האָט ער זיך צעלאַכט. ניט שיין פאַר די גרויסע, האָט אברהם געזאָגט.

און די ענדע איז: דאָס וואָס רוסלאַנד לאָזט אונדז דאָרטן ניט דערגרייכן, דערגרייכן מיר דאָ . . . האָט איינער פון זיי געזאָגט. רוסלאַנד פאַרלירט, און אַמעריקע געווינט . . .

פלאַקאַטן אין ענגליש, רוסיש און יידיש האָבן אַנאָנסירט די „רעסעפּשאָן" פון אברהם צייטלין. דער קאַרנעגי־זאַל איז פול געווען, און יעדער פּלאַץ איז געווען פאַרנומען. פּאָליציי, און דעטעקטיווס, האָבן שווער געאַרבעט כדי איינ־

צוהאַלטן אָרדענונג, פון די פילע וואָס האָבן ניט געקענט אַריינגיין אין האַל. פּאָליציי אויף פערד האָבן געטריבן דעם גרויסן עולם און זיי ניט געלאָזן שטיין אויף איין פּלאַץ. אַ מישמאַש פון שפּראַכן, ווי יידיש, רוסיש און ענגליש, האָבן גערעדט פון דעם גרויסן רוסישן פּאָעט, „אייבערהעם צייטלין״. די ליכט פון זאַל האָבן געברענט אין די אויגן.

רעפּאָרטערס פון אַלע צייטונגען פון ניו־יאָרק, און אַפילו פון אַרום ניו־יאָרק, זיינען אויך געקומען, פאָטאָגראַפערס, מיט אַלערליי אַפּאַראַטן, גרויסע און קליינע, און יעדער האָט זיך צוגעגרייט צו דער אַרבעט.

דער גאַסט האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק. דער פאָרזיצער האָט פאַרשטאַנען אַז דער עולם איז צו אומגעדולדיק, האָט ער געהייסן די כלי־זמר זיי זאָלן אָפּפרישן דעם עולם. פון אָנפאַנג האָט מען געשפּילט די אַמעריקאַנער הימנע, דערנאָך האָט מען געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. פּלוצים איז שטיל געוואָרן. דער פאָרזיצער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט געבעטן דעם עולם צו פאַרהאַלטן זיך רואיק, ווייל אונדזער באַליבטער גאַסט איז שוין דאָ. — דערווייל וועט פאַר אייך דער „בענד״ שפּילן בעטהאָווענס „קרייצער סאָנאַטאַ״.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט די „קרייצער סאָנאַטאַ״, אויף דער בינע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די פּני... רעדנער, רעפּאָרטערס, פאָטאָגראַפערס. דערנאָך איז אַריינגעקומען דער גאַסט אַליין. מיט אים זיינען אריין לידא, זיין פרוי, און מאקארקא, זיין פריינט. דער עולם האָט שוין פארשטאַנען וואו דער גאסט שטייט, און א גרויסער אפּלאוז האָט אויסגעבראָכן. דער פאָרזיצער האָט קוים איינגעשטילט דעם ענטוזיאַסטישן עולם, און האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, און צולעצט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט.

אויך דער אפּלאוז האָט אָנגעהאַלטן צען מינוטן. מיט שווערער מי איז דעם פאָרזיצער קוים געלונגען, צום צווייטן מאָל, איינצושטילן דעם צעווילדעטן עולם. דער פאָרזיצער האָט ווידער און ווידער געבעטן: אויב זיי ווילן, אַז דער פּראָגראַם זאָל דורכגעפירט ווערן, זאָלן זיי זיך פאַרהאַלטן רואיק, און ניט צונעמען צופיל צייט מיט אַפּלאָדירן.

אברהם איז געשטאַנען ווי צעטומלט. דער גרויסער עולם, וואָס איז געווען אין זאַל, די ליכטיקייט — די פרייקייט . . . פרייהייט! האָט ער ביי זיך געטראַכט: פרייהייט! . . . דאָס איז די פרייהייט, וואָס רוסלאַנד פעלט . . . דאָס איז, וואָס אונדז יידן פעלט. און דאָ פילט זיך דאָס. ווי גאַסטפריינדלעך יעדער איז דאָ! . . .

לידא איז געשטאַנען לעבן אים. איר האַרץ איז איר שיער ניט אַרויסגעפאַלן פון פרייד. זי האָט אויך געטראַכט: כמעט דאָס זעלבע וואָס אברהם.

מאקארקא, אָנגעטאָן ווי טאָלסטאָי, האָט כמעט אויסגעקוקט ווי טאָלסטאָי. זיין באָרד איז בלויז געווען אַ ביסל קורצער — האָט אויך געפילט פריי און גוט. די פרייהייט, וואָס דעם ייד האָט געפעלט אין רוסלאַנד, האָט ער ניט געקענט פילן. די רעליגיעזע צרות, וואָס די יידן שטייען אויס אין רוסלאַנד, האָט ער ניט געליטן — אָבער דאָך האָט ער געפילט, אַז ער איז אין אַ פריי לאַנד.

דער פאָרזיצער האָט פאנאַנדערגעוויקלט דאָס לעבן פון פּאָעט, און זיינע גרויסע נוצן פאַר דער מענטשהייט, פאַרן רוסישן און יידישן פאָלק, און פאַרן אַרבעטער בכלל. צום סוף האָט ער פאָרגעשטעלט דעם גאַסט אַליין.

ווידער האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן. עס וואָלט ווידער אָנגעהאַלטן

דאָס לאַנגע קלאַפּעריי, ווען ניט אברהמס אויפהויבן זיין האַנט. ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן די האַנט איז אין זאַל שטיל געוואָרן — ווי דער קלענסטער קלאַנג וואָלט זיך דערהערט.

— פריינדע, — האָט ער געזאָגט, די האַרציקייט, וואָס איר ווייזט מיר אַרויס, וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן. דאָס איז מיין צווייטער גליקלעכער טאָג אין מיין לעבן, וואָס איך פיל אַזוי. דעם ערשטן גליקלעכן טאָג האָב איך געהאַט, ווען דער צאַר, דער ליגנער, האָט אונדז געגעבן די קאָנסטי־טוציע—די דומא! דאַן האָב איך זיך אויך געפילט גליקלעך, נאָך אפשר גליקלעכער ווי איצט: ווייל דאַן, האָב איך געהאַפט, וועט נעמען אַ סוף צו אונדזערע יידישע צרות . . . און אין אַלגעמיין די פרייהייט פון דער מענטשהייט אין רוסלאַנד. אָבער דער היינטיקער אָוונט וועט זיין מיין צווייטער אומפאַרגעסלעכער אָוונט, וואָס וועט ליגן איינגעבאַקן אין מיין הארצן. פריינדע, איך בין אזוי באַגייס־טערט, אַז איך קען אַבסאָלוט ניט רעדן. מיין מויל איז ניט פעאיק פאַר אייך אַרויסצובריינגען וואָס איך פיל, און וואָס איך וויל זאָגן. אָבער איך פאַרשפּרעך אייך, אַז דורך מיין פען וועל איך אייך מיין גאַנצע רעדע איבערגעבן. קומען צו אייך, דערציילן וואָס די ארבעטער און די פעלקער ליידן אין רוסלאנד, אונטער דעם אייזערנעם קנאַפל פון דער צאַרישער רעגירונג! . . . דאָס וויל איך איצט ניט טאָן. איך וויל ניט, אַז איר זאָלט אַוועקגיין מיט אַנגעווייטע אויגן און צעבראָכענע הערצער, ווייל איך זע אַז אייערע אויגן גלאַנצן, ניט פון טרערן, נאָר איר זייט גוט אויפגעלייגט, דארום וויל איך איצט ענדיקן מיין קורצע רעדע, און איך דאַנק אייך ווידער פאַר דער האַרציקער אויפנאַמע.

דער אפּלאוז איז געווען גרויס. דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט מאַ־קארקען. מאַקארקא האָט גערעדט אין רוסיש, ווייל ער האָט קיין אַנדער שפראַך ניט געקענט.

— חברים, — האָט ער אָנגעפאַנגען. — איך בין אַ פּויער. קיין רעדנער בין איך אוודאי ניט. דאָס שיין ריידן באַלאַנגט צו מיין יונגן פריינט אבראש־קען . . . עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס איך האָבן זיין רעדע ניט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט גערעדט אין יידיש. נאָר איין זאַך ווייס איך: וואָס ער זאָל ניט ריידן, איז דאָס פּערל, איז דאָס אמתן. ווייל דאָס איז אַ פילאָזאָף, אַ דענקער, אַ מענטשן־פריינט! אין דעם מענטשן שלאָגט אַ האַרץ, וואָס טראָגט דעם וויי פון יעדן מענטשן. ער וויל אַפילו דעם שונא קיין שלעכטס ניט טאָן . . . איך ווייס, אַז אין זיין גרעסטן צאָרן, איז זיין נשמה איינגעהאַלטן. ער ווערט טאַקע אַמאָל אין כעס, נאָר וואָס האָט דאָס פאַר אַ ווערט, אַז באַלד איז זיין מענטשלעך האַרץ ווידער גוט . . . ער האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון זומפּ און מיך געבראַכט צו אַ ריינעם, שיינעם, ליכטיקן לעבן. ער האָט מיך געמאַכט פאַר דאָס אומגלויב־לעכע, וואָס אַ מענטש קען מאַכן. אָבער אַנטשולדיקט, צוליב אים רעד איך צופיל וועגן זיך. נאָר לאָמיר אייך זאָגן: ער איז אַ נביא . . . און איר וועט שוין פון אים וויסן און הערן. ער פאַרדינט דאָס אַלץ, וואָס איר טיילט אים צו . . . איך דאַנק אייך זייער פאַר זיין אויפנאַמע.

אַ גרויסער אפּלאוז . . .

אַזוי איז אַוועק יענער אָוונט, פול מיט באַגייסטערונג פאַר אברהמען. ווען עס האָט געגומען טאָגן, זיינען זיי ערשט געגאַנגען שלאָפן. אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן מיט אויפנאַמעס, אין יעדער שטאָט, וואו ער איז געווען. אים זיינען שוין נמאס געוואָרן די אויפנאַמעס, האָט ער זיך באַקלאָגט. האַניק קען

אויך דערעסן ווערן. פון צופיל האָניק ווערט ביטער אין מויל . . . האָט אברהם געזאָגט.

אין די צייטונגען האָט מען נאָך וועגן אים געשריבן און געלויבט זיין אויפטו אין רוסלאַנד, זיין מאַרטירערטום. און דער „פירער" האָט שוין אָנאָנ־סירט מיט גרויסע ווערטער, אַז אברהם צייטלין, דער גרויסער רוסישער, רע־וואָלוציאָנער און פּאָעט, וועט אויסשליסלעך שרייבן פאַר זייער צייטונג. עס איז געוואָרן „ביזי" . . . די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין אַ פיל גרעסערער צאָל ווי געוויינלעך, און עס האָבן אַלץ געפעלט צייטונגען, איבער דער גרויסן נאָכפרעג.

די צייטלינס האָבן גענומען פיר צימערן אַרום בראָנקס פּאַרק. לידא איז געווען אַן אידעאַלע באַלעבאָסטע. איר זיינען זייער געפעלן געוואָרן די אַמע־ריקאַנער באַקוועמלעכקייטן, ווי וואַסער אין קיך, אַן אָפּטרעט אין הויז, אַ וואַנע מיט הייס וואַסער, סטים און אַ טעלעפאָן . . . אָט דאָס איז ציוויליזאַציע, פלעגט זי אַלעמאָל זאָגן צו אברהמען. אַזוי זיינען אַוועק זעקס חדשים. אין הויז איז געווען ליכטיק און היימלעך. זייער אָפט פלעגט מען זיך לייגן שלאָפן ווען עס פלעגט שוין טאָגן.

אברהם האָט געהאַט זייער אַ סך פריינט, אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, און פילע יידישע און רוסישע אינטעליגענטן זיינען אים אָפט געקומען באַזוכן. פילע האָבן אים געשאָנקען ביכער, און טאָקע אַ סך ביכער!

דער רעדאַקטאָר פון דעם „פירער" האָט געבעטן אברהמען, ער זאָל שרייבן קריטיק. זיין שיינער סטיל אין שרייבן, און זיין פאַרשטייען ליטעראַטור, וואָלט אים געגעבן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אברהם האָט זיך אָנטזאָגט — שרייבן קריטיק איז ניט פאַר זיין כאַראַקטער.

— ווארום? — האָט אים דער רעדאַקטאָר געפרעגט.

— ווייל די בעסטע ווערק האָבן פעלערן, — האָט אברהם געזאָגט — אַזוי ווי אין דעם ערגסטן ליד, אָדער דערציילונג, איז פאַראַן אַ ביסל גוטס, אַזוי זיינען אין דעם בעסטן ליד, אָדער דערציילונג פאַראַן פיל פעלערן. יעדער שריי־בער האָט זיין אייגענעם וועג אין שרייבן, ווי זיין כאַראַקטער, ווי זיין פאַר־שטעלונגס־קראַפט. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז קריטיק איז נייטיק. אָן קריטיק קען קיין ליטעראַטור ניט וואַקסן. ווייל אָן קריטיק איז ווי אַ שיין צימער מיט אָנגעוואָרפן מעבל. דער קריטיקער פאַרן בוך איז ווי דער אינסטרוקטאָר, צו מעבלירן צימערן, אַז יעדע זאַך זאָל שטיין אויף איר פלאַץ, אויף אַן אָרט, וואָס זאָל זיין שיין און באַקוועם . . . דער קריטיקער דאַרף זיין ערלעך, — אומפּאַרטייאיש . . . דער קריטיקער דאַרף קיינמאָל ניט זיין פערזענלעך. ער דאַרף מעסטן, וועגן, אַפילו ווען עס אַפּעלירט צו אים נישט: ס'מיינט צו זיינע איבערצייגונגען. ער דאַרף וועגן, מעסטן — מאַטעמאַטיש .

צווייטער קאַפּיטל

זעקס חדשים זיינען אַוועק. אברהם האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צו ניו־יאָרק, דער קלימאַט האָט אים ניט געשמעקט. די לופט, דער שטויב פון דער שטאָט האָט זיינע לונגען שלעכטס געטאָן. דאָך האָט ער ליב געהאַט ניו־יאָרק. ער האָט ניו־יאָרק געליבט, פאַר די וואונדער, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעזען,

און פאַר די באַקוועמלעכקייטן אין לעבן. ער האָט זיך נאָר באַקלאָגט, אַז די לופט שטיקט אים . . .

לידא און מאקארקא האָבן זייער געגליכן די פיר צימערלעך. זיי האָבן געהאַט צוויי שלאָף־צימערן, אַ קיך און אַ ביבליאָטעק. לידא פלעגט זאָגן: וואָס וואָלט איך געטאָן ווען דאָ וואָלטן ניט געווען די אַלע איינריכטונגען? און וואוי־נענדיק אויפן דריטן שטאָק, וואָלט איך געדאַרפט שלעפּן דאָס וואַסער פון הויף, דאָס האָלץ צום הייצן, און אפילו — אַן אָפּטרעט! . . . מיר דוכט, איך וואָלט שוין מער ניט געקענט לעבן, ווי ביי אונדז אין שטאָט ה. מיר דוכט, אַז ביי אונדז דער רייכסטער האָט ניט אַזוינע באַקוועמלעכקייטן. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז דאָרטן איז גערשמער, בעסערע לופט, אָבער איז דען דאָרט אַלץ צום האַנט?

מאקארקא האָט זיין לעבן געהאַט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. געלט האָט ער געהאַט גענוג . . . לידא האָט אויף אים אויפגעפּאַסט ווי אויף אַן אייגענעם פּאָטער. ער פלעגט שרייבן עטלעכע שטונדן אַ טאָג, דערנאָך פלעגט ער לייענען, אָדער גיין אין פּאַרק לעבן די חיות. די חיות האָבן געמאַכט אַ זייער גרויסן איינדרוק אויף מאקארקען. ער האָט אַמאָל געהערט פון לייבן, פון בערן, העל־פאַנטן. די אַלע חיות האָט ער נאָר געזען אין ביכלעך, ער האָט זיי פריער נאָך קיינמאָל ניט געזען אין דערווירקלעכקייט. און יעדן מאָל, ווען ער פלעגט נאָר גיין אין פּאַרק, פלעגט ער אַלץ באַטראַכטן מיט די גרעסטע וואונדער.

ערשט איצט פלעגט ער פאַר׳גנב׳עט אַ טראַכט טאָן, ערשט איצט וואָלט ער געוואָלט זיין אַ ביסל יינגער . . . דאָס לעבן איז שיין . . . אָפּגעלעבט אַ לעבן ווי אַ פערד . . . געגעסן, געטרונקען, געאַרבעט, און — און — ווי אַ פערד! . . .

מאקארקא איז שוין אַלט געווען איבער זיבעציק יאָר, אָבער ענערגיע האָט ער געהאַט ווי איינער פון פופציק. דאָס נאַטירלעכע וועגעטאַריאַנער עסן האָט אים געמאַכט קרעפטיקער און מוטיקער. ער פלעגט יעדן טאָג זיך מאַכן בעדער פון קאַלט און לעבלעך וואַסער, מאַכן גימנאַסטיקע, שלאָפן מיט אָפענע פענצטער, וואָס דאָס האָט אין רוסלאַנד זעלטן ווען פּאַסירט, ווייל אין רוסלאַנד פאַרמאַכט מען ניט נאָר די פענצטער ביינאַכט, נאָר אויך די לאָדן.

אין בראָנקס פּאַרק פלעגן די קינדער נאָכלויפן מאקארקען, ווייל ער פלעגט גיין באָרוועס און אָנגעטאָן אין לייוונטענע קליידער. אָבער אַ סך קינדער האָבן אים זייער געגליכן. ער פלעגט זיי געבן פיסטאַשקעס, אַמאָל צוקערקעס.

די קינדער פלעגן צו אים ריידן וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען און ער פלעגט זיי ענטפערן אין רוסיש:

— קינדערלעך, איך פאַרשטיי אייך ניט . . .

און די קינדער פלעגן לאַכן פון די „פּאָני״ ווערטער . . . זיי פלעגן אים רופן „גרענדפּאַ״.

אויך דערוואַקסענע פלעגן אויף אים די ערשטע צייט קוקן. אָבער שפּעטער האָבן אים שוין אַלע געקענט. דער היטער פון פּאַרק האָט אים שוין אַפילו גערופן ביים נאָמען.

אַמאָל אַזוי זיצנדיק מיט פריינט, האָט מאקארקא אַ זאָג געטאָן:

— ווי קען אַ מענטש זיך אויסלערנען ענגליש? . . . אַזאַ מין מאָדנע שפּראַך. מיר דאַכט, אַז ווען איך וואָלט געלעבט נאָך אַמאָל אַזויפיל ווי איך בין אַלט, וואָלט איך זיך אַלץ ניט געקענט אויסלערנען קיין ענגליש. אַך — אַ שפּראַך!

— עס דאַכט זיך דיר, — האָט זיך אברהם אָפּגערופן. — איך בין דאָ

אַ יאָר אין לאַנד, און קען שוין לייענען אַ צייטונג, אַן ענגלישע צייטונג!
— מיט דיר קען איך זיך ניט פאַרגלייכן, — האָט אים מאַקאַרקאַ געענט־פערט. — דו ביסט דאָך שוין פון לאַנג אַ פילאָלאָג . . .
— וויפיל שפּראַכן קען ער דאָס? — האָט לידא זיך אָפּגערופן — און דו מאַכסט אים פאַר אַ פילאָלאָג.
— וואָלט איך נאָר אַזויפיל געקענט! — האָט מאַקאַרקאַ געזאָגט.
— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך אברהם פאַנאַנדערגעלאַכט. — ערשט דאָן וואָלט איך געזאָגט, אַז דו קענסט גאָרניט! . . .
— איך ווינטש, איך זאָל קענען אַזוי ווי דו, — האָט מאַקאַרקאַ געזאָגט.
— דו קענסט עס קענען, ווען דו ווילסט נאָר, — האָט אברהם געענט־פערט. — ווען דו וואָלסט זיך געלערנט די גאַנצע צייט, וואָס דו ביסט דאָ, וואָלסטו אפשר אויך געקענט אַזוי ווי איך. איך ווייס, דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, דו קענסט פאַרנעמען. איך האָב דיך אין אַ קורצער צייט אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש און איצט קענסטו כמעט אַזוי ווי איך.
— כמעט! — האָט מאַקאַרקאַ זיך צעלאַכט, ווי אַ קינד. — אפשר בעסער פון מיין לערער? . . .
פּלוצים האָט עמיצער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר.
— קאַם אין! — האָט אברהם געענטפערט.
עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָרל. נאָך זייער קליידונג האָט מען געקענט זען, אַז זיי זיינען „גרינע״. זייערע קליידער זיינען געווען אָפּגעטראָגענע און ניט קיין אַמעריקאַנער.
— זעט נאָר! — האָט אברהם אויסגעשריגן — גרושקאַ איוואַנאָוו! . . . און מאַריאַ קורשאַיעוואַ!
לידא האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מאַריאַ קורשאַיעוואַ און ביידע האָבן זיך געקושט און געוויינט . . .
אברהם האָט זיך אויך אַרומגעכאַפּט מיט גרושקאָן און אויסגערופן:
— ברודערל, טאָוואַריטשטש! — און זיך מיט אים הייס צעקושט.
— ווי קומט איר אַהער, חברים? — האָט זיי אברהם געפרעגט. — ווי אַזוי זייט איר אַרויסגעקראָכן פון דאָרטן? — און האָט זיך אָפּגערופן צו מאַקאַרקאָן:
— באַקען זיך מיט די צוויי טייערע קאַמעראַדן. דאָס זיינען צוויי טייערע קעמפער. — און האָט אים פאַר זיי פאָרגעשטעלט: — דאָס איז מאַקאַרקאַ. איר געדענקט וואָס איך האָב אייך פון אים אָנגעדערציילט? דאָ האָט איר די ערע אים צו קענען . . .
גרושקאַ האָט זיך צעקושט מיט מאַקאַרקאָן, און מאַריאַ האָט אים אַ קוש געטאָן אין באַק:
— איר זייט אַ וואוילער מענטש, פריינט מאַקאַרקאַ!
גרושקאַ איוואַנאָוו איז געווען אַ יונגער דאָקטאָר, נאָך קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען, האָט געהאַט אַ בלאָנד בערדל מיט צוויי איינגעפאַלענע באַקן, טיפע בלויע אויגן, וואָס דערציילן פון אַ סך ליידן און שרעק. ער איז געווען הויך מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ הויכן שטערן, פון פאָרנט זיינען ביי אים געווען אויסגעפאַלן די האָר. ער אַליין האָט געשטאַמט פון זייער רייכע עלטערן. זיין פאָטער האָט אַ גרויסע אימעניע מיט וועלדער, מיט זאַוואָדן, מיט מילן. ער, גרושקאַ, נאָך זייענדיק אַ סטודענט, האָט ער שוין באַלאַנגט צו די „עסע־ראָווצעס״, אין דער פּאַרטיי טעראָריסטן. אין פּעטערבורגער אויפשטאַנד האָט מען

אים אַרעסטירט און אים פאַרשיקט אויף אַכט יאָר סיביר. זיין רייכער טאַטע האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז מע האָט אים פאַרשיקט.

מאַריאַ קורשאַיעוואַ איז געווען פון גרויסן יחוס. איר פאָטער איז געווען אַ פאַלקאָווניק פון דער צאַרסקער גוואַרדיע. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, הויך און שיין ווי אַ בלום. דאָס סיבירער לעבן האָט זי אַפילו ניט צעבראָכן, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט גרישקאַן. זי האָט געהאַט פעך־שוואַרצע האָר מיט גרויסע אויגן, ווי קאַרשן. זי איז געווען פרויענלעך אַנט־וויקלט — אַ בליענדע פרוי . . . זי האָט געהאַט פולע קיילעכדיקע היפטן, מיט אַ הויכער ברוסט. איר הויכער האַלדז, מיט די רונדע באַקן, האָבן האַרמאָנירט מיט אירע פולע קליינע ליפּן. זי איז אויך דאַן אַריינגעפאַלן אין איין צייט מיט גרישקאַן, און גייענדיק מיט אים דורכן עטאַפּ, האָבן זיי זיך איינגעליבט . . . און אַזוי זיינען זיי — — —

שוין פיר יאָר, אַז דער אויפשטאַנד איז פאַרגעקומען און זיי האָבן ערשט איצט זייער ציל דערגרייכט . . . זיך אַרויסגעריסן פון די צאַרסקע הענט! . . .

— אָבער דאָך, — האָט אברהם זיך האַרציק אָפּגערופן — ווי האָט איר מיך געפונען? — ווער האָט אייך געזאָגט?

— דאָס איז מיין איינפאַל, — האָט מאַריאַ געענטפערט.

— אמת, איר קאָפּ האָט געשאַפן דעם פּלאַן, — האָט גרישקא געענטפערט.

— אָבער דאָך, דערציילט, — האָט זיך אברהם געבעטן.

— איך האָב געוואוסט, אַז איר, צייטלין, זייט דאָך אַ שרייבער, און מען וועט דאָך אייך געוויס קענען אין די צייטונגען, — האָט זי גענומען דערציילן ווי אַזוי זי איז געקומען צו דעם געדאַנק. — און אַזוי גייענדיק אין עטלעכע רעדאַקציעס, זיינען מיר דערגאַנגען וואו איר וואוינט.

— איז עס ניט קיין איינפאַל? — האָט זיך גרישקאַ אָפּגערופן.

— ווי לאַנג זייט איר דאָ? און וואָס הערט זיך אין רוסלאַנד? — האָט מאַקארקאַ געפרעגט.

— מיר זיינען שוין פון רוסלאַנד איבער ניין חדשים, — האָט גרישקאַ געענטפערט.

— און ווי אַזוי האָט זיך דאָס אייך איינגעגעבן? — האָט אברהם געפרעגט.

— ניט אַזוי גרינג איז עס אונדז אָנגעקומען, — האָט גרישקאַ געענט־פערט. — עס האָט געקאָסט געלט און געפאַר . . . פינף טויזנט רובל און טויט־שרעק . . .

— און וואו זייט איר געווען די גאַנצע צייט? — האָט אברהם געפרעגט.

— אין יאַפּאַן! — האָט מאַריאַ פאַרכאַפּט דעם ענטפער: איר האָב זיך איצט זייער געוואָלט ריידן . . .

— איר געדענקט, זייט איר האָט אונדז פאַרלאָזן האָבן מיר ניט געקענט איינרוען. מיר מוזן אַנטלויפן, האָבן מיר באַשלאָסן. מיר זיינען דורכגעקומען מיטן נאַטשאַלניק פאַר טויזנט רובל אַ שטיק. נאָר אַז ער האָט דערשמעקט, אַז מיר האָבן מער געלט, האָט מען אונדז אין מיטן וועג שיער ניט דערשאָסן . . . און אַזוי האָבן מיר אַלץ אָפּגעגעבן, זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן . . . אין יאַפּאַן האָבן מיר אויך געליטן, ביז מיר האָבן געקראָגן געלט . . . דאָס הייסט פון מיין פאָטער, — האָט ער מיט אַ זיפץ זיך צוגעזעצט. — און ווי איר זעט, זיינען מיר דאָ, — האָט גרישקאַ פאַרענדיקט.

— פון וואַנען האָט איר געוואוסט, אַז מיר זיינען אין אַמעריקע? — האָט לידא געפרעגט, און זיי סטאַטיק אָנגעקוקט.

— פון די צייטונגען, — האָט מאַריאַ געענטפערט. — און מיר האָט זיך אייך אַזוי געוואָלט זען! — האָט זי געזאָגט.

— איך געדענק נאָך דיין ליד, — האָט זיך גרישקאַ אָנגערופן — ווען איר זייט אַוועקגעפאָרן, פלעגן מיר עס אַלע זינגען און אַלץ טראַכטן פון אייך.

— איך פלעג וויינען פון בענקשאַפט נאָך אייךביידן, — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— יע, יע, זי פלעגט אין מיטן פריש און משוגע זיך פאַנאַנדערוויינען, — האָט גרישקאַ געזאָגט. — זי בענקט נאָך לידאַן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעלייכט:

— איך פיל זיך אַזוי גוט איצט. עס ווילט זיך זינגען, לאַכן, אַפילו וויינען, וויינען פון פרייד, — האָט ער געזאָגט.

ער איז צו צו אברהמען, האָט אים אַרומגענומען און אַ זאָג געטאָן:

— ניט נאָר מיר אין סיביר האָבן נאָך דיר געבענקט, נאָר, איך גלויב, גאַנץ רוסלאַנד מוז נאָך דיר איצט בענקען. דיין מעכטיקע שטימע ווערט געהערט פון דאַנען. דיינע אַרטיקלען, וואָס דו שרייבסט דאָ, ווערן דאָך איבערגעדרוקט אין אויסלאַנד.

— אָבער ניט אַלץ קען מען אין רוסלאַנד איבערדרוקן, — האָט געענט־פערט מאַקאַרקאַ. — איז ווי זשע?

— מען דרוקט אין דייטשלאַנד און מען שמוגלט אַריין אין רוסלאַנד, — האָט גרושקאַ געענטפערט. — אַזוי טוט מען איצט אין רוסלאַנד.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט אברהם געפרעגט.

— איך אַליין האָב געלייענט דיינס אַן אַרטיקל, וואָס מען האָט מיר צוגע־שיקט פון רוסלאַנד קיין יאַפּאַן, אין דער פאָרם פון אַ פּראָקלאַמאַציע.

— אָ, דו מיינסט צום ערשטן מאַי! — האָט אברהם געפרעגט.

— יאָ, — האָט גרישקאַ געענטפערט.

— דאָס האָב איך געשיקט צו ליובאַן גלייך קיין רוסלאַנד, — האָט אברהם געזאָגט.

דורך דער צייט האָט לידא געמאַכט טיי, און האָט זיי איינגעלאַדן.

— איין זאַך פעלט דאָ אין אַמעריקע, — האָט לידא געזאָגט — אַ סאַ־מאָוואַר!

— יעדעס לאַנד האָט איר אייגן לעבן, — האָט מאַריאַ געזאָגט. — מיך אַרט ניט איצט וואָס איך עס, אַבי איך בין זאַט. מיך אַרט ניט וואו איך שלאָף, אַבי זיכער און ניט געשטערט.

— הייסט עס, איר האָט שוין אַראָפּגעלאָזן די הענט? — האָט אברהם געזאָגט.

— איך בענק נאָך רו, און איך דאַרף רו, — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— און דו, גרישקאַ? — האָט אברהם אים געפרעגט.

— דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אויך מיד . . . פיל דורכגעמאַכט! . . .

דערווייל מוז איך האָבן רו, רוען אַ ביסל . . . שטייענדיק אַנטקעגן דעם טויט, האָט זיך מיר פאַרוואָלט לעבן. ווען די הינט האָבן אָנגעשטעלט אויף מיר די ביקסן און האָבן מיך כמעט נאַקעט איבערגעלאָזן, צונעמענדיק אַלץ וואָס איך האָב געהאַט, און דערנאָך שטאַרבנדיק פאַר אַ שטיקל ברויט, האָב איך דאַן

געהאַט איין געדאַנק: איך מוז לעבן! . . . דאָס האָט מיר געהאָלפן איבערטראָגן אַלע צרות, — האָט גרישקאַ געענטפערט. — אָט אַזוי אַ, טאַוואַרישטש צייטלין.

דריטער קאַפּיטל

אין אַ זייטיק געסל, לעבן בראָנקס פּאַרק, האָט אברהם געדונגען אַ קליין האַלצערן הייזל פון זעקס צימערן מיט אַ „פּאָרטש". מיט זיי האָבן זיך אַריינגעקליבן מאַריאַ און גרישקאַ.

אַלץ איז געגאַנגען ווי פריער: אברהם האָט געאַרבעט אַלס זשורנאַליסט, מאַקאַרקאַ האָט געשריבן זיינע דראַאינערונגען און פלעגט פאַרברענגען מיט די קינדער אין בראָנקס פּאַרק, און לידאַ האָט געפירט דאָס הויז.

גרישקאַ איז אַוועק אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, און ביינאַכט האָט ער זיך געלערענט, ביז ער וועט זיך דערלערנען די שפּראַך און וועט דערנאָך עפענען אַן אָפיס.

מאַריאַ האָט דורך רעקאָמענדאַציע געקראָגן אַ שטעלע אין אַ רוסישער צייטונג, און זי האָט דאָרט שווער געאַרבעט.

ס'איז געקומען מאַי, די ביימער אַרום דעם הייזל האָבן גענומען בליען... מען פלעגט אָפּזיצן גאַנצע אָוונטן און זינגען אַלע רעוואָלוציאָנערע לידער, פאַר וועלכע מען וואָלט אין רוסלאַנד פאַרשיקט קיין סיביר . . . יאָ, אין סיביר פאַרשיקט ! . . .

צווישן די נייע הויז־מענטשן איז צוגעקומען אַ יונג מיידל פון דער שטאָט ה. זי האָט מיטגעבראַכט אַ בריוו פון שמואליקן, אברהמס ברודער. ער האָט אברהמען געבעטן אַכטונג צו געבן אויף איר, ביז זי וועט זיך דערשלאָגן צו אַ ציל . . . איר נאָמען איז געווען לייצע. דאָס מיידל האָט געוואוסט וועגן מרימס טויט . . . שמואליק האָט איר אָנגעזאָגט, אויב אברהם ווייסט ניט דערפון, זאָל זי זיך מאַכן ניט ווויסנדיק און אים גאָרניט דערציילן, אַ וואָרט ניט צו דערמאָנען וועגן מרימען . . .

לייצע איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ בלאָנדינקע, און האָט אויסגעקוקט ווי אַ מלאך . . . אירע עלטערן זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די פּאָגראָמען און זי האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי איר מומע זעלדע, אַן אָרימע אלמנה, אין דער שטאָט ה.

די מומע זעלדע איז דאָס געגאַנגען צו רב שמואלקן, אַז ער זאָל איר געבן דעם אַדרעס צו אברהמען און אַ בריוו, אַז אברהם זאָל אויף איר אַכטונג געבן אין דעם גרויסן פרעמדן לאַנד אַמעריקע.

זי האָט יעדע זאַך פאַרקויפט און זיך אָנגעליען פאַר די נייטיקע רייזע־קאָסטן פאַר דעם מיידל.

רב שמואליק, גוטהאַרציק פון נאַטור, האָט איר ניט געקענט אָפּזאָגן, הגם ער האָט געוואוסט אַז ער האָט קיין רעכט ניט אויף אברהמען אַרויפצוואַרפן פליכטן. אברהם איז דאָך ניט ווי ער!

אין בריוו האָט שמואליק געבעטן זיין ברודער מיט תורה־ווערטער, און אברהם האָט דאָס געטאָן גערן און מיט ליבע.

ער האָט פאַר איר געקראָגן אַ שטעלע אין אַ פאַבריק פון פרויען־הוטן, און אַ דאַנק זיין רעקאָמענדאַציע, האָט זי געקראָגן 4 דאָלער אַ וואָך. פאַר דירה־געלט האָט אברהם איר ניט גערעכנט. און זי האָט נאָך עטלעכע דאָלער געשיקט צו איר מומען.

לייצע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געדאַנק: ווי קען זי דערציילן אברהמען וועגן דעם אומגליק פון זיין שוועסטער? ווען ער וואָלט ניט אַוועקגעפאָרן וואָלט דאָך דער אומגליק מיט איר אפשר ניט פּאַסירט . . .

יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט טרעפן, אַז אברהם פלעגט פרעגן לייצען צי זי האָט פּאַר איר אָפּפאָרן געזען מרימען, פלעגט זי פילן, ווי ער וואָלט איר דערלאַנגט איבערן קאָפּ. וואָס זאָל זי אים ענטפערן? דערציילן וועגן אומגליק? דאָס וואָלט אים צעבראָכן . . . אָדער ווער ווייס וואָס . . . עס קומט אויס אַלע־מאָל צו זאָגן ליגן און זי פלעגט דערביי פאַרבייסן די ליפּן און ענטפערן: יאָ, געזען! זי קוקט אויס פיין . . . און פלעגט בעת מעשה, אָדער אָפּקערן זיך, אָדער פאַרפירן אַן אַנדער געשפרעך, צי פאַרדרייען דעם שמועס . . .

איינמאָל, נאָך אַזאַ געשפרעך, האָט זיך איר געחלומט מרים. זי האָט זי געזען אין חלום פּונקט ווי אַמאָל, ווען מען האָט זי אַרויסגענומען פון וואַסער. זי איז איז געווען געשוואָלן פון וואַסער און די הענט צוזאַמענגעדריקט אין פּאַטשיילע.

נאָך יענער נאַכט האָט לייצע ניט געקענט גיין אַרבעטן דעם ערשטן האַלבן טאָג. זי האָט זיך צום צווייטן האַלבן טאָג קוים דערשלעפּט צו דער אַרבעט . . .

לידא האָט באַמערקט, אַז מיט לייצען קומט עפּעס פאָר . . . זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זי איז אַזוי אומעטיק. לידא האָט געטראַכט, אַז דאָס מוז זיין ליבע . . . זי מוז ביי איר אַנטאַפּן דעם דופק. זי מוז איר אויך געבן שוועסטערלעכע פריינטשאַפט. זי איז אַזאַ מאָדנע . . . זי האָט דאָ פּאַר קיינעם ניט איר האַרץ אויסצורעדן . .

ווען לייצע איז אַהיימגעקומען אַן אומעטיקע, אַ פאַרקלערטע, איז אין הויז קיינער ניט געווען אַחוץ לידא. לייצע האָט זיך צוגעזעצטביים פענצטער מיט אַ בוך, אָבער זי האָט ניט געלייענט.

— וואָס איז מיט אייך? — איז צו איר לידא צוגעקומען און האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט. — פאַרוואָס זייט איר די לעצטע צייט אַזוי אומע־טיק, אַזוי פאַרטראַכט? אפשר קען איך אייך העלפן מיט עפּעס? רעדט זיך אויס פאַר מיר.

— איך וויל זיך אַרויסקלייבן פון דאַנען, — האָט לייצע געענטפערט.

— פאַרוואָס? וואָס פעלט אייך דאָ? אָדער האָט אייך עמיצער באַליידיקט? און אַחוץ דעם, קאָסט דאָך אייך ניט קיין רענט! איר פאַרדינט דאָך ניט אַזויפיל...

— אָבער איך קען דאָ מער ניט וואוינען . . . — האָט זי אַריינגעגראָבן איר קאָפּ אין אירע הענט און האָט זיך שטיל צעכליפּעט . . .

— דאָס איז דאָך אָבער מאָדנע, זייער מאָדנע . . . — האָט לידא געזאָגט.

— זאָגט מיר, וואָס אייך דריקט? . . . איך בין דאָך אַ פרוי . . . איך בין גרייט אייך אויסצוהערן . . . אַז מען רעדט זיך אַראָפּ ווערט גרינגער . . . און אַמאָל אַן עצה אויך . . .

לייצע האָט אויפגעהערט צו וויינען און געשוויגן.

— נו, נו, זייט ניט קיין נאַר . . . נעמט זיך אַן מיט מוט . . . דער־ציילט, לייצע! . . .

— לידא! — האָט לייצע זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט. — איך קען שוין מער ניט אויסהאַלטן . . . איך קען ניט! . . . איך וועל פון זינען אַרונטער! . . . איך וועל שטאַרבן! . . .

— אָבער זאָגט מיר, וואָס? ווארום זאָגט איר ניט? — האָט לידא אויפֿגערעגט געפרעגט. — דאָך, רעדט, אַ וואָרט!

— הערט זיך צו, לידא! — האָט לייצע געזאָגט. — איר מוזט זיך צוגרייטן צו דעם, וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן, דאָס וועט פֿאַר אייך זיין אַ גרויסער קלאַפּ, און נאָך אַ גרעסערער פֿאַר אמרהמען . . . נו, ווילט איר זיין גרייט? . . .

לידא האָט אויפגעעפנט אויף איר אַ פאַר אויגן: וואָס מיינט זי מיט דעם? פֿאַר שרעק האָט איר געגומען קלאַפּן דאָס האַרץ. זי איז בלאָס געוואָרן. אָבער זי האָט באַלד באַגריפן, אַז לייצע אַליין ווערט אויך צעשראָקן, קוקנדיק אויף איר און אויף איר שרעק . . . און זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך באַהערשט. זי האָט טיף אָפגעאָטעמט און אַ זאָג געטאָן:

— איך בין גרייט אַלץ צו הערן. נאָר גייט פאַמעלעך, ניט מיט איין קלאַפּ!...

לייצע האָט גלייך ניט געקענט ריידן. זי האָט געשטאַמלט מיט די ליפּן, ווי צו וויינען:

— לידא . . . איר הערט, לידא . . . איר הערט . . . — האָט זי גענומען שטאַמלען.

— געוויס הער איך, — האָט לידא געענטפערט און זיך געטרייסלט, געבראָכן די הענט. — נו זאָגט שוין, זאָל נעמען אַ סוף! . . . איך וועל שטאַרבן, אַז איך וועל ניט וויסן! . . .

— ווען איר זייט אַוועקגעפאָרן, איך מיין קיין אַמעריקע . . . — האָט לייצע אָנגעפאַנגען —

לידא האָט אָנגעכאַפּט לייצען פֿאַר דער האַנט.

— נו, נו, לייצע! . . .

— אויב איר וועט זיך ניט באַהערשן, פאַרלאָז איך דאָס הויז; אויב איר זייט שוין אַזוי אויפגערעגט, איידער וואָס־ווען, הייגט ווי וועט שוין זיין, אַז איר וועט פון אַלצדינג וויסן?! הערן . . .

— אָרימע מרים, — האָט לידא געשטאַמלט . . .

— איר ווייסט? — האָט לייצע זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— איך שטויס זיך שוין אָן . . . — האָט לידא געזאָגט מיט אַ זיפץ, און טרערן האָבן זיך גענומען גיסן.

— אויב אַזוי, וועל איך שוין ענדיקן, — האָט לייצע געזאָגט. דאָס איז געווען, ווען איר האָט זיך געזעגנט און ווען אַלע זיינען אַהיימגעגאַנגען . . . אין דריי טעג שפּעטער האָט מען זי געפונען, יאָ, שווימענדיק אויפן טייך . . . אָן אַ געשריי איז לידא געפאַלן אין חלשות.

לייצע האָט זי אָפגעמונטערט און זי אַריינגעלייגט אין בעט. דערביי האָט לידא געבעטן לייצען עס ניט צו דערציילן אברהמען.

— ער איז זייער פאַרנומען און ער פילט זיך ניט געזונט. די טרויעריקע בשורה קען אים דערהרגענען . . .

לידא האָט דערנאָך ביי לייצען אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן וועגן מרימס טויט . . .

לייצע האָט זיך געפילט אַ סך גרינגער . . . עס איז ביי איר אַראָפּ אַ האַלבער שטיין פון האַרצן און, ווען אברהם וואָלט אויך געוואוסט, וואָלט ביי איר דער גאַנצער שטיין אַראָפּגעפאַלן. און גרינג און לייכט וואָלט געווען איר לעבן . . . זי האָט געטראַכט: איצט, אַז זי וועט דאַרפן זאָגן אַ ליגן וועגן מרימען, וועט

שוין לידא זיין אַ שותפטע, און זי וועט פילן, אַז זי האָט געזאָגט אַ העלפט פון ליגן. איר איז גרינגער געוואָרן . . .

פערטער קאַפּיטל

ס׳זיינען אַוועק צוויי וואָכן זייט לידא האָט אויסגעפונען דעם טרויעריקן סוף פון מרימען. זי איז די גאַנצע צוויי וואָכן געלעגן אין אַ נערוועזן צוזאַמענברוך. אויף איר האָט זיך צעגאָסן דער זעלבער טרויער, וואָס פריער אויף לייצען...

אברהם איז פילע טעג אין ערגעץ ניט געגאַנגען. ער פלעגט זיצן לעבן איר. ער האָט פון איר געוואָלט דערגיין, וואָס איז מיט איר געוואָרן? צי זי איז קראַנק? מען דאַרף אפשר רופן אַ דאָקטאָר? זאָל ער רופן אַ דאָקטאָר? און אַז ער האָט זי דאָס געפרעגט, האָט זי געהאַט איין־איינציקן ענטפער: ניין און ניין! . . .

אברהם, מיט זיין גרויסן פּסיכאָלאָגישן בליק, האָט עפּעס באַמערקט . . . זייט לידא איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, פאַרדאגהט, האָט לייצע, פאַרקערט, זיך געביטן: זי איז געוואָרן לעבעדיקער, רעדעוודיקער — גאָר אַן אַנדערער מענטש . . . אָבער לידא איז אין דער זעלבער צייט געוואָרן אומעטיק, און זי טראַכט נאָר כסדר . . . ער וועט עס נאָכזוכן, ער מוז אויסגעפינען אויב דאָס האָט צו טאָן מיט די זעלבע אורזאַכן . . .

ער האָט זייביידן גענומען נאָכשפּיאָנירן. פיל מאָל האָט ער באַמערקט, ווי די צוויי פרויען ריידן צווישן זיך, און ווען נאָר זיי דערזעען אים, ווערן זיי שטיל און צעטומלט, און אַמאָל גייט איינע פון דער צווייטער אַוועק, צעשיידנדיק זיך.

לייצע האָט זיך איצט געפילט זייער צוגעבונדן צו לידאן. זי האָט איר אין הויז געהאָלפן, פאַרבראַכט מיט איר, געלייענט פאַר איר; זי האָט געוואוסט, אַז לידא האָט איבערגענומען העלפט פון איר יאָך און, זי מוז איר דערפאַר העלפן . . .

אברהם האָט דאָס אַלץ באַמערקט און ער האָט נאָך מער גענומען אויספרעגן לידאן. געטאָן האָט ער עס פאַרזיכטיק, זי זאָל ניט באַמערקן און ניט פאַרדעכטיקן. אָבער זיין אַרבעט איז אים שווער געגאַנגען. דאַן האָט ער געבעטן מאַריאַן, זי זאָל עפּעס אויסגעפונען, וואָס מיט לידאן איז געוואָרן. זי איז פאַרט אַ פרוי: אַ פרוי מיט אַ פרוי . . .

עטלעכע מאָנאַטן זיינען אַוועק. לידא האָט זיך גענומען ביסלעכווייז צו בעסערן. זי האָט אויך געפילט איצט געוויסנביסע, אַזוי ווי לייצע האָט פריער געפילט. איר וואָלט אויך געווען אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן . . . זי האָט דעם טרויער כמעט פאַרגעסן, נאָר די געוויסנביסע, אַז זי באַהאַלט דעם סוד פון אברהמען, דאָס פלעגט זי פּלאָגן . . . זי האָט אָבער באַשלאָסן, אַז אברהם טאָר פון דעם ניט וויסן, און איצט טאָר ער עס אוודאי ניט וויסן . . .

ס׳איז געווען אין מיטן יולי, ווען לידא האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין איינקויפן, האָט דער פּאָסטמאַן איר דערלאַנגט אַ בריוו. זי האָט דעם בריוו אַוועקגעלייגט אויף אברהמס שרייבטיש. זי האָט דעם בריוו ניט געוואָלט עפענען.

קומענדיק צוריק פון איינקויף, האָט לידא אָפּגעטאָן איר אַרבעט, און בעת דער אַרבעט האָט איר דער בריוו ניט רואיק געלאָזט: יעדעס מאָל ווען זי פלעגט פאַרבייגיין, פלעגט איר האַנט ציען צום בריוו. עפּעס מאָדנע, — האָט זי ביי זיך געטראַכט. — מיך האָט קיינמאָל ניט געצויגן צו עפענען אברהמס בריוו, כאָטש איך מעג דאָס טאָן . . . דאָס האָט איר אברהם דערלויבט. אָבער דאָ אין אַמעריקע האָט זי דאָס ניט געטאָן.

לידא איז אַרויס אין דרויסן, האָט באַקוקט די בלומען אַרום שטוב, דערנאָך האָט זי זיי באַגאָסן און אויסגעריסן די פּאַרדאַרטע. זי האָט זיך דערנאָך געזעצט אויפן גאַניק זיך אָפּרוען. זיצנדיק אין גאַס זיינען אירע אויגן און האַרץ געווען אין שטוב ביים בריוו . . . זי האָט זיך אַ הויב געטאָן, ווי אימעצער וואָלט זי אויפגעהויבן, און איז אַריין אין שטוב . . . זי איז צו צום טיש, אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן בריוו און, צוריקגענומען די האַנט . . .

— וואָס איז דאָס מיט מיר היינט? — האָט זי געטראַכט. — וואָס פאַר אַ מיסטעריעזע מאַכט ציט מיך צו דעם בריוו? . . .

עס דערהערט זיך אַ קלונג אין טיר.

לידא האָט די טיר געעפנט און לייצע איז אַריינגעקומען.

— גוט וואָס איר זייט דאָ, — האָט לידא זיך דערפילט לייכטער.

— וואָס איז אַזוינס? עפּעס נייעס? . . . — האָט לייצע געפרעגט.

— איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז היינט . . . האָט לידא צו איר געזאָגט. — עס איז היינט אָנגעקומען אַ בריוו פון שמואליקן און עפּעס ציט מיך דעם בריוו צו עפענען . . . אַ גאַנצן טאָג, אַז מיך שטופט צום בריוו . . .

— פאַרוואָס זאָלט איר אים ניט עפענען? — האָט לייצע איר געראָטן.

לידא האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו און האָט אים מיט ציטערנדיקע הענט געעפנט, און ציטערנדיק גענומען אים לייענען . . .

— איר הערט? — האָט לידא געזאָגט צו לייצען — ער בעט, אַז אברהם זאָל אים העלפן פאַר מצבות, פאַרן פאָטער, מוטער און מרימען . . .

— אַזוי? — האָט לייצע אַ ברום געטאָן. — ער מיינט, אַז איך האָב שוין דאָ אַלץ דערציילט . . . זאָגט מיר נאָר, לידא, וואָס שרייבט ער אַחוץ דעם אין בריוו?

— גאָרניט, ס'איז זייער שלעכט אין דער שטאָט ה. אַלע צעפאָרן זיך קיין אַמעריקע אָדער אַנדערשוואו, און קוים וואָס מען מאַכט אַ לעבן . . .

— פאָלגט מיך, צעררייסט דעם בריוו און לאָזט אים גאָר ניט וויסן וועגן דעם . . . און איך וועל שרייבן צום רב שמואליקן, אַז אברהם ווייס פון גאָרניט און מיר האָבן דעם בריוו צעריסן, — האָט לייצע געזאָגט. — טוט ווי איך הייס אייך!

— איר ווייסט וואָס נאָך? — האָט לידא געזאָגט. — שרייבט אים, אַז מיר'ן שיקן אַ ביסל געלט, וועלכע ער וועט האָבן גענוג פאַר די מצבות, און אברהם וועט פון דעם ניט וויסן.

— דאָס איז אויסגעצייכנט, — האָט לייצע געזאָגט, און איז גלייך אַוועק שרייבן דעם בריוו.

לידא האָט צעריסן דעם בריוו אויף זייער קליינע שטיקלעך און די קליינע שטיקלעך אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קערבל.

איינציקווייז זיינען איינער נאָכן אַנדערן געקומען אין הויז:

דער ערשטער איז געקומען אברהם, דער צווייטער איז געקומען גרישקאָ, דאַן איז געקומען מאַריאַ. מאַריאַ האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ חברטע אירע, אַ געוועזענע רוסישע קניאַגינע, אַן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד, פון דער צאַרישער אָכראַנע . . .

דער לעצטער איז געקומען מאַקאַרקאַ.

מאַריאַ האָט די קניאַגיניע פאָרגעשטעלט פאַר אַלעמען, און אין הויז איז יענעם אָוונט געווען זייער פריילעך. דער קניאַגיניעס נאָמען איז געווען קאַטיאַ

זיבאָוואַ. איבערהויפּט האָט געזונגען און געלאַכט גרישקאַ. ער האָט געשפּילט אויף זיין פידל און האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף קאַטיאַן . . .

קאַטיאַ איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס און צוואַנציק, הויך און איידל. זי האָט געהאַט אַ פּנים ווי פון ראָזאָווען וואַקס, דורכזיכטיק, מיט פולע רויטע ליפּן, וואָס ווייזט, אַז זי האָט זיי אַ ביסל צוגעפאַרבט. אירע האָר זיינען געווען גאָלדיק־העל און די אויגן בלויע, גרויסע, פאַררייסענע, און אימער איז דער שמייכל אויף איר געלעגן און די ווייסע, קליינע ציינדלעך פלעגן זיך אַרויסזען.

— גאָט, ווי שיין זי איז! — פלעגט גרישקאַ טראַכטן און ניט קענען אַראָפּנעמען די אויגן פון איר. — דאָס איז דאָך אַ מלאך!

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען פאַרבראַכט, און ביים אַוועקגיין האָט גרישקאַ זי גענומען איינרעדן, אַז זי זאָל נעכטיקן ביי זיי. זי וועט שלאָפן מיט מאַריאַן.

— פאַרוואָס זיך שלעפּן אַזוי ווייט מיטן סאַבוויי? און דערנאָך מיטן קאַר אין מיטן נאַכט?

קאַטיאַ האָט געוואוינט אויף קאָלאָמבוס עוועניו און 85טע גאַס, ביי אַ יונג רוסיש פּאָרפּאָלק. קאַטיאַ האָט ניט איבעריקס געליבט די געזעלשאַפט מיט זיי. פלעגט בעסער אָפּזיצן גאַנצע טעג און נעכט און לייענען ביכער: נאָר אַז זי איז שוין ווען געקומען אין געזעלשאַפט, איז זי געווען זייער פריילעך, און פלעגט ביי זיך ווינטשן, אַז דאָס זאָל קיינמאָל ניט אויפהערן.

קאַטיאַ האָט געהאַט אויף אַלצדינג. זי האָט געקויפט די טייערסטע ביכער, און הגם זי האָט געטראָגן נעטע קליידער, איז דאָס געווען געקויפט אין די טייערסטע פינפטע עוועניו געשעפטן. איר פאָטער האָט איר אויף אַלץ געשיקט. אָבער גליקלעך איז זי ניט געווען. זי האָט געבענקט נאָך דעם שטורעם און נאָך דעם קאַמף . . .

אַ, ווען רוסלאַנד וואָלט געווען אַזוי פריי ווי אַמעריקע, ווי גליקלעך זי וואָלט דאָרט געווען. דאָרט איז פאָרט אינטערעסאַנטער דאָס לעבן איידער דאָ. שוין צוויי יאָר ווי זי איז דאָ און זי קען זיך ניט צוגעוואוינען צו דעם אַמע־ריקאַנער לעבן.

— פרייהייט אַליין איז ניט גענוג, — פלעגט זי טראַכטן. — און אפשר וייל מיר פעלט די געזעלשאַפט? . . . די איינזאַמקייט פאַרפרעמדט מיך אַפילו אויך פון דער פרייקייט . . .

קאַטיאַ האָט פיינט געהאַט שיינע מענער. זי האָט קיין אינטערעס ניט געקענט געפינען אין אַ צו שיינעם מאַן. איר האָט געררייצט אַ שטאַרקער מאַן, אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט האָר באַוואַקסן. זי האָט ניט געליבט די געגאָלטע מענער. עס מאַכט זיי אויסזען ווי פרויען, — פלעגט זי זאָגן . . .

זי האָט געקוקט אויף גרישקאַן, ווי ער בעט זיך ביי איר זי זאָל ניט גיין אַזוי שפּעט. די אַנדערע, וועלכע האָבן אויך ביי איר געבעטן זי זאָל בלייבן, אויף זיי האָט זי אַפילו קיין קוק ניט געטאָן, זיי אַפילו ניט געהערט, כאָטש זי האָט געקוקט אויף אַלעמען און געהערט אַלעמען . . . איר אויער און אויג האָבן אָבער געקוקט צו אים, צו דעם בלאָנדן גרישקאַן.

געשלאָפן איז קאַטיאַ מיט מאַריאַן. און אברהם איז געשלאָפן מיט גרישקאַן, און לידאַ מיט לייצען.

געשלאָפן זיינען אַלע, אַחוץ קאַטיאַ און גרישקאַ . . .

קאַטיאַ האָט פאַר זיך געזען דעם גרויסן שטאַרקן מאַן, וואָס איז געלעגן

אין איר טרוים . . . זי זעט זיינע בלויע אויגן, זיינע שטאַרקע, ווייסע ציין. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז פאַרליבט אין איר, אַז ער איז אירער, אירער. זי פילט אים לעבן זיך . . . זיין אָטעם ברענט אויף איר. ער שלינגט זי מיט די אויגן, מיטן גאַנצן ברען פון זיין קערפּער, פון זיין נשמה . . . זי האָט קיין אַנדערע זאַך ניט געקענט טראַכטן אַחוץ פון אים . . .

שפּעט אין דער נאַכט איז זי איינגעשלאָפן.

גרישקאַ איז אויך געלעגן האַלב פאַרחלשט פון ניט שלאָפן, דאָך האָט ער ניט געקענט שלאָפן . . . ווי אַ טומאַן וואָלט זיך פאַרלייגט אויף זיין מוח.

— קאַטיאַ! . . . אַך, שיינהייט, ווי קלוג זי איז! . . . נאָך קיין איין פרוי האָט אין מיר ניט דערוועקט דאָס, וואָס זי . . . די לייכטנדע קאַטיאַ! . .

און מאַריאַ? . . . האָט אַ בליץ געטאָן אין זיינע געדאַנקען . . . וואָס וועט זיין מיט איר? . . .

— זי, וואָס האָט מיר געהאָלפן טראָגן דעם יאָך און דעם שרעק פון לעבן, זי, וואָס האָט מיר געגעבן איר ליבע אָן פראַגן . . . אָן פליכטן . . . אָן גאַראַנ־טיע . . . וואָס וועט זיין מיט איר? . . . פאַרוואָס האָט זי, יענע, געבראַכט אַהער? . . . האָט זי דען אַלס פרוי ניט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מיידל קען מיט־רייסן יעדן מאַן? . . .

די גאַנצע נאַכט, ווען קאַטיאַ איז שוין אַפילו געשלאָפן, איז נאָך אַלץ גרישקאַ געלעגן וואַכנדיק, ווי אַ דיקער וואָלקן וואָלט געלעגן אויף אים.

צום פרישטיק האָבן זיך אַלע געאיילט. איבערהויפּט מאַריאַ, לייצע און גרישקאַ, ווייל זיי דאַרפן קומען אין צייט צו זייער אַרבעט.

— וואָס זיינען ביי דיר די אויגן אַזוי רויט? — האָט מאַריאַ פאַרזאָרגט געפרעגט גרישקאַן. — דו פילסט זיך ניט גוט? ניט געזונט?

— ניין, האָט גרישקאַ געענטפערט. — עפּעס האָט זיך מיר ניט גע־שלאָפן . . . איך קען דאָס ניט פאַרשטיין.

— ניט קיין באַקוועמען שותף געהאַט אין בעט? — האָט זיך אברהם, לאַכנדיק, אָפּעגרופן.

— דאָס קען אפשר אויך זיין, — האָט לידאַ שמייכלענדיק איינגעשטימט.

קאַטיאַ האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט . . . זי האָט אינסטינקטיוו געפילט, אַז זי איז דאָס די אורזאַך פון שלאָפלאָזער נאַכט. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און ווען ניט ווען געקוקט פאַרגנבעט אויף גרישקאַן . . .

נאָכן פרישטיק האָט יעדער גענומען זיין וועג. מאַריאַ האָט זיך צעקושט מיט גרישקאַן און אַ זאָג געטאָן:

— טייערער גרישקאַ, טאָמער וואָלסטו באַגלייט קאַטיאַן?

— צו וואָס דער גאַנצער „טראַבעל“? — האָט זיך קאַטיאַ אָנגערופן, און איר פּנים האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען, און זי האָט געוואונטשן ער זאָל זי באַגלייטן.

— פאַרוואָס ניט? — האָט גרישקאַ געפרעגט, און זיך אויך פאַררויטלט.

— גיי, קאַטיאַ, — האָט מאַריאַ געזאָגט — ער וועט דיך באַגלייטן . . .

פינפטער קאַפּיטל

אין סאָבוויי האָבן זיי זיך געזעצט איינע לעבן אַנדערן. גרושקאַ ווי אויך קאַטיאַ זיינען ביידע געווען זייער לייכט אָנגעטאָן, און ווען זיין היפט האָט זיך

אַנגערירט אָן אירער, האָט ער געפילט ווי אַ שטראָם אַ הייסער, אַ פייערדיקער איז איבער אים אַדורכגעגאַנגען . . . ער האָט אַזש פּאָר עטלעכע מינוט ניט געקענט רעדן . . .

די שטילקייט האָטביידן געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָס וועט איר איצט גיין טאָן, אַז איר וועט קומען אַהיים?

ער האָט דאָס גלאָט אַזוי אַ זאָג געטאָן, ניט וויסנדיק ווי אַנצופאַנגען אַ געשפּרעך.

— זיך לייגן שלאָפן, — האָט זי געענטפערט פאַרטראַכט.

— איר האָט אויך ניט געקענט שלאָפן נעכטן ביינאַכט? — האָט ער זי געפרעגט און אויף איר געקוקט פון דער זייט . . .

— ניין, — האָט זי געענטפערט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— מאָדנע, — האָט ער זיך אָפּגערופן — איך האָב אויך ניט געקענט שלאָפן . . . איך בין אַזוי שלעפעריק! . . . אייגנטלעך קען איך היינט דעם טאָג נעמען פּאָר זיך, אויב איך וויל. איך דאַרף נאָר אָפּרופן דאָס שפּיטאָל און לאָזן וויסן, אַז איך קום היינט ניט.

— די צווייטע סטאַנציע דאַרף איך אַראָפּגיין, — האָט קאַטיאַ געזאָגט. — איר פאָרט דאָך ווייטער, ניט אמת? . . . — האָט זי צו אים געשמייכלט, פול מיט רייץ.

— איך דענק, איך וועל אָפּרופן דעם שפּיטאָל, אַז איך נעם היינט „אָף“. איך וועל אויך גיין זיך אַדורכשלאָפן . . .

— איר קוקט טאַקע אויס מיד און פאַרשלאָפן. — און זי האָט פון דער זייט געקוקט אויף אים . . . אייביק וואָלט זי וועלן אַזוי זיין לעבן אים . . . ווי גוט זי פילט זיך . . . ווי גרויס, ווי מעכטיק ער איז . . . דאָס איז אַ מאַנצביל, — האָט זי אין זיך גערעדט.

— איך וועל אייך צופירן אַהיים, — האָט ער געזאָגט.

— דענקט איר ניט, אַז איך מאַך אייך צופיל טרחה? — האָט זי געפרעגט.

— אַפילו אַ האָר ניט, — האָט ער געענטפערט. — איך בין צופרידן.

— אויב איר ווילט, קענען מיר אַדורכגיין דעם פּאַרק. היינט איז אַזוי שיין, און עס איז ניט אַזוי שטאַרק הייס: ווי דענקט איר, מיסטער איוואַנאָוו?

— היינט איז וואונדערבאַר, זייער שיין! . . . — און ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, זי אַדורכצופירן די גאַס.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. ניט ווילנדיק האָט זיין האַנט זיך צוגעדריקט צו איר ברוסט און ער האָט גיך די האַנט אָפּגערוקט . . .

ער, דערפילנדיק מיט זיין האַנט איר ברוסט, איז גאָר צעטומלט געוואָרן. אין קאָפּ האָט אים גענומען שווינדלען. ער האָט פעסטער גענומען דריקן איר אָרעם . . . ער האָט זיך אָבער דערמאָנט: וואָס טוט ער?

זי האָט אים אָבער גאָרניט געזאָגט און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, ביז זיי זיינען אַריין אין צענטראַל פּאַרק. דאָס גראָז איז געווען גרין און באַשניטן, גלייך ווי אַ ים, ווי אַ גרינער טייך.

די הויכע גראָזן האָבן זיך געבויגן, ווי כוואַליעס אויף אַ טייך.

גייענדיק דורכן פּאַרק, האָט ער זי עטלעכע מאָל גענומען פאַרן אָרעם. זי האָט אים גאָרניט געזאָגט. ער האָט זי געפרעגט, צי זי האָט אַ באַזונדער צימער. זי האָט אים געענטפערט, אַז יאָ . . . און זי האָט אים שוין דערציילט, אַז איר

מיסטער און מיסעס אַרבעטן.ביידע אינטעליגענטע מענטשן. זיי ווילן אָנזאַמלען געלט און זיך צו עפּעס דערשלאָגן. פּראַקטישע מענטשן, און זיי האָבן רעכט. אַזוי איז גוט!

— זייט איר אימער אַליין אין הויז? — האָט ער געפרעגט.

— פינף טעג אין וואָך בין איך אַליין, ווייל מיין מיסעס אַרבעט ניט שבת און זונטיק. און איך האָב דאָ קיינעם ניט, בין איך נאָר מיט די ביכער, מיטן טעאַטער. איז דאָך גוט, וואָס מיין פאָטער איז אַ רייכער און שיקט גענוג געלט. אָבער איז דאָס גוט? . . . אין רוסלאַנד בין איך געגאַנגען אין שטורעם! . . . געקעמפט פאַרן אָרימען פויער און אַרבעטער. דאָ האָב איך ניט פאַרוואָס צו קעמפן . . .

— אָ, קאַטיאַ, — האָט ער געזאָגט — דאָ איז קיין צאַר ניטאָ, אָבער דאָ איז אַ קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ גרעסערער ווי אין רוסלאַנד. קאַפּיטאַל דריקט גענוג דעם אַרבעטער. לייענט איר גאָר ניט קיין צייטונגען? וועגן סטרייקס, וועגן גע־וואַלדטאַטן קעגן די אַרבעטער, וואָס ווילן פאַרדינען פאַר אַ גרעסערן ביסן ברויט, ווילן אַ ביסל מער רו דורכן טאָג. האָט איר ניט געלייענט, אַז די ראָקעפעלער־אַרבעטער אין ניו־דזשוירזי ווערן דערמאָרדעט פון די באַסישע גענגסטערס און אָפילו פון סאָלדאַטן אויך. דאָ איז קיין צאַר ניטאָ, אָבער דער דאָלער איז דער צאַר! . . . ער האָט שטאַרק אַ דריק געטאָן איר האַנט: — יע, יע, קאַטיאַ, סע זיינען דאָ אַ סך צאַרן! ס'דאָ גענוג מיט וועמען צו קעמפן, — האָט ער פאַר־ענדיקט.

— מיין האַנט! — האָט קאַטיאַ אַ קרעכץ געטאָן. — וואָס האָט איר צו מיין האַנט? בין איך שולדיק, וואָס דער דאָלער איז דאָ דער צאַר?!

— אַנטשולדיקט, טוט אייך וויי? — האָט ער געפרעגט און איר געקוקט אין פּנים.

— ניט געפערלעך, — האָט זי געזאָגט און זיס געשמייכלט צו אים, אַז ער, קוקנדיק אויף איר, האָט זיך אַליין צעשמייכלט.

— אַז איר קענט נאָך אַזוי שיין שמייכלען, איז נאָך אַל־רייט . . .

— וואָס האָט איר געוואָלט, מיך דערהרגענען? דערשטיקן? — האָט זי זיך צעלאַכט.

— אייך דערהרגענען, וואָס רעדט איר? איך וואָלט אַ וועלט דערהרגעט פאַר אייך! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געקוקט אויף אים און געשמייכלט. זי וואָלט אים צוגעדריקט צו זיך און אים אַ קוש געטאָן.

אַזוי זיינען זיי צוגעקומען צום הויז וואו קאַטיאַ האָט געוואוינט. זיי זיינען געשטאַנען, גערעדט, געלאַכט.

— איר ווילט אפשר אַרויפגיין צו מיר, אַ קוק טאָן אין מיינע ביכער! — האָט זי געזאָגט.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען. אין הויז איז געווען זייער ריין. איר צימער איז געווען פול מיט ביכער פון אַלע רוסישע קלאַסיקער און אויך פראַנצויזישע איבערזעצט אין רוסיש, און פון אַנדערע שפּראַכן אויך.

— אָ, וואָס פאַר אַ ביכער איר האָט! עס קאָסט דאָך אַן אוצר! — האָט ער מיט דערשטוינונג אַ זאָג געטאָן. — מיין גאָט, נו, איר האָט צייט צו לייענען . . .

— עס קאָסט טאַקע, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב אויך ביכער וואָס קאָסטן צו פינף רובל. איך האָב ביי זיך איבער פינף הונדערט ביכער.

— האָט איר זיי אַלע געלייענט, קאַטיאַ?! . . .

— איך לייען אַדורך אַ בוך אַ טאָג און אַמאָל מער . . . איך האָב דען אַנדערש וואָס צו טאָן? ווען ניט די ביכער, וואָלט איך משוגע געוואָרן! גלויבט מיר, איך וואָלט משוגע געוואָרן! . . .

— איך וואונדער זיך, וואָס איר האָט ביי זיך אין קאָפּ, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס ביי יעדער פרוי אין קאָפּ . . . — האָט זי געענטפערט און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף איר און געזאָגט:

— ווי שיין איר זיינט! . . .

— וואָס האָב איך פון דעם? . . . און אַז איך בין שיין? — האָט זי געפרעגט. — וואָס האָב איך פון מיין שיינקייט? ווער קען מיך? ווער ווייס מיך?

— וואָס האָט די בלום, אַז זי איז שיין? — האָט ער מיט אַ כיטרען בליק אַ פרעג געטאָן.

— מען דערקוויקט אַמאָל מיט איר אַ האַרץ . . . האָט קאַטיאַ געענטפערט.

— איך גלויב, אַז אַ בלום וויל מען זאָל זי אָפּרייסן . . . זי האָט הנאה וואָס זי דערקוויקט אַ מענטשנס נשמה . . .

— און די פרוי איז דען ניט קיין בלום? זי דערקוויקט דאָך אויך דעם מאַנס נשמה . . . אַ, די פרויען! . . .

קאַטיאַ האָט געקוקט אויף אים און געשוויגן.

— אַ בלום, אַז זי געפעלט, געניסט מען פון איר . . . — האָט ער געזאָגט.

ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זיך געשטעלט לעבן איר. ער האָט זי גענומען פאַר די הענט און איר געקוקט אין די אויגן . . . זי האָט אירע אויגן אַרונטערגעלאָזן, איר ברוסט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

— קאַטיאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — דערלויבט מיר אייך אַ קוש צו טאָן.

קאַטיאַ האָט זיך באַפרייט פון זיינע הענט און אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל גיין מאַכן טיי און עפּעס צוצובייסן . . .

— ניט נויטיק, קאַטיאַ! . . .

זי האָט ניט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט און איז פלינק פאַרשוואונדן אין קיך. גרישקאַ האָט איר נאָכגעקוקט:

— ווי פלינק זי איז! — האָט ער צו זיך גערעדט און זי געשלונגען אין די געדאַנקען.

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען, מיט גרינע קוויטן. ער האָט גענומען טראַכטן, אָבער אין זאַך האָט זיך ניט געקלעפּט צו אַ צווייטער . . . פון וואָס ער האָט ניט געטראַכט, האָט זיך דאָס צוזאַמענגעמישט מיט קאַטיאַן . . .

— זי האָט מיך היפּנאָטיזירט . . . איך פיל צו איר אַזאַ ווילן, אַזאַ ברען. איך וועל אָן איר ניט קענען אָטעמען . . . גאָט, וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? . . . נו און מאַריאַ? . . . די גוטע מאַריאַ? . . . ווי זי וועט ליידן! . . . אָבער וואָס קען איך העלפן? וויל איך דען איר שלעכטס טאָן? זי האָט זי דאָך אַליין געבראַכט צו מיר.

ער האָט שוין מער ניט געקענט טראַכטן. קאַטיאַ האָט אַריינגעבראַכט טיי

מיט צובייסן, עטלעכע סענדוויטשעס. זי האָט דאָס אַלץ געשטעלט אויפן טישל און פריילעך זיך אָפּגערופן:

— טרינקט און בייסט צו, און זאָגט ניט, ניט!

— איך בין ניט הונגעריק . . . נאָר, אַז איר האָט זיך מטריח געווען, וועל איך זיך געוויס ניט אָפּזאָגן.

ער האָט גענומען אַ גלאָז טיי מיט אַ סענדוויטש.

— דאָס איז אמתע רוסישע טיי, מיסטער גרישקאָ. ערשט נעכטן געקראָגן צוגעשיקט פון מאָסקווע . . . מיין מוטער האָט עס מיר צוגעשיקט.

—ווירקלעך געשמאַק . . . שוין לאַנג ניט געטרונקען אַזאַ טיי, — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

נאָך דער טיי האָט קאַטיאַ זיך צוגעזעצט אויפן בעט, אָנלענענדיק איר קאָפּ אָן קישן. זיי האָבן ביידע גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיך ניט געקלעפּט . . . ווי זיי ביידע האָבן געפילט אין פאַרלעגנהייט . . .

— איבער מיר זיינט איר דערוויל אין שפּיטאָל ניט געגאַנגען, — האָט זי אים געזאָגט און פאַרשמורעט די אויגן, ווי זי וואָלט געקוקט אויף דער זון.

— עס אַרט מיך אַ האָר ניט! . . . האָט ער איר אין די אויגן געקוקט.

— און מאַריאַ? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן, און אין אירע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ טרער, ווי זי וואָלט אויף איר רחמנות געהאַט.

— איך וויל איצט פון קיין זאַך ניט דענקען און ניט קלערן! איר זייט די איינציקע, וואָס פאַרנעמט מיין גאַנצן פאַרשטאַנד . . . צו אייך ציט מיין גוף און מיין נשמה! . . .

ער איז צוגעגאַנגען און זיך געזעצט לעבן איר אויפן בעט. זי האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוקט פון אים . . . ער האָט גענומען איר האַנט — זי האָט זיך ניט געווערט. ער האָט צו איר אַזוי זיס גערעדט און געגלעט איר האַנט, דערנאָך די האַנט אירע צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן און אַ שטאַרקן קוש געטאָן. זי האָט אים ניט געשטערט און גאָרניט געזאָגט . . .

— ליבסטע! — האָט ער זי צו זיך צוגעצויגן און זי גענומען קושן . . . — די ליבסט מיך אויך? . . . האָט ער הייס געמורמלט. — איך זע, אַז דו ליבסט מיך אויך! . . . דו קענסט דאָס מיר ניט לייקענען, קאַטיאַ! . . .

זי האָט אים אַרומגענומען און האָט אים אַ קוש געטאָן גלייך אויף די ליפּן און האָט אים אָפּגעשטופּט.

— גייט, גרישקאָ, איך בין מיד! . . . איך וויל שלאָפן . . . אַ נאַכט ניט געשלאָפן . . . גייט, גענוג היינט! . . .

ער האָט זיך אויפגעהויבן. זי האָט גענומען אויסטאָן די שיך. ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט: וואָס זאָל ער טאָן? ער איז צוגעפאַלן צו אירע פיס.

— איך וועל דיר אויסטאָן . . . — האָט ער געזאָגט.

ער האָט איר אָפּגעשנורט די שיך. זי האָט זיך ניט געווערט. ער האָט איר אויך געהאָלפן זיך אויסציען אויפן בעט, און אַליין האָט ער זיך אויפן זעלבן בעט לעבן איר צוגעזעצט . . .

— גייט, גרישקאָ, אַהיים, — האָט זי ווי באַפוילן, אָבער איר שטימע איז געווען ווייך, צערטלעך — קאָקעטיש . . .

— איך וועל אין ערגעץ ניט קענען איינזיצן, — האָט זיך גרישקאָ גע־בעטן. — טרייבט מיך ניט, קאַטיאַ! . . .

זי האָט אויף אים געקוקט. דער גרויסער מאַן בעט זיך ביי איר: טרייבט

מיך ניט . . . איר האָט זיך געוואָלט אים צוציען צו זיך און קושן, קושן די טיפע, גרויסע בלויע אויגן, נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטן, זי זאָל ניט וויסן ווי שטאַרק זי ליבט אים . . . און ווי זי אַליין וויל אים. אויך האָבן, אייביק האָבן לעבן זיך . . .

איר שווייגן האָט אים געגעבן קוראַזש. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס, זיך איינגעגראָבן אין איר האַלדז און זי געקושט און געביסן . . .

— איך וועל דיך איינגאַנצן אויפעסן! — האָט ער ווי פון היץ געשריגן.

— דו דערשטיקסט מיך! — האָט זי זיך געבעטן. לאָז אָפּ! . . . לאָז אָפּ! . . .

— ניין! מיינע איינגאַנצן . . . — האָט ער הייזעריק געמורמלט.

זיינע הענט האָבן זיך אַ שאַר געטאָן און ער האָט דערפילט, אַז ער באַרירט איר נאַקעט קנעכל פון פוס . . . אין זיין קאָפּ האָט אַ שווינדל געטאָן, זיינע הענט האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן און אויפגעהויבן דאָס קלייד . . .

קאַטיאַ האָט פּרובירט זיך אַ הויב טאָן, געוואָלט אים אָפּשטופּן פון זיך, אָבער איר האָט אויסגעפעלט כוח . . . איר קאָפּ האָט זיך געדרייט, ווי פאַר־שיכורט . . . דאָס האָבן זיינע קושן זי אָפּגעשוואַכט . . זי מוז דאָך עפּעס טאָן . . . וואָס טוט ער? . . . עס טוט ווי . . . אַ מאָדנער ווייטיק . . . אַ מאָדנער, אַ זיסער שמערץ . . . — אוי! אוי! . . . גרישקאַ! — האָט זי אין זיך גע־מורמלט . . .

גרישקאַ האָט געהאַלטן שטאַרק איר קערפּער און באַדעקט מיט קושן איר יערן קרעבץ . . . קאַטיאַ האָט זיך געפילט, ווי אַ קינד, אין זיינע אָרעמס, ווי אַ קליין קינד ביי אַ ריז אין די הענט . . . און ער קען טאָן וואָס ער וויל . . .

זעקסטער קאַפּיטל

דער רעדאַקטאָר, וואו אברהם האָט געאַרבעט, האָט גענומען רעדאַקטירן זיינע אַרטיקלען. ער האָט געשניטן רעכטס און לינקס און צעדרייט זיינע גע־דאַנקען. עס איז געקומען צו אַן איבערברוך צווישן דעם רעדאַקטאָר און אברהמען.

אברהמס אַרטיקלען זיינען געווייינטלעך געווען רעוואָלוציאָנערע, מאַרק־סיסטישע, און דער רעדאַקטאָר האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן.

— איז דאָס אַ סאָציאַליסטישע צייטונג? — פלעגט אברהם פרעגן. — איז דאָס דער רעדאַקטאָר, וואָס דאַרף אויפקלערן דעם אַרבעטער־קלאַס באַ־וואוסטזיין, אָדער איז דאָס אַ געלע קאַפּיטאַליסטישע מאַכערייקע, וואָס זוכט נאָר קונץ־דריידלעך? מיט באָבע־מעשיות, מיט שונד־ראָמאַנען, צו פאַרנעמען אַלטע יידענעס פאַר לייענער, אָדער יונגע סענטימענטאַלע מיידלעך מיט חתן־כלה ווינקלעך? . . .

— אויב דיר געפעלט ניט, קענסטו זיך זוכן אַן אַנדער רעדאַקטאָר, וואָס וועט דיינע אַרטיקלען דרוקן ווי דו שרייבסט! איך דאַרף מיינע לייענער ניט צעברעכן זייערע ציינער מיט דיינע האַרטע, טרוקענע, מאַרקסיסטישע טעאָריעס. דו קריכסט אויף גלייכע ווענט. דיינע אַרטיקלען דאַרפן געשריבן ווערן מיט הונדערט יאָרן שפּעטער . . . וואָס דענקסטו, דער דומער אַרבעטער איז שוין אַזוי דערוואַקסן, אַז ער זאָל פאַרשטיין דיין קאָמוניזם? ווייסטו דען ניט, אַז פילע אַרבעטער קענען קוים לייענען די צייטונג? פאַר זיי דאַרף מען קינדער־מעשהלעך . . . ווערטער וואָס זאָלן זיך וועלן אַליין לייענען . . . ניט אַרטיקלען פאַר פּראָפעסאָרן! . . .

אַ צעבראָכענער, אַ צעטומלטער איז אברהם געקומען אַהיים. ער האָט זיך

אַריינגעוואָרפן אין בעט און זיך גענומען אַרומטראַכטן, וואָס זאָל ער טאָן?!
— נאָ דיר אַ סאָציאַליסטישע ציַיטונג, געגרינדעט אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטער . . . פּאָר זייַנע בלוטיקע פּעניס, ווערט דער אָרימער אַרבעטער ניט נאָר ניט אויפגעקלערט, נאָר ער ווערט נאָך פאַרטעמפּט, אַז ער זאָל ניט וויסן וועגן דער אמתער קראַפט און מאַכט, וואָס ער פאַרמאָגט . . . ניין! דאָס טאָר ניט זיין! . . . איך מוז גיין צו די מאַסן . . . איך מוז זיי אויפקלערן, אַז זיי קאָרמענען פּאַראַזיטן, וואָס זוכן נאָר זייערע אייגענע אינטערעסן און פאַר־דומען דערוויַיל די מוחות ביי די אַרבעטער און מאַכן זיי פאַר בלינדע יאָך־שלעפּנדע פערד! . . . יאָ, פערד ווערן זיי!

* * *

לידא איז אַריין אין דאָקטאר טונקערס אָפיס און שטיין געבליבן.
דער דאָקטאר האָט פאַרשטאַנען איר פאַרלעגנהייט און האָט זיך אָפּגערופן:
— וואָס פעלט אייך, מיס?
— איך בין אַ מיסעס, — האָט לידא געענטפערט.
— נו גוט . . . אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך, מיסעס? — און האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פיגור.
— איך בין שוין איבער פיר יאָר פאַרהייראַט . . . עס ווילט זיך אַ קינד האָבן, און מער נאָך וויל מיין מאַן, אַז איך זאָל האָבן אַ קינד . . .
— נו איז וואָס? — האָט דער דאָקטאר געפרעגט. — דאָס גאָר?
— איך האָב לעצטנס מיין צייט פאַרלוירן . . . אפשר . . . דאָקטאר? . . .
— טוט זיך אויס, זייט אַזוי גוט, און איך וועל אייך אונטערזוכן . . . גייט דאָ הינטער דעם פאַרהענגל, — האָט ער געוויזן אין וועלכן צימער אַריינצוגיין.
— דאָקטאר . . . — האָט לידא געשטאַמלט.
— אַנדערש קען איך ניט וויסן, מיין ליידי.
לידא איז אַריין, זיך אויסגעטאָן און איז אַרויסגעקומען.
— אָט דאָ איז דער „טייבל“, — האָט דער דאָקטאר א זאָג געטאָן און אָנגעוויזן צום טיש.
לידא האָט זיך געלייגט אויפן טיש. איר פּנים האָט געברענט ווי פלאַם פייער. איר האָט זיך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען. אָבער דער דאָקטאר איז געווען לעבן איר.
— נעמט פאַנאַנדער די פיס, זייט אַזוי גוט . . . איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן! . . .
זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געטאָן וואָס מען האָט געהייסן.
— פּאַרטיק! — האָט דער דאָקטאר געזאָגט. — איר קענט אַראָפּגיין, מיסעס.
— שוין? — האָט זי איבערגעפרעגט.
— שוין, און זייט וויסן, אַז איר זייט טאַקע פאַרבונדן. איר שוואַנגערט! . . .
— איך דאַנק אייך, דאָקטאר! . . .
— איר קענט זיך פאַרשרייבן ביי מיר, אויב איר ווילט! — האָט דער דאָקטאר איר פאַרגעשלאָגן איידער זי האָט פאַרלאָזט זיין אָפיס.
— איך וועל קומען מיט מיין מאַן, — האָט לידא געענטפערט.
— גוט! — האָט דער דאָקטאר געזאָגט, און איר געגעבן זיין קאַרט.
— גוד־ביי!
— גוד־ביי!

אויף דער גאַס האָט לידא פרייער אָפּגעאָטעמט און געפילט ווי צו וויינען פאַר פרייד.

— ווען אברהם זאָל וויסן! . . . — האָט זי ביי זיך געטראַכט. — דאַרף איך דאָך דאָס אים דערציילן . . . ווי אַזוי טוט מען עס? ווי אַזוי פאַנגט מען עס אָן צו דערציילן?

און באַלד פאַלט איר איין אַ פּלאַן:

— איך וועל זיך מאַכן קראַנק און הייסן רופן דעם דאָקטאָר טונקער . . . און דער דאָקטאָר וועט פאַרשטיין, וואָס איך מיין, און דאָס וועט זיין פאַר אברהמען אַ גרויסער סורפּריז . . .

די זון האָט געשיינט. דער בראָנקס־פּאַרק איז פון דער ווייטן אַזוי שיין געווען. דער הימל האָט בלוי געגאָסן און ווייסע שטיקער וואָלקנס, ווי וואַטע, זיינען געהאנגען איבערן קאָפּ. לידא איז געגאַנגען פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, האָט פאָרזיכטיק אַריבערגעשפּאַנט די גאַס און געטראַכט פונעם קינד, וואָס זי גייט האָבן . . . וועט דאָס זיין אַ ייִנגעלע אָדער אַ מיידעלע? געוואָלט וואָלט זי אַ ייִנגעלע. עס איז בעסער . . . אַ מיידל האָט אַזויפיל אומבאַקוועמלעכקייטן אויסצושטיין אויף דער וועלט . . . וועט ער זיין ווי דער פאָטער, אָדער ער וועט זיין ווי איך? — האָט זי שטיל גערעדט צו זיך.

— איך וואָלט געוואָלט ער זאָל זיין ווי אברהם: אַ גרויסער, אַ קלוגער, אַ מענטש מיט אַ ווילן און מיט נשמה . . .

זי איז צו צום הויז. די בלומען אין פראָנט האָבן אַזוי שיין געוואַקסן. זי האָט עטלעכע אָפּגעריסן צוליב דער גוטער נייעס . . . זי וועט די עטלעכע בלומען אַריינשטעלן אין בלומען־טאָפּ . . . אַלע וועלן זיך וואונדערן, ווייל זי רייסט די בלומען, וואָס וואַקסן אין פראָנט פון די פענצטער, קיינמאָל ניט אויס . . . אָבער היינט . . .

— עפּעס אומגעוויינלעכעס! — וועט מאַריאַ זאָגן. — ס׳האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז לידא זאָל אָפּרייסן בלומען . . .

היינט לייצע, ווי וועט זי דאָס אָנשטעלן אַ פּאָר אויגן, און שמייכלען, און אויף איר קוקן מיט איר שוועסטערלעכער גוטסקייט.

— וואָס איז דאָס? — וועט זי טראַכטן.

אברהם וועט זיכער צושטיין צו איר און וועלן וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— לידא, טייערע, עפּעס האָט דאָך פּאַסירט מיט דיר! דערצייל, דערצייל!...

אַזוי טראַכטנדיק איז זי אַריין אין הויז, האָט די בלומען אַריינגעשטעלט אין בלומען־טאָפּ און אָנגעפילט מיט וואַסער, זיך פרייער געמאַכט און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל.

— לידעטשקאַ! — האָט זיך דערהערט אברהמס שטימע. — קום אַהער, לידעטשקאַ! . . .

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געטראַכט. — אין מיטן טאָג? אפשר איז ער קראַנק?

זי איז אַריין אין שלאָפצימער אַ ביסל אומרואיק.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי אים געפרעגט. — דו האָסט מיר גאָר־ניט געזאָגט, אַז דו וועסט קומען ביי־טאָג! . . .

— רעוואָלוציע! . . . — האָט ער געענטפערט, און האָט זי גענומען ביי דער האַנט.

— וואָס מיינסטו, אברהם? דו מאַכסט מיך נייגעריק. וואָס האָט געשען?

— יאָ, מיין טייערע, דער רעדאַקטאָר האָט מיר געגעבן דעם וועג . . . געהייסן גיין!

— וואָס הייסט? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט. — וואָס הייסט גע־הייסן גיין? . . .

לידא האָט פאַר די שלעכטע צייטן אָנגעגרייט ווייניק געלט, ווייל די שכירות וואָס ער האָט געקראָגן פון „פירער" האָט קוים געקלעקט צום לעבן, און איצט, אַז ער וועט דאַרפן זוכן אַן אַנדער שטעלע, וועט עס נעמען אַ שטיקל צייט. זי ווייסט, אַז פאַר אברהמען איז ניט שווער צו קריגן אַ שטעלע, אַפילו אין אַן ענגלישער צייטונג. זיין נאָמען איז גענוג גרויס. אָבער ער האָט פיינט, אַז מען רעדאַקטירט זיינע אַרטיקלען. און ענגלישע רעדאַקטאָרן זיינען צו קאָנ־סערוואַטיוו פאַר זיין שרייבן. און גראָד פּאַסירט עס איצט, ווען זי דאַרף אַזוי־פיל געלט . . . אַך! אַך! אַך! דאַרף דאָס איצט פּאַסירן?

ער האָט איר אַלץ דערציילט. אברהמס האַנדלונג איז איר געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט אים. זי איז צוגעגאַנגען און האָט אים גע־געבן אַ קוש.

מאקארקא איז דערווייל אַריינגעקומען פון פּאַרק, און טרעפנדיק אברהמען אין הויז האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אומגעוויינלעכעס האָט פּאַסירט. און ווען אברהם האָט אים דערציילט, האָט זיך מאקארקא אָפּגערופן:

— ניט געדאגהט, וועסט האָבן אַן אייגענע צייטונג! . . . דו הערסט, מיין קינד?!

— אַן אייגענע צייטונג? וואָס מיינסטו, מאקארקא? וואָס רעדסטו?

— דאָס וואָס איך זאָג! — האָט מאקארקא געענטפערט. — איך האָב גענוג געלט צו ווערן אַ פּאַבלישער! מיין אייגענע צייטונג! . . .

אברהם האָט אויף אים אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— דו ווייסט וואָס עס מיינט אַ צייטונג אַרויסצוגעבן? דו וועסט באַגראָבן דיין געלט! . . .

— וויפל דענקסטו דאַרף מען האָבן צו באַגראָבן אין אַ יאָר צייט? איך מיין ניט קיין גרויסע צייטונג . . .

— עטלעכע טויזנט דאָלער. זאָלן מיר זאָגן — אַ צען טויזנט!

— דאַן טו זיך אָן און קום מיט מיר. איך גיי עפענען אַ באַנקבוך פאַר דיר אויף דער סומע וואָס דו דאַרפסט . . . און קענסט זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט.

— ניין, האָט לידא זיך אַריינגעמישט — איך וויל ניט, אַז מאקארקא זאָל באַגראָבן זיין געלט.

— לידעטשקא, דאגה זיך ניט! — האָט מאקארקא געזאָגט. — איך האָב גענוג אַחוץ די צען טויזנט, און אַחוץ דעם קען מען ניט וויסן, מעגלעך, אַז די צייטונג וועט האָבן אַ דערפאָלג, ס׳וועט גיין. עס קען אַמאָל זיין אַ דערפאָלג. ס׳איז געשעפט! ווען מען שטעלט ניט איין, וועט גאָר ניט זיין! . . .

— איך האָב אַ פּלאַן, מאקארקא, — האָט אברהם געזאָגט. מיר׳ן רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער. מיין נאָמען דאַרף מען ניט דערמאָנען, און מיר׳ן אַדווערטייזן אין דעם „פירער".

— פאַרוואָס ניט דערמאָנען דיין נאָמען? — האָט מאקארקא געפרעגט. — דו קענסט דאָך מיט דיין נאָמען צוציען די מאַסן! . . .

— דער „פּירער" וועט וויסן, אַז מייןריידן וועט אים קיין טובה ניט טאָן, און וועט דעם אַדווערטייזמענט ניט אָננעמען.

— כ'דענק אַז דו האָסט רעכט, — האָט לידא געזאָגט.

— אויף דער פאַרזאַמלונג וועל איך אַלץ דערקלערן. די אַרבעטער וועלן הערן וואָס דער רעדאַקטאר דענקט פון זיי, און דערביי וועל איך אַפּעלירן צו זיי, אַז זיי זאָלן קויפן אַקציעס (שערס) פאַר דער נייער צייטונג, וואָס איך גיי גרינדן, — האָט אברהם געזאָגט. — נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ געדאַנק?

— דאָס איז וואונדערבאַר! — האָט לידא צוגעשטימט. — דאָס איז אויסגעצייכנט, אברהם.

— און וואו וועט מען דאָס אַלץ אַראַנזשירן? — האָט מאקארקא געפרעגט.

— איך האָב שוין דעם פּלאַץ אין מיינע געדאַנקען, — האָט אברהם געזאָגט. — מיר וועלן אויך אַנאָנסירן, אַז דער גרויסער רעוואָלוציאָנער גרישקאַ איז אַנטלאָפן פון סיביר און געפינט זיך אין אַמעריקע. ער האָט וויכטיקע נייעס צו דערציילן פון רוסלאַנד . . . ווייסט איר, אַז דער עולם איז הונגעריג נאָך פּנים־אל־פּנים נייעס פון רוסלאַנד? זיי וועלן קומען אין מאַסן. ווי געפעלט אייך דאָס?

— און ווי וועט זיין, אַז גרישקאַ וועט זיך אנטזאגן?

— גרישקאַ וועט זיך ניט אַנטזאָגן אַרויסצוטרעטן: ער וועט דאָס טון מיט דער גרעסטער פרייד. ער וועט דאָס האַלטן פאַר אַ כבוד. ער וועט זיך אָנכאַפּן — איר וועט זען.

אַלע דריי זיינען געווען צופרידן, און האָבן געוואַרט אויף גרישקאַן.

לידא האָט זיך געפילט גליקלעך. זי האָט איר פרייד פאַר אברהמען באַלד ניט געקענט אַרויסווייזן, ווייל זי האָט זיך געשעמט פאַר מאקארקאַן.

זי האָט אַזוי געטראַכט וועגן קינד, אַז זי האָט עס ממש שוין געזען לעבעדיק . . . געזען עס וואַרפן מיט די הענטעלעך, מיט די פיסלעך . . .

לידא איז געווען זייער גליקלעך . . .

— וואָס שמייכלסטו? — האָט אברהם זי אָנגעקוקט. דיר מוז אַוודאי געפעלן זיין דאָס שפּיצל, וואָס איך גיי אָפּטאָן דעם רעדאַקטאר פון „פּירער"? ניט אמת, טייערע?

— ניין, טייערער! — האָט זי געזאָגט. — איך האָב פאַר דיר אַ גרויסע מתנה! . . .

— פאַר מיר אַ מתנה? — האָט ער זי אָנגעקוקט. — נו, נו, ווייז אַרויס וואָס דו האָסט. לאָמיך זען דיין גרויסע מתנה . . .

— ניט איצט — שפּעטער, טייערער, וועסטו זען . . . — און זי איז צו צו אים און האָט אים ווידער אַ קוש געטאָן . . .

— דאָס גאָר? — האָט ער געפרעגט.

— ווייניק פאַר דיר? — האָט מאקארקא געלאַכט. — נאָך מער ווילסטו?

— איך האָב אַ גאָר גרויסע מתנה פאַר אים . . . וועסט זיך מער פרייען ווי מיט דער צייטונג . . . — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

— אַזוי? — האָט ער אויף איר געוואונדערן קוקן, און זי פאַרשנדיק באַטראַכט, ווי ער וואָלט וועלן דעם סוד אַרויסלייענען פון איר . . .

זיבעטער קאַפּיטל

ליגנדיק אין בעט, האָט לידא זיך געטוליעט צו אברהמען. זי האָט אים נאָך ניט דערציילט . . . זי האָט דאָס פאַר אַ צייט באַהאַלטן, ביז ווען די צייטונג וועט אַרויסגיין. אָבער זי האָט דאָס מער ניט געקענט פאַרטראָגן. זי האָט געפילט, אַז דאָס שטיקט איר אין האַלדז, און אויב זי וועט דאָס ניט אַרויסזאָגן, וועט זי דערשטיקט ווערן.

אברהם האָט זיך אומגעקערט צו איר מיטן פּנים. ער האָט געפילט, אַז איר אָטעם ברענט און דער גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך . . .

— וואָס איז מיט דיר, טייערע? צי האָסטו ניט קיין היץ . . . וואָס טרייסלטסטו זיך אַזוי? . . . אפשר איז דיר קאַלט? אפשר האָסטו קדחת?

אברהם האַלט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, און קושט זי.

— ליב מיך, — האָט זי אים געצויגן צו זיך — ליב מיך, אברהם . . . ליב מיך שטאַרק!

— וואָס איז מיט דיר היינט, לידעטשקאַ? . . .

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און זיך איינגעגעסן אין זיינע ליפּן. — ליב מיך . . . ליב מיך, זאָג איך דיר . . .

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד . . . ווילד האָט זי זיך צו אים געדריקט . . .

ער האָט דערפילט איר נאַקעטן לייב, איר סאַמעט גלאַטן לייב . . . און ער האָט זי אָנגעהויבן גלעטן און קושן . . .

— איך האָב פאַר דיר אַ „סורפּרייז". הערסטו, אברהם? . . . ליב מיך . . . און איך וויל דיך . . .

ער האָט זי ווילד אַ צי געטאָן און — — —

יענע נאַכט זיינען ביידע ניט געשלאָפן . . . ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזן, נאָר געגלאַסטשעט און געקושט . . . ער האָט זי געהאַלטן אויף זיינע קני, ווי אַ קינד, געהאַלטן אין איין רעדן און גלעטן איר קערפּער . . .

— דאָ דאָ וואַקסט עס מיין קינדעלע . . . און פון דאַנען קריגט דאָס ליכט און נאַרונג . . . און פון דאַנען וועט עס אַרויס די מילך פאַרן קינד . . . די פרוי איז דאָך אַ מלאך . . . אַ קוואַל פון וואונדער . . . פון גליק ! . . . זי ברענגט לעבן . . .

זי האָט זיך געלאָזט גלעטן . . . זי האָט אַזאַ פאַרגעניגן געהאַט פון זיין גלעטן און באַרירן איר יעדן טייל פון קערפּער . . . זי האָט געשמייכלט פון זיין יעדן וואָרט, פון זיין באַוואונדערן זי . . .

— ווען איך קען צונעמען ביי דיר די וויטיקן, וואָס דו וועסט דאַרפן פילן ביים האָבן ס'קינד . . . גלויב מיר, לידעטשקאַ, איך וואָלט עס געטאָן . . . — האָט ער געזאָגט, און זי געדריקט צו זיין ברוסט.

— איך גלויב דיר, איך גלויב דיר, — האָט זי געמורמלט און אים געקושט.

— איצט וועט זיך מיר וועלן לעבן און קעמפן, פאַר דיר און פאַר אונדזער קינד, טייערע מיינע . . . נו, איצט שלאָף, — האָט ער זי שטיל אַוועקגעלייגט אין בעט.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען לידא האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— שוין צען? — האָט זי זיך פאַרוואונדערט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אברהמען. ער איז געשמאַק געשלאָפן . . . זי האָט אים אַ קוש געטאָן, איז שטיל אַרויס פון בעט און איז אַריין אין קיך צוגרייטן פרישטיק. דערביי האָט זי זיך שטאַרק געוואונדערט פאַרוואָס קיינער האָט זיי ניט אויפגעוועקט, צי זיי שטויסן זיך ניט אָן אָן עפּעס? . . .

ווען זי איז שפּעטער אַריין אין שלאָפצימער, איז אברהם שוין ניט געשלאָפן. ער האָט געהאַלטן אָפן די אויגן און זיך געצויגן די הענט און פיס.

זי האָט זיך געזעצט לעבן אים און געשמייכלט . . .

— אַ גוטן חלום געהאַט?

ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט . . .

— איך האָב דאָס פון דיר גאָר קיינמאָל ניט דערוואַרט, — האָט ער צו איר געזאָגט. — ווי דו האָסט עס געברענט . . . האָסט דאָך מיך שיער פאַר־ברענט! . . .

לידא האָט ליידנשאַפטלעך געלאַכט.

— קום עסן פרישטיק . . . דו מוזט זיין זייער הונגעריק. קום! . . .

ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אויף זיך אַ נאַכט־כאַלאַט און זיך געזעצט עסן . . .

— ווי העל עס שיינט די וועלט. אַלצדינג שמייכלט פאַר מיר, — האָט אברהם געזאָגט. — און וואו איז מאַקאַרקאַ? האָט ער עפּעס געגעסן? . . .

— מילך זאָ איך האָט ער געטרונקען, — האָט לידא געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ טייערער מענטש ער איז, — האָט אברהם געזאָגט. — איז דאָס ניט קיין וואונדערבאַרער געדאַנק פון אים וועגן אָן אייגענער צייטונג? ווי זאָגסטו, לידעשקאַ? . . . ס׳קען זיין, אַז מיין פּלאַן זאָל אַרבעטן! זאָל זיך איינגעבן! אַך, וואָלט דאָס וואונדערבאַר געווען!

— אויב דער פּלאַן וועט זיין אַ דערפאָלג, דאַן וועט דיין געדאַנק זיין אַ וואונדערבאַרער. דענקסטו, אַז דער עולם וועט קויפן אַקציעס?

— געוויס! פאַרוואָס ניט? איז דען דער „פירער“ ניט געגרינדעט געוואָרן אויף אַקציעס? איז ער דען ניט געוואַקסן מיט אַ ריזיקער שנעלקייט אַ דאַנק די אַקציעס? און איצט, דאַרפסטו וויסן, לייענט די מאַסע מער ווי אַמאָל . . . איצט איז די מעגלעכקייט צו פּראָגרעסירן אין אונדזער אונטערנעמונג . . ., אויפקלערן דעם אַרבעטער, געבן אים בעסערע, דענקענדיקע לייען־אַרטיקלען.

— איך ווינטש דיר גליק, — האָט לידא געזאָגט.

אין טיר האָט זיך באַוויזן מאַקאַרקאַ מיט פּעקלעך גרינצייג, שוועמלעך, פּוטער, קעז און נאָך נויטיקע זאַכן צום קאָכן, און האָט עס אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

לידא האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— קוק אים נאָר אָן! האָט דעם גאַנצן „מאַרקעט“ אַריינגעבראַכט, — האָט זי אָנגעוויזן אויף די פּעקלעך. — ווי האָסטו עס געקענט דערטראָגן? — האָט זי געפרעגט מאַקאַרקאַן.

— ס׳איז טאַקע שווער געווען, — האָט ער לאַכנדיק געענטפערט. — ניטאָ אַמאָליקע כוחות, — האָט ער זיך באַקלאָגט.

— אָ, מאַקאַרקאַ, ווען איך דערלעב דיין עלטער, וועל איך קיין כוח גאָר־ניט האָבן, — האָט אברהם געזאָגט.

— אַ, קינד מיינס, ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן, איז געווען אַן

אַנדערע וועלט . . . — האָט מאַקאַרקאַ געזאָגט. — ווער האָט עס דאַן געהאַט אַזעלכע זאָרגן, ווי דו האָסט היינט? . . .

— האָסט נאָך גאָרניט געגעסן, מאַקאַרקאַ? — האָט לידאַ אים געפרעגט.

— איך האָב געטרונקען מילך, געגעסן עטלעכע ניס און אַן עפּל, — האָט מאַקאַרקאַ געענטפערט.

— זעץ זיך צום טיש. אָט האָסטו קאַווע און צוויי האַרטע אייער, אַזעלכע ווי דו האָסט ליב . . . זייער האַרטע, — האָט לידאַ געזאָגט.

מאַקאַרקאַ האָט זיך געזעצט צום טיש, געגעסן די אייער און געטרונקען די קאַווע און אין דער זעלבער צייט דערציילט אברהמען, אַז ער האָט פאַר אים אויפגעעפנט אַ באַנקבוך, אויף דיין נאָמען, און אויף דער סומע פון צען טויזנט דאָלער . . .

נאָכן פרישטיק האָבן אברהם מיט מאַקאַרקאַן גענומען צוגרייטן די אַנאָנסן פאַר די צייטונגען, דער עיקר פאַרן „פירער". נאָכדעם זיינען זיי אַלע דריי אַוועקגעפאָרן אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, האָבן געדונגען דעם האָל. דאַן זיינען זיי אַוועק און אַריינגעגעבן די אַנאָנסן אין די צייטונגען.

אַלץ איז אַנגעגאַנגען גלאַט, אָן אַ שטערונג. אין „פירער" האָט מען גאָרניט געפרעגט — מען האָט נאָך דאָרטן געגעבן די בילדער פון גרישקאַן און מאַריאַן . . . און דער „פירער" וועט נאָך, אַחוץ דעם אַנאָנס, אויך שרייבן אַן אינטערוויו מיט די צוויי אַנטלאָפענע . . .

ער וועט זיי באַשרייבן, די צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערן, און באַשרייבן זייער יחוס, זייער אויפטו פאַר דער באַפרייאונג פון רוסלאַנד.

פאָרנדיק אַהיים, האָט לידאַ געזאָגט צו אברהמען: דענקסטו ניט, אַז מיר האָבן גענומען אַ צו גרויסן האָל, וואָס עס נעמט צו אַזאַ סומע געלט?

— דו וועסט זען, אַז עס וועלן זיין נאָך מער מענטשן — עס וועט פעלן פּלאַץ, — האָט אברהם געענטפערט. — ווי דענקסטו, מאַקאַרקאַ?

— דאָס וועלן מיר זיך איבערצייגן דערנאָך. קיין מלאך דאַרף מען ניט זיין און קיין גליקן דאַרף מען זיך פריער ניט פאָרשטעלן. דער עיקר — זאָלן זיי קומען.

ביי דער הונדערט און אַכציקסטער גאַס זיינען זיי אַראָפּ. לידאַ איז אַריין אין אַ געשעפט איינקויפן די נויטיקע זאַכן פאַר וועטשערע, ווייל קיין אַנדער וואַרעמעס האָבן זיי אויך ניט געגעסן.

אַריינקומענדיק אין הויז, האָבן זיי געפונען גרישקאַן, מאַריאַן און קאַטיאַן און נאָך צוויי יונגע דאָקטוירים. דאָס האָט זיי גרישקאַ געבראַכט, צו באַקענען זיי מיט אברהמען און מאַקאַרקאַן.

גרישקאַ האָט זיי פאָרגעשטעלט.

איינער פון די יונגע דאָקטוירים האָט גאָרניט געקענט אָפּלויבן אברהמען, פאַר זיין וואונדערבאַרן סטיל אין שרייבן און אין דענקען.

— איר פאַרשאַפט מיר דעם גרעסטן פאַרגעניגן, ווען איך לייען אייערע לידער. און אייך, אַלטער פריינט, — האָט ער געזאָגט צו מאַקאַרקאַן — באַוואונדער איך פאַר אייער גרויסן מוט, אַרויסצוגעבן דאָס וואונדערבאַרסטע בוך, וואָס איז ווען נאָר געשריבן געוואָרן . . . אַזוי ריין און פון טיפן האַרצן . . . דאָז איז אַ צווייטער וואָלט וויטמאַן! . . .

אַכטער קאַפּיטל

נאָכן עסן זיינען אַלע אַוועק אין פּאַרק. אַלע האָבן גערעדט אויף רוסיש. גערעדט און געלאַכט . . . מען האָט זיך צעזעצט אויפן גראָז . . . מען האָט געזונגען לידער, אָדער דעקלאַמירט אברהמס לידער, און אַ סך האָבן זיך אָנגעבאָטן צו נעמען אנטייל אין דעם קבלת־פּנים.

— אַלע וועלן טאַקע האָבן וואָס צו טאָן, — האָט לידא געזאָגט. — ס׳וועט זיין אַרבעט גענוג, איבערגענוג . . .

— מיר וועלן אַלץ טאָן: היטן, פאַרקויפן בילעטן . . . אַלץ, וואָס מען וועט אונדז הייסן, וועלן מיר גערן טאָן, — האָט איינער פון די דאָקטוירים געזאָגט.

אַ צווייטער האָט זיך אָפּגערופן:

— מיך קען מען זייער גוט אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן. איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָרט געאַרבעט עטלעכע חדשים אַלס אַן אָשער — וועל איך שוין פירן.

— אָבער אָשערס האָבן מיר דאָך פון האָל, — האָט לידא געזאָגט.

— אָבער האַלטן אָרדענונג פון דרויסן און אַפילו פון אינעווייניק, דאָס קענען דאָך די אָשערס אַלץ ניט טאָן, און דערצו קענען די אָנהענגער פון „פירער" מאַכן אַ טומל און שטערן . . .

גרישקאַ האָט זיך אָנגערופן:

— מיר וועלן דאָרט אַלע זיין און מיר וועלן אַלע אַרבעטן האַנט אין האַנט.

און דאַ האָט זיך קאַטיאַ אָנגערופן:

— און איך וואָלט אויך עפּעס וועלן טאָן.

— וואָס קענסטו טאָן? — האָט מאַריאַ זי געפרעגט.

— איך קען זינגען! — האָט זי געענטפערט.

— אויף אַ קאָנצערט?

— יאָ. פאַרוואָס ניט?

— האָסטו ווען געזונגען אויף אַ קאָנצערט? — האָט מאַריאַ געפרעגט.

— אין מאָסקווע בין איך אַ סך מאָל אַרויסגעטראָטן אויף קאָנצערטן און געזונגען, און אייניקע מאָל אויסגענומען, — האָט קאַטיאַ געענטפערט. — יאָ, אויסגענומען . . .

— נו, נו, לאָזט אונדז הערן, — האָט לידא געזאָגט. — אפשר וועט איר אונדז דאָרט צונוץ קומען. גיט אונדז „פּראָבע"! לאָזט זיך טאַקע הערן! . . .

קאַטיאַ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן קלייד מיט רויטע לענטעס. אין אירע האָר האָט געשטעקט אַ גרויסע רויטע בלום.

איינער פון די דאָקטורים האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געווענדט צו קאַטיאַן און געפרעגט:

— מעג איך אייך העלפן זיך אויפשטעלן?

קאַטיאַ האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט און זיך אויפגעשטעלט. מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מיט.

— ניין, ניט אַזוי, — האָט זיך דער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַן אָשער, אָפּגערופן: — אָט אַזוי . . . איך ווייס שוין ווי מען דאַרף . . .

זיין לאַנגער האַלדז האָט זיך אויסגעצויגן, זיין בלאַס פּנים האָט באַקומען אַ רויטקייט. ער האָט זיינע שוואַרצע, קליינע וואָנצעלעך פאַרדרייט, און מיט גערעדט מיט די לאַנגע הענט מער ווי מיטן מויל.

איינער האָט באַמערקט, אַז מען וועט די זינגערין דאַרפן פאָרשטעלן און אַנאָנסירן, וואָס זי וועט זינגען, און שטיין דאַרף זי ניט אַזוי אין מיטן, נאָר אַנטקעגן, אַז אַלע זאָלן זי זען און הערן . . .

— גערעכט! — האָט זיך דער צווייטער דאָקטאָר אָפּגערופן. זיין נאָמען איז געווען דייוויד גאַלץ.

דייוויד איז געווען אַ מיטלגעוואוקסיקער מיט אַ קיילעכיק רויט פּנים, מיט שוואַרצע אויגן און אַ גרויסן קאָפּ האָר. ער האָט געטראָגן ברילן, פּלעגט ריידן גיך און מאַכן מיט די הענט.

— איך זאָג אייך, אַז דאָקטאָר לעווין האָט געמעגט זיין פאָרזיצער, כ׳מיין פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. ער איז אַ קענער אין פּאַרלאַמענטאַרישער פירונג . . .

— אויב מיר האָבן טאַקע אַזוינע פּעאיקע, דאַן מעגן מיר שוין אָנהייבן מאַכן די רעפּעטיציע, — האָט אברהם געזאָגט. — נו, נעמט זיך צו דער אַרבעט, חברה! . . .

— זאָל דאָקטאָר לעווין זיין פאָרזיצער, — האָט דאָקטאָר גאַלץ ווידער געזאָגט.

— זאָל ער עס זיין, — האָט אברהם צום סוף געזאָגט. — זאָל ער זיין!

דאָקטאָר לעווין איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט צוויי ברענענדיקע אויגן. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ סיילסמאַן אַ פּראַנטל, אַ וואוילער יונג! . . . זיינע הענט האָט ער באַנוצט צו יעדן וואָרט. ער האָט געהאַט אַ ברייט מויל, גרויסע, ווייסע ציין. ער איז בכלל געווען אַ שיינער מאַנצביל.

אַלע האָבן אויסגעשריגן: — הוראַ פאַר דאָקטאָר לעווין!

דאָקטאָר לעווין האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן קאַטיאַן און זי געפרעגט, וואָס זי וויל זינגען. דערנאָך האָט ער געהאַלטן אַ קליינע רעדע, זיך אויסגע־הוסט, טיף אָפּגעאָטעמט, און האָט פאָרגעשטעלט די זינגערין:

— דאָס איז די גרויסע, באַרימטע רוסישע פּרימאַדאָנע, וואָס פלעגט זינגען פאַרן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן און פאַר אַלע מיניסטאָרן! און אַלע מיניסטאָרן פלעגן פאַר איר זיך בוקן און קושן דעם זוים פון איר קלייד. גראַפן און מיליאָ־נערן פלעגן איר נאָכלויפן . . . איר זיסע שטימע האָט זיי אַלעמען האַלב משוגע געמאַכט, און איצט האָב איך דעם כבוד די דאָזיקע זינגערין פאַר אייך פאָרצו־שטעלן. איר נאָמען איז קאַטיאַ זובאָוואַ. נו, זייט אַזוי גוט, מיס קאַטיאַ, — האָט ער זיך פאַרנייגט.

— הוראַ פאַר דער פּרימאַדאָנע! — האָבן זיי געשריגן און געלאַכט.

— זייט שטיל! — האָט דאָקטאָר לעווין מיט אַן ערנסטער מינע אַ זאָג געטאָן. — זי וועט זינגען „אאידאַ״! . . .

די גאַנצע צייט, וואָס לעווין האָט זיך וועגן איר אַזוי פאַנאַנדערגעפּירט, פאַנאַנדערגערעדט מיט לויבגעזאַנג, האָט קאַטיאַ געקייכט פאַר געלעכטער. איצט האָט זי זיך אויסגעהוסט. איר פּנים איז געוואָרן בלייך און ערנסט.

זי האָט געזונגען . . .

— איר שטימע האָט זיך געצויגן און אירע באַקן זיינען ביסלעכווייז רויט געוואָרן, ווי זי וואָלט עפּעס איצט געווען אין אַן אַנדער וועלט.

גרישקאַ האָט אויף איר געקוקט און זי געשלונגען.

— ווי שיין זי איז, — האָט ער געטראַכט.

איר שטימע האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און אַלע האָבן אויף איר געקוקט מיט

פאַרוואונדערונג און מיט קלאַפּנדיקע הערצער . . . פּאָר זיי איז געשטאַנען אַן אמתע זינגערין מיט אַ וואונדערבאַרער סאָפּראַנאָ־שטימע.

ווען זי האָט געענדיקט די סאָלאָ, האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער אַפּלאוז, ניט נאָר פון די אייגענע מענטשן, נאָר אויך פון מענטשן פון אַלע ווינקעלעך פון פּאַרק . . . און אין עטלעכע מינוטן שפּעטער האָבן הונדערטער מענטשן פון אַלע זייטן גענומען שטראָמען צו דער זינגערין . . . זיי זיינען ניט גלייך צו־געגאַנגען צו איר, נאָר זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום איר, ביז זיי האָבן זיך ביסלעכווייז צוגערוקט . . .

מאַקאַרקאַ האָט זיך אויפגעהויבן, צו איר צוגעגאַנגען און איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט און געזאָגט:

— דו האָסט מיך מחיה געווען, טאָכטערקע! ווילסט מיר טאָן אַ טובה און זינגען נאָכאַמאָל? נאָך עפּעס! . . .

— הוראַ! — האָבן אַלע ווידער אַפּלאָדירט. — מיר ווילן ווידער הערן קאַטיאַן! . . .

דאָקטאָר לעווין האָט אויפגעהויבן די האַנט און, ווי אַ צויבער־שטעקעלע, אַלעמען שטיל געמאַכט . . .

— ווי איר זעט, האָב איך אייך קיין ליגן ניט געזאָגט, אַז זי קען זינגען. ער האָט זיך צוגעבויגן צו קאַטיאַן און ביי איר אַ פרעג געטאָן, וואָס זי וועט זינגען, און זיך דערנאָך געווענדט צום עולם מיט פאָלגנדע ווערטער:

— חברטע קאַטיאַ וועט זינגען דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד „די זון גייט אויף און פאַרגייט“. איך האָב דעם כבוד, חברטע קאַטיאַ, — האָט ער זיך פאַר איר ווידער פאַרנייגט.

איר שטימע האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן, ווי אַ מלאך וואָלט פון הימל גע־זונגען.

פון מאַקאַרקאַס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן:

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע שטימע! . . . איך האָב דאָס גאָר אין מיין לעבן ניט געהערט . . . — האָט מאַקאַרקאַ געזאָגט.

דער אַפּלאוז האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוטן. די פרעמדע מענטשן האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די צייטלינס . . . אַלע האָבן גערעדט פון דער וואונדער־באַרער קאַטיאַן.

ד״ר לעווין האָט זיך איינגעזען אַ וואונדערבאַרע געלעגנהייט צו אַנאָנסירן דעם קבלת־פּנים־אָוונט, און ער האָט ווידער שטיל געמאַכט.

— פריינט! — האָט ער אָנגעהויבן אין ענגליש. — געפעלט אייך די זינ־גערין?

אַ גרויסער אַפּלאוז האָט אים געענטפערט.

— טאָ הערט זיך איין: — אין אַ וואָך אַרום, קומענדיקן שבת־נאַכטס, וועט די זינגערין זינגען אין מעדיסאָן סקוועיר גאַרדן. בילעטן אַריינצוגיין וועט קאָסטן אינגאַנצן 25 סענט. איר וועט דאָרט האָבן דעם גרעסטן פאַרגעניגן. זי און נאָך אַנדערע וועלן אויפטרעטן. קומט און ברענגט מיט אייערע פריינט. וועט איר קומען?

— מיר וועלן קומען! — האָבן שטימען געענטפערט. — מיר וועלן קומען אין מאַסן! . . .

— איצט האָט מיר אַ גוטע נאַכט. מיר גייען אַהיים.

אברהם און לידא האָבן זיך גלייך אויפגעהויבן און מיט זיי אויך די איבער־ריקע, און האָבן פאַרלאָזט דעם פּאַרק, גייענדיק צו די צייטלינס.

* * *

זיצנדיק אין הויז, האָט אברהם זיך אָפּגערופן:

— מיר האָבן ווירקלעך צוויי נוצלעכע מענטשן. איר, ד״ר לעווין, זייט דאָך אַ וואונדערבאַרער פּאַרזיצער און דערצו נאָך אַ גרויסער וויצלער, און עס פּאַסט אייך זייער. אייער פאַרשטעלן די זינגערין איז וואונדערבאַר. איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָס איז טאַלאַנט. איר רעדט גלאַט, אָן אַ ברעקל בינע־היץ . . .

— און קאַטיאַן דערמאָנסט גאָרניט? — האָט זיך לידא אָפּגערופן.

— געוויס גיי איך עפּעס זאָגן וועגן איר, — האָט אברהם געענטפערט. — זי האָט אַ וואונדער־שיינע שטימע, און ווען זי זאָל די שטימע אַנטוויקלען, וואָלט געווען עפּעס וואָס צו הערן. און אויב זי וויל אויפטרעטן אויף דעם קבלת־פּנים, בין איך זייער צופרידן . . . מיטן שענסטן דאַנק!

— געוויס וויל זי, — האָט זיך מאַריאַ אָפּגערופן. — ניט אמת, קאַטיאַ?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — האָט קאַטיאַ געענטפערט.

— און איך בעט אייך, חבר צייטלין, אַז איר זאָלט איינלאַדן ד״ר לעווין צו זיין פאַרזיצער, — האָט ד״ר גאלץ געזאָגט. — ער אַליין מיט זיין הומאָר וועט אַ סך פאַרוויילן דעם עולם.

— אויב ער וועט נאָר וועלן, — האָט לידא געזאָגט. — וואָרום ניט?

גרישקאַ האָט אַ קלאַפּ געטאָן ד״ר לעווין איבערן פּלייצע:

— זאָגט זיי, אַז איר וואַרט מיט אומגעדולד אויף אַזאַ איינלאַדונג. איר גלייכט דאָך תמיד אַזאַ „דזשאַב״. ניט אמת, קאַלעגע? . . .

— איך פיל זיך ווי אַ פיש אין וואַסער אַלס פאַרזיצער, — האָט דאָקטאָר לעווין געזאָגט. — איך האָב אַ נייגונג צו דעם. איך האָב ליב די מלאכה . . .

— לאַד איך אייך טאַקע איין, חבר ד״ר לעווין, — האָט אברהם געזאָגט.

ד״ר לעווין איז צוגעגאַנגען צו אברהמען און אים דערלאַנגט זיין האַנט.

— איר קענט זיין זיכער, אַז אַלצדינג וועט זיין ווי געוואונטשן, און איך וועל אָנווענדן אַלע מיינע פעאיקייטן צו אַמוזירן דעם עולם, אַז זיי וועלן האָבן צו געדענקען דעם אָוונט . . .

— איך דאַנק אייך אין פאָראויס, — האָט אברהם געזאָגט, און האָט אים ווידער געדריקט די האַנט.

— עס איז זייער הייס, — האָט גרישקאַ געזאָגט. — אפשר גיין אַריינ־ברענגען עטלעכע פלעשער ביר?

— איך דענק אויך אַזוי, — האָט אברהם געזאָגט. אָבער, דענקסטו, אַז דו וועסט זיך אַליין ספּראַווען? איך וואָלט דיר געראָטן אויך צו נעמען עטלעכע פלעשער סאָדע־וואַסער, ווייל אפשר קענען די פרויען ניט טרינקען קיין ביר?

— גוט, — האָט גרישקאַ געזאָגט. — ווער גייט מיט מיר, אַ ביסל צוהעלפן? איך וויל אויך אויף סאוטערן־בולוואַרד קויפן אייז־קרים. דאָרט איז פאַראַן אַ גרויסער „אייז־קרים־פּאַרלאָר״ און מען קען דאָרט קריגן גוטן אייז־קרים . . .

— אויב וועגן אייז־קרים, גיי איך מיט אייך מיט, — האָט קאַטיאַ געזאָגט.

ער האָט זי קאַלט אָנגעקוקט . . . זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר פרייד, וואָס זי האָט זיך אָפּגערופן צו גיין מיט אים . . . ער האָט אין אירע אויגן געזען די זעלביקע פרייד. ער האָט זי זינט יענעם טאָג ניט געקענט זען און עס האָט אים געצויגן צו איר . . .

— נו, קומט, — האָט ער קאַלט געזאָגט. — אָבער איר וועט דאַרפן שלעפן שווערע פּעקלעך . . . זייט גרייט . . .

— „דאַטס אָל־רייט“, — האָט זי געזאָגט אין ענגליש.

ביידע זיינען אַרויס . . .

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם.

— איך האָב נאָך אייך אַזוי געבענקט! — האָט זי געזאָגט, און האָט אים אַרומגענומען און אים אַ קוש געטאָן גלייך אין די ליפּן.

— און איך האָב נאָך דיר אויך געבענקט! איך בין נאָך דיר אויסגעגאַנגען, אָבער איך האָב ניט געקענט צונעמען קיין ברעקל צייט פון שפּיטאָל: עס איז דאָרט איצט זייער „ביזי“ . . .

— און ווען וועט איר קומען צו מיר? . . .

— איך ווייס ניט ווען . . . אגב וויל איך דיר עפּעס זאָגן: מיר דאַכט, אַז מאַריאַ שטויסט זיך אָן . . .

— אַזוי? — האָט זי געזאָגט. — אָבער איר מוזט דאָך קומען צו מיר . . . איך וויל אייך . . . איך בענק נאָך אייך . . . איר זייט דאָך מיין מאַן . . . פון איצט אָן! . . .

— אַ מאַן, זאָגסטו? אַ, טייערע! — האָט ער אויסגעשריגן, און איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט

— קום, מיר׳ן אַדורכגיין דורכן פּאַרק, — האָט זי פאָרגעשלאָגן.

ער האָט איינגעשטימט, גענומען זי אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַריין אין פּאַרק.

— מיר מוזן קיין צייט ניט פאַרלירן, — האָט ער געזאָגט. — זיי וועלן דאָרטן ריידן, וואָס איך וואָלט געוואָלט זיי זאָלן ניט ריידן . . . אָט דער לעווין קען אַלץ אַריינבראָקן, ווען עס וועט נעמען צו לאַנג, פאַרשטייסטו, טייערע? . . .

זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט פון אַ הינטער אַ קוסט קליינע ביימעלעך פאַרשטעלט . . . ער האָט זי געזעצט צו זיך אויפן שויס, זי געקושט, געגלעט, זי צוגעפּרעסט צו זיך . . . זיין גאַנצער קערפּער האָט אין אים אויפגעקאָכט . . .

— קאַטיאַ, טייערע, ליבענקע, קאַטיאַ, איך ווער משוגע פאַר דיר! . . .

זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר זיך געטוליעט צו אים, און אים געקושט.

ער האָט אויפגעהויבן איר קלייד . . . איר קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן . . .

— דאָס גראָז איז נאַס, — האָט זי געזאָגט. — מיין קלייד וועט זיך איינשמירן פונעם גרינעם גראָז, און דאָס וועט אונדז פאַרראַטן . . .

— טו אויס דאָס קלייד, — האָט ער געזאָגט.

— אימעצער קען נאָך אַדורכגיין.

— איצט גייט דאָ קיינער ניט . . . דערצו זיינען מיר פאַרשטעלט פון געדיכטע קוסטעס . . .

ער האָט איר געהאָלפן אָפּשפּילען . . .

ווען זיי זיינען געקומען מיט די פלעשער, וואָס גרישקאַ האָט עקסטרא אָנגעקויפט, האָבן זיך אַלע צעלאַכט . . .

— מער האָסטו גאָר ניט געקענט ברענגען? און אַ געבראָטן גענדזל, פאַר־וואָס האָסטו ניט געבראַכט? — האָט ד״ר לעווין זיך געוויצלט.

— אויב דו ווילסט גיי איך און ברענג, — האָט גרישקאַ געזאָגט. — זאָג יאָ, און איך טו עס . . . — האָט ער מיך אַ כיוון פאַררעדט.

— וואו וועסטו דען דאָס איצט קריגן? — האָט ד״ר לעווין אים געפרעגט.

— דאָס איז מיין געשעפט, — האָט גרישקאַ געענטפערט.

— גיי בעסער, עפן די פלעשער, — האָב אברהם צו אים געזאָגט — און גענוג אייך צו פאַרלירן צייט . . . מע דאַרף באַלד גיין שלאָפן. עס איז שוין ניט פרי, באַלד צוועלף.

— אַזוי, שוין צוועלף? — האָט קאַטיאַ זיך אָנגערופן. — היינט וועל איך שוין דאָ ניט נעכטיקן . . . איך קען ניט שלאָפן אויף אַ ניי אָרט, — האָט זי געזאָגט, און געקוקט אויף גרישקאַן פון אַ זייט . . .

— דאָקטאָר לעווין וועט אייך באַגלייטן, — האָט זיך גרישקאַ אָפּגעע־רופן . . . — וואָס זאָגסטו, קאַלעגע? . . .

— מיט גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט ד״ר לעווין געזאָגט. — זייט איר צופרידן, מיס זובאָוואַ?

— וואָרום ניט? — האָט קאַטיאַ געזאָגט, און האָט אים גענומען אונטערן אָרעם . . .

גרישקאַ האָט זיך אַליין געשאָלטן:

— צום טייוול! פאַרוואָס האָב איך אים צוזאַמענגעפירט מיט איר? דער דאָן־זשואַן וועט זי נאָך —

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָרט.

שפּעטער, ווען ער איז געלעגן אין בעט, האָט ער געפילט אַ שרעקלעכע נקמה צו ד״ר לעווין . . . — צום טייוול! — האָט ער זיך געשאָלטן.

— געוואַלט! — האָט ער געזאָגט. — בין איך דען ניט משוגע? . . . אַז ער איז זי געגאַנגען באַגלייטן, נעמט ער זי זיכער צו פון מיר! . . . וואָס פאַר אַ מיאוסער מענטש ער איז . . . אויב זי וועט אים ניט וועלן, וועט זי זיך וויסן ווי צו האַלטן, — האָט זיך גרישקאַ געטרייסט, אָבער ער האָט זיך באַלד דער־שראָקן: — ווי וועט זיין, אַז זי וועט אים יאָ וועלן? און ער איז דאָך צו קיינעם ניט געבונדן . . .

— אייגנטלעך, וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אויף איר? האָט ער באַלד גענומען טראַכטן אַנדערש. — דאָס איינציקע רעכט איז נאָר וואָס איך ליב זי . . . איז דען ווירקלעך דאָ אַ ליבע? . . . אָדער אַן אייפערזוכט? . . . צי יאָ ליבע, צי ניט ליבע — אייפערזוכט איז דאָ יאָ פאַראַן . . .

גרישקאַ האָט דאָס איצט געפילט און פאַרשטאַנען. יאָ אייפערזוכט! . . .

ניינטער קאַפּיטל

די נאַכט פאַרן קבלת־פּנים זיינען זייער אַ סך מענטשן געקומען צו די ציטלינס.

גרישקאַ האָט זיין רעדע איינגעחזרט, און אַלע האָבן אים געלויבט פאַר זיין גוטער רעדנער־שפּראַך.

לעווין האָט אַלעמען זייער פריילעך געמאַכט מיט זיין וויציק־ריידן, מיט זיין רירעוודיקייט און מיט זיין מימיק.

קאַטיאַ האָט געזונגען און אויך דעקלאַמירט. מען האָט אין איר געזען ניט

נאָר אַ זינגערין, נאָר אויך אַן אַקטריסע. איר נאָמען איז געווען אָנאָנסירט אין די צייטונגען, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי וועט מיט איר וואונדערבאַרער שטימע באַרייכערן דעם אָוונט.

אברהם האָט אַלעמען געגעבן זיין פּאָסטן, וואָס און ווען, און ווי אַזוי צו טאָן. שטיל און געאַלסן האָט ער פאַר אַלעמען געהאַלטן אַ רעדע און אַלע האָבן צוגעשימט אָן אַ באַמערקונג.

די נאַכט איז געווען זייער אַ הייסע און דער עולם איז געווען זייער הונ־געריק. מאַקאַרקאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— קינדער, איר זיינט הונגעריק, און אייך איז הייס? גוט! איך האָב אַ סך ניס און מאַנדלען, און ווייצן־ברויט, און פרוכטן — נעמט דאָס אַלץ, און אין פּאַרק, דאָרט איז קיל, און מיר׳ן געניסן אַ געזונטן און געשמאַקן צובייס . . . זייט איר צופרידן, קינדער? — האָט ער געפרעגט.

— געוויס צופרידן, — האָט גרישקאַ געזאָגט, און זיך באַגעגנט מיט קאַטיאַס אויגן.

זי האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן . . .

— עטלעכע פלעשער ביר און וואַסער וואָלט אויך ניט געשאַדט, — האָט ד״ר לעווין געזאָגט און געקוקט אויף קאַטיאַן . . .

— דאָס קען מען אויך קריגן, — האָט גרושקאַ געזאָגט. — אָבער לאָזט דאָ אויף שפּעטער . . . דערווייל קומט אין פּאַרק.

לידא און מאַריאַ זיינען ניט געגאַנגען. לידא האָט זיך געפילט מיד און מאַריאַ האָט געדאַרפט אויספרעסן פאַר זיך אַ בלוזקע און אַנדערע נויטיקייטן פאַר דעם קבלת־פּנים.

מען האָט גענומען קאַלדרעס אויסצושפּרייטן אויפן גראָז און מען איז איז אַוועק אין פּאַרק.

גרישקאַ האָט זיך געזעצט לעבן קאַטיאַן. ער האָט אַרויסגענומען אַ הויפן ניס און עס איר געגעבן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַלדרע און גע־קוקט אויפן הימל . . .

דער הימל איז געווען קלאָר און ריין און פול מיט פינקלענדיקע שטערן . . . ער האָט געקוקט אויפן גרויסן בער. עס איז געווען אין אָנהויב חודש, ווען די לבנה פלעגט אויפגיין זייער שפּעט, און די לבנה איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען . . .

ער האָט פּאַמעלעך צוגעשאַרט זיין האַנט צו קאַטיאַן און איר גענומען גלעטן פון הינטן.

קאַטיאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן הינטן, און געזען, אַז קיינער זעט ניט, האָט זי זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און געלאָזן אים גלעטן און אַליין געפילט אַ פאַרגעניגן דערפון . . .

זי האָט געטראַכט:

— אָט דעם מאַן ליב איך . . .

זי האָט זיך דערמאָנט אויף לעווינען, ווי יענער איז פאַר איר געקראָכן אויף די קני און איר געמאַכט קאָמפּלימענטן, די האַנט איר געקושט, און זי האָט אים פּשוט געהאַסט. אַנדערש איז די באַרירונג פון גרישקאַ . . . זיין האַנט קאָכט זי אויף . . . מאַכט איר ברויזן דאָס בלוט . . .

אַרום צוועלף אַזייגער האָט אברהם געזאָגט, אַז אימעצער מוז באַגלייטן קאַטיאַן.

— זי מוז זיך אויסרוען, און האָבן אַ ריינע, שטאַרקע שטימע.

— מען וועט זי שוין באַגלייטן, — האָט ד״ר לעווין געזאָגט, אַפילו ניט אַ קוק טוענדיק אויף קאַטיאַן . . .

— און איר, הער דאָקטאָר, זייט אַזוי גוט און גייט אויך שלאָפן. רוט זיך אויס . . . אויף אייך שטייט אַ סך, — האָט אברהם געזאָגט. איר צוויי מוזט זיך גוט אויסרוען . . .

— גייט, קינדער אַהיים, — האָט זיך מאַקאַרקאַ אויך אָפּגערופן — שלאָפט זיך אויס, און דו, אַבראַשקע, האָב זיך אויך אין זינען, דו גיי אויך רוען, — האָט ער פאַרענדיקט. — דו ביסט דאָך דער גאַנצער מחותן.

— און איך זאָג, מיר זאָלן אַלע גיין שלאָפן, — האָט זיך גרישקאַ אָפּגערופן, און אַ גרויסער געגעץ האָט זיך פון אים געהערט . . .

זיצנדיק אין סאָבוויי, האָט קאַטיאַ געפילט אַ מאָדנע פוילקייט. זי וואָלט איצט געוואָלט שלאָפן. זי האָט זיך אַנגעשפאַרט אָן לעווינען און געפילט צו אים ווי צו אַ ברודער, זייער נאָענט, פרייער ווי צו גרישקאַן . . . ער האָט זי געמעגט אַרומנעמען און קושן אַפילו, אָבער איר האָט דאָס אויף אַ האָר ניט דערוועקט, וואָס אַ מאַן קען דערוועקן אין אַ פרוי . . . אָט למשל גרישקאַ, ווען נאָר ער באַרירט זי ווערט זי אַנגעצונדן . . . ווערט אויפגעקאָכט . . . זי פילט נאָך איצט די היץ וואָס ער האָט אין איר אויפגעפלאַמט . .

ביי דעם געדאַנק האָט איר גענומען עפּעס ציען, פילן . . .

— זי האָט געטראַכט:

— ער וועט דאָרטן זיין פייער אָפּלעשן . . . ער וועט דאָרטן האָבן מאַריאַן לעבן זיך, און איך? . . . אין מיר האָט ער אויפגערייצט אַזאַ פלאַם, און איך מוז פאַרברענט ווערן מיטן פייער צוזאַמען? . . .

זי האָט איצט געפילט אַ כעס צו גרישקאַן . . . ניט קיין האַס, נאָר ווי אים וואָס אָפּצוטאָן . . .

זי האָט זיך געטוליעט שטאַרקער צו לעווינען . . . האָט אַריינגענומען זיין אָרעם, ווי אַ געליבטע איר געליבטן . . .

קיין סך מענטשן זיינען אין סאָבוויי ניט געווען. ווייט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן איז געזעסן אַ פּאָרל און האָבן זיך געקושט.

לעווין האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך. זי האָט אים אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגערוקט פון אים . . . אים האָט דאָס פאַרדראָסן, נאָר ער האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— וואָס האָט איר זיך אָפּגערוקט, קאַטיאַ?

— איר זייט צו הייס, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטערל.

— ווי קען מען זיין קאַלט לעבן אייך, — האָט ער געענטפערט.

די טריין האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס.

אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינטעלע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון צענטראַל פּאַרק און עס האָט געבלאָזן קאַטיאַס האָר.

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און איז אַריין מיט אים אין פּאַרק, וואָס האָט געפירט צו איר וואוינונג.

איבערן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ סך פּאָרלעך זיך טוליענדיק איינע אין די אַנדערע און זיך קושנדיק.

לעווין און קאַטיאַ האָבן זיך אַ ביסל צוגעזעצט.

— איר ווילט גאָרניט שלאָפן? — האָט אים קאַטיאַ געפרעגט.

— מיט אייך קען איך זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט און מיך זאָל גאָרניט אַרן, — האָט ער געענטפערט.

— נו, יענעם מאָל . . . זייט איר דען ניט מיד געווען אויף צו מאָרגנס? — האָט קאַטיאַ געפרעגט.

— אַפילו קיין האָר ניט; איך בין די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, טראַכטנ־דיק וועגן אייך, — האָט ער געזאָגט.

פון דער ווייטן האָט זיך געהערט ווי אַ פרויען־שטימע זאָגט צו אימעצן: „דזשאו, כ׳האָב פאַרלוירן מיין קעמעלע צווישן די קוסטעס . . .“

לעווין האָט קאַטיאַן אַרומגענומען און האָט איר אַ קוש געטאָן . . .

— ניט שיין פון אייך! — האָט זי אַ זאָג געטאָן, און זיך אויפגעשטעלט.

— פאַרוואָס איז עס ניט שיין? — האָט לעווין געפרעגט. — איז דען דאָ נאָך אַ זאַך שענער פון ליבע? . . . איר קענט מיך פאַרשטויסן אויב איר ווילט! . . . איר קענט מיר שפייען אין פנים . . . אָבער איין זאַך זאָג איך אייך: איר וועט זיין מיין פרוי.

זי איז אַזוי צעטומלט געוואָרן פון זיינע רייד, אַז אין איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער . . . און זי האָט זיך אָפּגערופן:

— אַזוי זיכער זייט איר?

— זיכער, ווי איר זייט אַ פרוי און איך אַ מאַן . . .

דאָס וואָרט פרוי האָט איר אויפגערודערט אין האַרצן . . . זי האָט געפילט ווי מלאכים וואָלטן אַרומגעטאַנצט און געזונגען: פרוי, פרוי, פרוי! . . .

זי האָט אויף אים געקוקט, אָפּגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס . . . אַ הויכער, אַ דאַרער, אָבער זי האָט אין אים געזען אַ סך ווילן . . . אַ מאַן מיט ווילן! . . . אַ מאַן וואָס ווייס וואָס ער זאָגט, דאָס מיינט ער! . . .

— זעצט זיך, — האָט ער געזאָגט — איך וועל אייך מער ניט באַרירן, אַז איר וועט ניט וועלן, אַז איך זאָל אייך קושן . . . איך וויל זיך מיט אייך נאָר דורכשמועסן.

— זי האָט זי האָט געזעצט און געשוויגן.

— איך ווייס, אַז איר זייט אין אימעצן פאַרליבט . . .

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן . . .

— איך האָב זיך צו קיין פרוי נאָך ניט באַנומען אַזוי ווי איך באַנעם זיך צו אייך . . . איך האָב קיין פרוי קיינמאָל ניט געבעטן, נאָר גענומען . . . אָבער אייך וועל איך נעמען גאָר אַנדערש, אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן . . . אייך וויל איך פאַר מיין פריינט, פאַר מיין חבר אין לעבן . . . איך זוך ניט אין אייך אייער שיינהייט, אייער קערפּער אַליין . . . איך זוך אין אייך אויך דעם מענטשן פון וועלכן איך האָב געחלומט . . . איך זוך ניט בלויז מיין קערפּער אָנצוזעטיקן מיט אייער שיינקייט. איך ווייס, אַז איר קענט מיין נשמה אויך זעטיקן . . . און דערפאַר זאָג איך, אַז איך וואָלט געווען גליקלעך ווען איר ווערט מיין פרוי . . .

קאַטיאַ האָט געשוויגן. זי האָט געהאַלטן אירע אויגן אַרונטער. פאַר איר איז דורכגעשוואומען איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט . . . אַלע אירע ליבעס נאָך פון גימנאַזיע אָן . . . אָבער זי איז אַלע מאָל געבליבן אַ מיידל . . . זי האָט אַלע מאָל דורכגעבראָכן איר וועג אין דעם גרעסטן פלאַם פון איר קערפּער ביז, ביז גרישקאַ — — — איצט האָט זי געטראַכט:

— וואָלט איך איצט געווען אַ מיידל . . . איך וואָלט אים מיט שטאָלץ געקוקט אין זיין פּנים . . .

איר קערפּער האָט געברענט . . . זי האָט ניט געוואוסט פון וואָס . . . צי פון היץ, צי פון פאַרלאַנג נאָך גרישקאָן . . .

— איך זע, אַז איך האָב אייך שטום געמאַכט, — האָט ער געזאָגט. — זאָל דאָס באַדייטן, אַז — — — —

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון שלאָף:

— וואָס האָט איר מיך איצט געפרעגט?

—איך ליג אייך אַפילו ניט אין זינען, — האָט ער געזאָגט צערייצט. — נו, איך דענק, ס'איז שוין צייט פאַר אייך צו גיין שלאָפן. קומט, וועל איך אייך דורכפירן דעם פּאַרק . . .

זיי זיינען געגאַנגען און האָבן געשוויגן.

קאַטיאַ האָט צו אים ניט געפילט קיין ליבע. אָבער זי האָט געגלויבט, אַז זי וואָלט זיך געקענט צוגעוואוינען צו אַזאַ מענטשן . . . זי האָט געוואוסט, אַז ער קען אַכט שפּראַכן און האָט אַ ביסל פּראַקטיקע . . . שוין איבער אַ יאָר ווי ער האָט געעפנט דעם אָפיס און עס גייט אים ניט שלעכט . . .

זי האָט געדאַרפט דורכגיין אַ שמאָלן וועג, האָט זי גענומען לעווינס אָרעם. ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם שמאָלן וועג, האָט לעווין אָפּגעלאָזט איר האַנט. זי האָט זיך אַ ביסל באַליידיקט, אָבער זי האָט עס ניט אַרויסגעוויזן . . .

ער האָט זי צוגעפירט צום הויז און אַראָפּגענומען דעם הוט. ניט געבנדיק איר די האַנט האָט ער צו איר געזאָגט

— אַ גוטע נאַכט, קאַטיאַ! . . .

— מיסטער לעווין, — האָט זי אים גערופן — פאַרוואָס ניט זיין פריינט? פאַרוואָס גייט איר אַוועק ברוגז? . . .

— מיט אייך קען איך גיין אויף צוויי וועגן, — האָט ער געזאָגט — אָדער צוזאַמען, אָדער באַזונדער . . . ניט אַהין, ניט אַהער! . . . דאָס קען איך מיט אייך ניט! . . . איך האָב אייך געזאָגט: איר זייט פאַר מיר אַלץ, אָדער איר זייט פאַר מיר גאָרניט! . . .

— אָבער דאָך, גייט ניט אַוועק פון מיר אַזוי, — האָט זי זיך געבעטן.

אין איר מוח האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ געדאַנק: וואָס האָט זי צו פאַרלירן? זי וויל זיין פריינטשאַפט . . . גרישקאַ, ער מעג? ער איז אפשר איצט מיט מאַריאַן. זי איז אין זיינע אָרעמס . . . אפשר קושט ער זי דאָרט . . . און . . . אין מוח האָט איר אַ ברען געטאָן . . .

— קומט, איך וועל אייך באַגלייטן, — האָט זי געזאָגט. — איך וויל נאָך ניט גיין שלאָפן . . .

— מיר'ן זיצן נאָך אַ ביסל אין פּאַרק.

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי זיינען אַוועק אין פּאַרק . . .

צענטער קאַפּיטל

די פאַרזאַמלונג איז געווען אַזוי מעכטיק, אַז טויזנטער מענטשן זיינען צוריקגעגאַנגען, ווייל עס איז פאַר זיי ניט געווען קיין פּלאַץ.

נאָך אַלע רעדנער, האָט אברהם געהאַלטן זיין שלום־רעדע, וועלכע האָט

אַלעמען צעטומלט, דער עיקר די מענטשן אַרום דעם "פירער" . . . זיי האָבן שוין געזען וואָס דער גרינער אברהם האָט זיי אָפּגעטאָן . . . איבער צען טויזנט אַקציעס האָבען זיך פאַרקויפט, איידער די צייטונג האָט זיך געגרינדעט. פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלער איז גלייך געשאָפן געוואָרן.

דאָס איז געווען אַזוי: נאָך דער רעדע, וואָס אברהם האָט געהאַלטן, איז מאקארקא אַרויף און געהאַלטן אַ קליינע רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון אַ צייטונג, וואָס וועט אונטער דער רעדאַקציע פון דעם ערלעכן קעמפער און פּאָעט, אברהם צייטלין, בליען, און אויפקלערן דעם אַרבעטער זיין ווערדע, זיין מאַכט, און אויפהייבן דעם אַרבעטער, און ניט פאַרבלענדן אים די אויגן מיט בינטלעך בריוו און באָבע־מעשיות . . . און פאַר דעם הייליקן צוועק איז אַלצדינג ווערט אָוועקצוגעבן.

— איך גיב אָוועק מיין פאַרמעגן, — האָט ער געזאָגט. — אָט דאָ איז פינף טויזנט דאָלער, און זאָל דאָס זיין אַ גוטער אָנפאַנג! . . .

עס האָבן זיך באַלד געגומען שיטן פינפערלעך, צענערלעך, און צענדליקע קאַמעראַדן האָבן שווער געאַרבעט צו פאַרשרייבן די אַבאָנענטן.

שפּעט ביינאַכט, באַוואַכט פון צענדליקע קאַמעראַדן, האָט מען געבראַכט צו אברהמען די גרויסע סומע געלט, און ערשט אין פרימאָרגן האָט מען גע־מאַכט דעם גרויסן דעפּאַזיט אין באַנק, און די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן.

דער "פירער" האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין פאַרלוסט איז זייער גרויס, האָט ער באַצייטנס אָנגעפאַנגען אָפּצולייקענען, וואָס אברהם האָט גערעדט, און אַזוי אַלע טעג. און דערווייל איז געשען, אַז ער האָט מיט זיין ריידן נאָך מער "אַד־ווערטייזט" די נייע צייטונג . . .

די צייטונג האָט געהייסן דאָס "אַרבעטער־בלאַט".

די ערשטע אויסגאַבע פון 10 טויזנט קאָפּיעס איז צעכאַפּט געוואָרן. דער־נאָך איז זי מיט יעדן טאָג געוואַקסן, און ווען עס איז אַריבער איין חודש, האָט שוין דאָן די צייטונג פאַרמאָגט 15 טויזנט לייענער.

דער "פירער" האָט דערפילט זיין פאַרלוסט, האָט ער גענומען געבן פּרע־מיעס צו די לייענער. די גרויסע רייכע צייטונג האָט געשאָטן געלט פון אַלע זייטן . . . צוגענומען אַ סך וויכטיקע שרייבער פון "אַרבעטער־בלאַט"־סטעף, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום זייענען אַ סך צוריקגעקומען צו דעם "אַרבעטער־בלאַט" און נאָך מיט מער גאַל געשריבן קעגן דעם "פירער" . . .

די רייסעריי פון די צוויי צייטונגען איז געווען הימל־שרייענד.ביידע האָבן זיך געזידלט מיט די נידעריקסטע ווערטער. די יוניאָנס האָבן זיך גענומען שפּאַלטן. אַ טייל האָט געהאַלטן מיט דעם "אַרבעטער־בלאַט", אַ טייל מיט דעם "פירער". אָבער סוף־כל־סוף האָט דער אַרביטער, פילנדיק מער פריינטלעכקייט צו דעם "אַרבעטער־בלאַט", געפילט, אַז דאָס "אַרבעטער־בלאַט איז פאַרט מער נויטיק פאַרן אַרבעטער איידער דער "פירער". און דאָס "אַרבעטער־בלאַט" איז געוואַקסן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט, ניט נאָר אין ניו־יאָרק און אַרום ניו־יאָרק, נאָר אויך איבער גאָר די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע . . .

דאָס "אַרבעטער־בלאַט" האָט געגעבן גוטן לייען־מאַטעריאַל און האָט זיך אַ סך פאַרצווייגט מיט דער וועלט דורך קאָרעספּאָנדענטן.

דער דערפאָלג פון דעם "אַרבעטער־בלאַט" האָט אָבער דאָך ניט געבראַכט קיין גרויסע מאַטעריעלע נוצן דעם אַרבעטער . . . דורך די רייסערייען פון די יוניאָנס, האָבן זיך אַ סך באָסעס באַנוצט מיט דער געלעגנהייט צו שניידן די

שכירות פון די אַרבעטער, און די אַרבעטער, וועלכע זיי האָבן סתם ניט געוואָלט האָבן, האָבן זיי ביי דער געלעגנהייט אַרונטערגעשיקט.

דאָס „אַרבעטער־בלאַט" האָט אויפגעטאָן איין גוטע זאַך פאַר דעם אַרבע־טער: עס האָט זיך מער ניט געלאָזט פירן פונעם „פירער" און זיינע יוניאָנס. דער אַרבעטער האָט געוואוסט איין זאַך:

מען האָט אים גענאַרט, אָבער ניט מער! . . . ניין, ניט מער! . . .

דער „פירער" איז ניט געשלאָפן. ווען מען האָט אין די יוניאָנס דערשמעקט אַ גוטן רעדנער, אַן „אַרבעטער־בלאַט"־קעמפער, האָבן מען אים גלייך פאַר־שלעפט, אים געגעבן אַ יוניאָן־שטעלע, פאַרזאָרגט אים מיט אַ גוטן געהאַלט, און אַזוי האָבן זיי אַ סך גוטע קעמפער, דורך דער מאַכט פון געלט און כבוד, דערשטיקט . . .

אברהם, מיט זיינע עדיטאָריעלס, האָט צעבראָכן דעם „פירערס" ביינער, און די צייטונג האָט פאַרלוירן אַ העלפט פון איר צירקולאַציע.

די אַרבעטער האָבן ניט נאָר אויפגעהערט צו לייענען דעם „פירער", נאָר מען האָט אויך אויפגעהערט צו שיקן די אַנאָנסן אין דער דאָזיקער צייטונג, און די געשעפטס־וועלט האָט שוין מער ניט געוואָלט צאָלן דעם הויכן פרייז פון אַן אַנאָנס אין „פירער", אַזוי אַז די צייטונג איז אַ סך מאָל דערשינען מיט ברעק־לעך אַנאָנסן . . .

די גרויסע געביידע, וואָס דער „פירער" האָט געהאַט אויפגעבויט, איז געשטאַנען כמעט ליידיק . . . קיין פאַרזאַמלונגען האָט מען דאָרט מער ניט אָנגעהאַלטן. די געביידע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון אַרבעטערס פעניס פאַר דעם אַרבעטערס נוצלעכקייט, איז פאַרדונגען געוואָרן פאַר שעפער, פאַר חתונות און פאַר אַנדערע מיטינגען . . .

קיין לינקע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען זיינען דאָרט ניט געהאַלטן געוואָרן . . . אַלץ אייגענע מענטשן . . . „פירער"־מענטשן . . .

דער „פירער" האָט גענומען אונטערגיין . . .

(סוף פון ערשטן טייל)

געלעבט ווי אונטער אלע גוישע רעזשימען
ווי אונטער קאמוניסטישע רעגירונג
קאמוניזם וואס שטאמט [illegible]
[illegible]

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

דאָס „אַרבעטער־בלאַט״ האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון איר קאָרעס־פּאָנדענט, אַז אַ סערבישער סטודענט האָט דערשאָסן דעם עסטרייכישן קרוינ־פּרינץ מיט זיין ווייב, און דאָס וועט אפשר מיינען מלחמה, און אפשר גאָר אַ וועלט־מלחמה . . .

אברהם האָט אין זיינע עדיטאָריעלס אַגיטירט אַנטקעגן רוסלאַנד און אויך אין דער זעלבער צייט געזידלט די פראַנצויזן פאַר ווערן חבר מיט רוסלאַנד; אויך דאָס פרייע ענגלאַנד האָט ער אַריינגעטיילט פאַר איר אַליאַנס מיט דער פּאָגראָמען־רעגירונג. אברהם האָט אויך געשריבן קעגן דייטשלאַנד מיט אירע פאַרבינדעטע. אָבער ער איז געקומען צום שלוס, אַז פאַר דער ציוויליזאַציע איז בעסער, אַז דייטשלאַנד זאָל געווינען, ווייל אַ נידערלאַגע פאַר רוסלאַנד, וועט מיינען רעוואָלוציע און אַ פרייע רוסלאַנד וועט געבוירן ווערן . . .

דייטשלאַנד האָט געבראָכן אַלע מלחמה־געזעצן. זי האָט מיט איר אייזער־נער אַרמיי געוואָלט פאַרנעמען די וועלט. זי איז אַדורך לוקסעמבורג, דאָס קליינע מדינהלע, איז באַפאַלן בעלגיע, און איז אַריין אין פראַנקרייך. שנעל, פלינק, אין עטלעכע מאָנאַטן איז די דייטשע אַרמיי געשטאַנען אַרום די טויערן פון פּאַריז — אָבער טאַקע דאָ איז זי געבליבן שטיין אַרום ווערדון . . . דאָ האָט דייטשלאַנד אָוועקגעלייגט אירע כוחות . . . אירע מוטיקסטע סאָלדאַטן האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן. אָבער די בלוט־פאַרגיסונג איז צו גאָרנישט גע־וואָרן . . . בלוט האָט זיך געגאָסן . . .

פראַנקרייך האָט פאַרלוירן הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן און האָט דעם באָדן געהאַלטן, האָט דעם שונא געטריבן צוריק מיט גרויסע פאַרלוסטן . . .

ענגלאַנד האָט געשיקט אַ סך מענטשן פון אירע קאָלאָניעס, דער עיקר די הינדוסן, די אויסטראַליער. מען האָט געוואָרפן קרבנות אין דעם מויל פון גאָט פון מלחמה, פון גאָט מאַרס! און ער האָט געשלונגען און איז געוועזן הונגעריק אָן אַן אָפּשטעל . . .

דייטשלאַנד האָטווירקלעך באַוויזן וואונדער: זי האָט געקעמפט אויף אַלע פראָנטן. אומעטום האָט זי געזיגט, נאָר אַחוץ אין פראַנקרייך, וואו זי האָט געהאַט אַ קוואַל פון מענטשן־ים, און זי איז דאָך דערטרונקען געוואָרן אין דעם.

רוסלאַנד האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. זי האָט אירע סודות אַרויסגעגעבן צו דייטשע שפּיאָנען אומדירעקט, ניט וויסנדיק אַפילו וואָס זי טוט! . . . אירע גענעראַלן זיינען געווען שיכורים, הולטאַיעס, אומוויסנדע, וואָס האָבן אַפילו קוים געקענט אונטערשרייבן דעם נאָמען, און דייטשלאַנד האָט אַלץ געוואוסט, וואָס אין רוסלאַנד קומט פאָר. מיט שנאה האָבן זיי גאָרנישט געקענט טאָן, דערפאַר האָבן די גענעראַלן דאָס אינעווייניקסטע פאָלק געשטיקט און געדריקט, און מער פון אַלעמען — דעם יידן . . .

די אייזערנע אָדער די פליישיקע וואַנט אַרום פּאַריז, האָט דייטשלאַנד פאַרמאַטערט. דייטשלאַנד האָט געקעמפט מיט מער פאַרביטערטקייט. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר יעדער זאַך, וואָס קען נאָר דעם שונא פאַרניכטן . . .

אַ יאָר איז אַוועק. דייטשלאַנד האָט ווייטער אין פראַנקרייך מער ניט געקענט גיין.

אָפּגעשניטן פון דער וועלט, האָט זי דערפילט דעם הונגער . . . זי האָט איינגעפּירט קליינע מאָלצייטן און נאָכגעמאַכטע שפּייז . . . הונגער און טויט האָבן געהערשט אין אייראָפּע . . .

דאָס איינציקע לאַנד, וואָס איז געווען נייטראַל און האָט געגאָסן דאָס בעסטע פון דער אומגליקלעכער, בלוטנדיקער וועלט, איז געווען — אַמעריקע, די פאַראייניקטע שטאַטן. יעדעס לאַנד איז געווען פאַרנומען מיט פּראָדוצירן געווער פאַר די עלייעס קעגן דייטשלאַנד און איר פאַרבינדעטע . . .

דייטשלאַנד איז דאָס ממש געגאַנגען אין לעבן . . . אָבער זי האָט זיך מיט אַמעריקע ניט געקענט איינרייסן. זי האָט אירע שפּיאָנען צעשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע, פאַבריקן, וואו מען מאַכט געווער און אַנדערע מלחמה־מאַטעריאַלן, פאַרניכטעט . . .

„אַנקל סעם" האָט געהיט די דייטשן ווי שונאים. מען האָט געוואוסט, אַז די אַלע אויפרייסונגען קומען דורך דייטשע הענט אָדער דייטשע שפּיאָנען.

דייטשלאַנד האָט פון פאַרצווייפלונג פאַרלוירן דעם גאַנצן רעספּעקט צו די מלחמה־געזעצן און האָט גענומען זינקען נייטראַלע שיפן, וואָס פירן פּראָוויאַנט פאַר די עלייעס. דאַן איז איטאַליע צוגעשטאַנען צו די עלייעס און האָט מיט נייע קרעפטן גענומען געבן קלעפּ דער אָפּגעשוואַכטער עסטרייך. אָבער דייטשלאַנד האָט געשיקט פאַרשטאַרקונג.

דייטשלאַנד האָט ניט געוואָלט, אַז עסטרייך זאָל פאַרלירן דעם מוט, און זי האָט איר געהאָלפן אויף אַלע פראָנטן.

גאַנץ דייטשלאַנד איז געווען אַ מיליטערישער לאַגער; גאַנץ דייטשלאַנד האָט געאַרבעט נאָר פאַר דער אַרמיי . . . אַליין געגאַנגען הויל און הונגעריק, און אַלץ — פאַר די סאָלדאַטן . . .

דייטשלאַנד האָט געקעמפט קעגן דער וועלט! . . .

* * *

אברהם האָט ניט געשוויגן . . . „צופּיל בלוט ווערט פאַרגאָסן!" — האָט ער געליאַרמט. ער האָט גערופן צו די אַרבעטער, מען זאָל ניט אַרבעטן ביי געווער; ער האָט גערופן פאַרזאַמלונגען און אַגיטירט פאַר אַ גענעראַל סטרייק, אַז אַמעריקע זאָל אויפהערן שיקן געווער און זען עס זאָל ווערן שלום.

זיין אַגיטאַציע האָט געווירקט. אין אַ סך פאַבריקן, וואו מען מאַכט געווען, האָט מען טאַקע גענומען סטרייקן.

די גרויסע פאַרדינסטן האָבן אַפילו באַזיגט דעם ראַדיקאַלן עלעמענט . . .

די פּאָליציי איז גלייך געווען אויפן פּלאַץ און האָט באַוואַכט די סקעבס . . . און די אַרבעט איז געגאַנגען נאָך מער און פלינקער.

מען האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט . . .

אברהם איז געוואָרנט געוואָרן, אַז ער זאָל צומאַכן זיין מויל, אויב ניט וועט מען אים צומאַכן אויף אייביק! . . .

אברהם האָט די וואָרנונג, נאָך מיט מער עקשנות, איגנאָרירט און האָט נאָך מער גערופן די אַרבעטער ניט צו אַרבעטן ביי געווער . . . טויזנטער רוסן האָבן טאַקע געוואָרפן די אַרבעט ביי דעם געווער, אָבער די איטאַליענער האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט . . .

גייענדיק אַהיים, האָט אברהם געזען צוויי מענער גייען נאָך אים . . . ער האָט פון זיי זיינע אויגן ניט אַראָפּגענומען. ער האָט געזען ווי זיי היטן אים . . .

ער האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון סאָבוויי. אָבער זיי נאָך אים . . . ער האָט זיך גענומען אַריינדרייען אין אַנדער קאַר. זיי נאָך אים . . . ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אים. ביי דער הונדערט און ניין און פערציק־סטער גאַס האָט אים געלונגען זיך דורכצושפאַרן, און ער האָט זיך פון זיי אַרויסגעדרייט . . .

דעם צווייטן טאָג איז די נייעס דערציילט געוואָרן אין דעם „אַרבעטער־בלאַט". און חברים האָבן אין יעדן אָוונט באַגלייט אַהיים.

דער „פירער" האָט אַלץ געטאָן און קיין זאַך האָט אים ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען מסרן אויף דעם „אַרבעטער־בלאַט", אַז זי פירט די אַרבעטער צו אַנאַרכיע און אומרוען . . .

דער מעיאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער „פירער" מיינט ניט וואָס דאָס „אַרבעטער־בלאַט" וועקט צו אַנאַרכיע און סאָציאַליזם, נאָר אַז דער „פירער" זוכט פּטור צו ווערן פון אַ קאָנקורענט, און האָט די מסירות ניט גענומען אין אַכט . . .

אברהם האָט ווייטער געשריבן זיינע אַרטיקלען צו די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער . . . די אַרבעטער האָבן אים זייער ליב געהאַט, און אברהם איז געווען אַן ערלעכער אַרבעטער־פירער און דינער! . . .

די רייכע אייזן און שטאָל פאַבריקאַנטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען אַרומקוקן:

— ווי קומט עס, וואָס די שטילע רוסישע אַרבעטער זיינען געוואָרן אַזוי ווילד און ווילן ניט אַרבעטן אַזוינע לאַנגע שטונדן און בעטן העכערע שכירות...

זיי האָבן אַרויסגעשיקט שפּאָנען, מען זאָל אויסגעפינען די סיבה, און זיי האָבן געבראַכט דעם ענטפער:

— די רוסישע צייטונג, אונטער אברהם צייטלינס רעדאַקציע, איז אינגאַנצן שולדיק אין דעם . . .

עס איז געוואָרן אַ טומל, און די „סטענדארד אויל קאָמפּאַני" האָט עס אויך באַמערקט, אַז אירע פוילישע און רוסישע אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך . . .

עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז מען זאָל זען אברהמען אַרויסצושיקן פון לאַנד, הגם דאָס איז קעגן געזעץ! . . .

נאָר וואָס האָט אַ ווערט געזעץ קעגן אַזוינע ריזן ווי די „סטענדארד אויל קאָמפּאַני", אָדער „געריס שטאָל־טראַסט"?

אברהם האָט אָנגענומען די עצה פון זיין פריינט אַן אַדוואָקאַט, אַז ער זאָל ווערן אַ בירגער. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אברהם טאַקע געוואָרן אַן אַמע־ריקאַנער בירגער . . .

ערשט דערנאָך האָבן זיך אַ סך פון די קאָמפּאַניעס געכאַפּט, אַז אברהם האָט זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש, און פון איצט אָן קען מען אים שוין ניט אַרויסשיקן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

האָט מען געזוכט אַלערליי וועגן, וואָס מיט אים צו טאָן . . .

די שטימונג דאָ אין לאַנד קעגן דייטשלאַנד איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

— וואָס איז? דייטשלאַנד האָט געשאָסן אויף אַן ענגלישער שיף, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אונטער אַן אַמעריקאַנער פאָן! . . .

— סטייטש! . . .

— אַמעריקע זאָל זיך אָננעמען . . .

— פאַרוואָס? פאַר וועמען? . . .

— פאַרן פלאַג? פאַר דער פאָן, הייסט עס? . . .

— וואָס איז דערפלאַג שולדיק, אַז ענגלאַנד האָט געוואָלט אָפּנאַרן דייטש־לאַנד? — האָט דאָס „אַרבעטער־בלאַט" געשריבן. — מיר דאַרפן נאָך בעטן רעכענונג פון ענגלאַנד פאַרן טאָן אַזאַ זאַך! . . . צו שטעלן אין קאָן אונדזער פלאַג, אונדזער ערע! . . .

די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, אונטערגעקויפט פון די גרויסע קאַפּיטאַ־ליסטן, זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ געוואַלד:

— דאָס „אַרבעטער־בלאַט" ווערט געפירט פון די דייטשן, און אַז אברהם איז אַ שפּיאָן פאַר דייטשלאַנד! . . .

אברהם האָט נאָך מיט מער גאַל געשריבן קעגן דעם שאָוויניזם פון די קאַ־פּיטאַליסטן . . . ער האָט געוואוסט, אַז דאָ ליגט אויך אַ פינגער פון דעם „פירער", וואָס מסרט אויף דעם „אַרבעטער־בלאַט", און דער עיקר אויף זיין רעדאַקטאָר.

אַלע האָבן גענומען לייענען דאָס „אַרבעטער־בלאַט". דאָס „אַרבעטער־בלאַט" האָט שוין פאַרמאָגט מער לייענער ווי דער „פירער".

דער „פירער" איז געווען אויף צרות. ער האָט זיך קוים געשלעפּט אויף די לייענער, וואָס זיינען באַשטאַנען פון אַלטע ווייבער, וואָס פלעגן לייענען דאָס „בינטל בריוו"! . . .

די מאַסן האָבן זיך געשראָקן פאַר מלחמה. אייניקע געלע בלעטער האָבן גענומען אַגיטירן פאַר מלחמה . . .

— סטייטש, דייטשלאַנד שטעלט אָפּ שיפן? . . . אַמעריקאַנער שיפן, און קוקט איבער צי מען פירט ניט קיין אַמוניציע? . . .

— פאַרוואָס שווייגן מיט דייטשלאַנד? . . .

אברהם איז אַרויס מיט אַן ענטפער צו די געלע בלעטער, און געפרעגט:

— וואָלט דען אַמעריקע אַנדערש געהאַנדלט? איר ווילט אונדזער רואיק לאַנד אויך אַריינשלעפּן אין וועלט־בראַנד? . . . אייער געוואַלד איז פאַר די רייכע שטאָל־מאַגנאַטן . . . אייך אַרט ניט פאַר די יונגע בליענדע קינדער, וואָס וועלן דאַרפן לייגן זייערע קעפּ און פאַרגיסן זייער בלוט, איר פאַרקויפטע נשמות! . . . פאַר די עטלעכע דאָלאַרן, וואָס די קאַפּיטאַליסטן צאָלן אייך כלומרשט פאַר אַדווערטייזמענטס, פאַר אַנאָנסן . . . ווען איר הויבט אָן בילן, דאַן זעט מען די גרויסע אַנאָנסן פון די שטאָל־מאַגנאַטן, פון דער „סטענדאַרד אויל קאָמפּאַני" . . . מע דאַרף ניט זיין קיין גרויסער חכם דאָס גלייך צו פאַר־שטיין . . .

איין צייטונג האָט אָנגעקלאָגט דאָס „אַרבעטער־בלאַט" אויף הונדערט טויזנט דאָלער שאָדנערזאַץ פאַר באַליידיקונג . . .

דער פּראָצעס איז ביים ערשטן פאַרהער אַריסגעוואָרפן געוואָרן פון געריכט.

צווייטער קאַפּיטל

אברהם איז געזעסן און האָט זיך געשפּילט מיט זיין קליינעם זון ליאָ. לידא איז געזעסן אַנטקעגן אים און האָט אים דערציילט ווי דער קליינער ליאָ שפּילט זיך אַ גאַנצן טאָג; ווי ער האָט צעריסן אַ בוך. דאָס בוך האָט ער אַרויס־געשלעפּט פון בוך־שראַנק און האָב אים אויף זיין אופן געלייענט . . . .

— טע־טע־טע, קליין זונעלע, — האָט אים אברהם אויפגעהויבן איבערן קאָפּ — וועסט אַ שרייבער זיין? קינדעלע מיינס . . .

— טאַ־טיאַ, טאַ־טיאַ, — האָט דער קליינער ליאָ גערופן דעם פאָטער.

— זאָג טאַ־טאַ, קליין זונעלע, — האָט אברהם גערעדט צו אים אין רוסיש. — זאָג: פּאַפּאַ!

און ער האָט אים געקושט.

— ער רעדט שוין אַ ביסל בעסער, — האָט לידא געזאָגט. — היינט האָב איך געהערט ווי ער האָט גערעדט צו זיך . . . איך האָב עס דיר פאַרגעסן צו דערציילן . . . ער ברענגט מיר דעם צעריסענעם בוך און זאָגט צו מיר: „טיאַטיעס בוק, טיאַטיעס בוק“! . . . דער דאָקטאר האָט געזאָגט, אַז עס מאַכט ניט אויס וואָס ער האָט גענומען רעדן שפּעט . . .

— אַזוי, קליינער יונגאַטש! — האָט אברהם געזאָגט. — לאָמיך הערן ווי דו קענסט ריידן? . . .

ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, עטלעכע טריט ווייט פון זיך, און ער האָט אים געלאָזן שטיין.

— זאָג, זונעלע, פּאַפּאַ! . . .

ליאָ האָט אויסגעשטעלט די הענטעלעך און איז געשטאַנען אַ דערשראָ־קענער, געקוקט אויפן פאָטער, דאַן אויף דער מוטער, און ציטערנדיק געוואָלט עפּער זאָגן און זיך געשראָקן. די ליפּעלעך ביי אים האָבן זיך גענומען ברעכן, ווי צו וויינען . . .

— קום, קינדעלע, צו מיר, — האָט די מוטער אויסגעשטעלט די הענט. — קום צו מיר . . . קום צו דער מאַמען! . . .

דער קליינער ליאָ האָט ווידער גענומען שטאַמלען, לויפנדיק, אָנגעכאַפּט זיך אָן דער מוטערס הענט און אַ זאָג געטאָן: טאַטאַ! . . .

די מוטער האָט אים צוגעדריקט צו איר ברוסט און האָט אים באַדעקט מיט קושן.

— מיין קינדעלע, — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, און טרערן האָבן זיך ביי איר געוויזן אין די אויגן פון פרייד . . .

* * *

גרישקאַ און מאַריאַ האָבן שוין מער ניט געוואוינט מיט די צייטלינס און לייצע האָט אויך געהאַלטן אין פאַרלאָזן זיי. לייצע האָט געקראָגן אַ גוטן חתן און אין אַ קורצער צייט אַרום געדאַרפט גיין חתונה האָבן . . .

— ווייסט וואָס איך דענק? — האָט לידא זיך אָפּגערופן צו אברהמען — אפשר זאָל איך פאַרשלאָגן לייצען, אַז זי זאָל נאָך דער חתונה וואוינען מיט אונדז? ווייל אייגנטלעך נעמט זי דאָך פאַר זיך ניט קיין אייגענע צימערן, ביז זיי וועלן זיך צו עפּעס דערשלאָגן וועלן זיי ביידע אַרבעטן . . .

— מיך אַרט ניט. מיר געפעלט ער זייער, דער מאַקסימיליאַן — אַ געביל־דעטער יונג און אַ גוטער כאַראַקטער אויך! . . . איך בין זייער צופרידן, וואָס זי האָט געקראָגן אַזאַ יונגנמאַן פאַר אַ מאַן . . .

— אָבער אַ גרויסער קבצן, — האָט לידא געזאָגט. — קוים וואָס ער קען פאַר זיך מאַכן אַ לעבן . . .

— אין צווייען וועט דאָס קאָסטן ביליקער. וואָס ווילסטו אייגנטלעך? ער איז דאָך נאָך אַ גרינער. אינגאַנצן זעקס חדשים אין לאַנד . . .

די טיר האָט זיך געעפנט און לייצע איז אַריינגעקומען.

— מיר רעדן טאַקע וועגן דיר, — האָט זיך לידא אָפּגערופן. — אָט ווי איך זאָג דיר, וועגן דיר.

— וועגן וואָס? — האָט לייצע געפרעגט מיט אַן אָפן מויל.

— אָט וועגן די צימערן . . . דו ווייסט דאָך, מיר האָבן געגוג פלאַץ און דו קענסט דאָך איצט ניט איינאָרדענען פאַר זיך קיין הויז . . . נו, ביז דו וועסט דאָס קענען, וואוין ביי אונדז דערווייל . . .

— איך בין טאַקע געקומען אַליין וועגן דעם מיט אייך איבערצוריידן, — האָט לייצע געזאָגט. — מיר׳ן אייך צאָלן דאָס זעלבע, וואָס מאַריאַ האָט אייך געצאָלט.

— וועגן דעם וועלן מיר אַדורכקומען, — האָט לידא געזאָגט. — מיר׳ן אייך רעכענען נאָך ביליקער ווי מאַריאַן . . .

— איך דאַנק אייך, — האָט לייצע געזאָגט. — מאַקסימיליאַן זיצט אין דרויסן. ער האָט זיך געשעמט אַריינצוקומען מיט מיר, טאָמער וועט איר אונדז אָנטזאָגן.

— גיי רוף אים אַריין, — האָט לידא געזאָגט, און אַליין איז זי געגאַנגען מאַכן טיי מיט צובייסן.

מאַקסימיליאַן איז אַריינגעקומען אינגאַנצן רויט, פאַרשעמט. ער האָט לידאן און אברהמען דערלאַנגט די האַנט.

לידא און אברהם האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, וואָס זיי האָבן דאָ גערעדט. לידא האָט פאַר אַלעמען צעשטעלט טיי און צובייסן.

מאַקסימיליאַן איז געקומען פון רוסלאַנד צוריק מיט אַ זעקס חדשים, און האָט זיך גענומען צו אַפּערייטאַריי. ער איז געווען זעקס פוס הויך מיט אַ שיין קיילעכדיק פּנים און גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך. ער איז אַלט געווען 25 יאָר.

אין רוסלאַנד איז ער געווען אַ פּריקאַזטשיק אין אַ גרויס פּאַפּיר־געשעפט, און פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד אינעם רעכטן ברען פון מלחמה . . .

בעת דעם געשפּרעך האָט מאַקסימיליאַן געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ווען ניט דאָס געווער, וואָס אַמעריקע שיקט צו די עלייעס, וואָלט די מלחמה שוין לאַנג זיך געענדיקט.

— ווי איך בין איצט אָרעם און איך דאַרף געלט, דאָך ווען מען זאָל מיר לייגן געלט אויף דער וואָג פאַר מיין אַרבעט, וואָלט איך דאָס ניט אָנגענומען צו אַרבעטן ביי געווער. ווי איך זאָג אייך: ניט! . . .

— ביסט אַ בראַווער יונג! — האָט אים אברהם געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. — אַזוינע ווי דו, ווען מען וואָלט אַ סך געהאַט, וואָלט רוסלאַנד שוין לאַנג געווען אַ רעפּובליק, ווי דאָ אין אַמעריקע, און אפשר אַ סאָציאַליסטישע! . . .

— און דענקט איר ניט, געגאַסען צייטלין, אַז דאָ אין אַמעריקע איז אַ קאַפּיטאַליסטישע פרייהייט? — האָט מאַקסימיליאַן געזאָגט. — איך מוז איינשטימען מיט גרישקאַן. גרישקאַ זאָגט, אַז דאָ איז אַ רעפּובליק מיט אַ סך צאַרן . . . צאַרן מעכטיקע, נאָר אָן קרוינען . . . פאַר זיי איז דאָ קיין רעפּובליק ניטאָ, איך מיין פאַר די גרויסע . . . אָט למשל, ווייל מען אייך פאַרמאַכן דאָס „אַרבעטער־בלאַט“ פאַר אייערע אַרגומענטן . . . איר האָט דאָך קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט . . . איר קענט אייערע מיינונגען אַרויסזאָגן. קיינער טאָר אייך ניט שטערן! . . . איך האָב ערשט נעכטן געלייענט די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. זי גיט די פרייהייט יעדן בירגער אויסצודריקן זיך ווי ער

פילט און דענקט און קיינער טאָר אים ניט זאָגן קיין וואָרט! . . . איז דאָס ניט אמת, גענאָסע צייטלין? האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען די קאָנסטיטוציע? . . .

— אָבער זעט איר דען ניט די רעאַקציע, די פּלוטאָקראַטיע? ווי די בלוט־הינט, ווי די וועלף! . . . זיי זעען, אַז דאָ איז דאָ אַ געלעגנהייט צו מאַכן די דאָלאַרן . . . וואָס אַרט זיי פאַרן אָרעמען בלוטענדן פאָלק? זיי וועלן גאָרניט צולייגן. זיי וועלן מאַכן מיליאָנען! . . . זיי גרייטן צו די געלע באַצאָלטע פּרעסע פאַר דער בלוטיקער קאַשע, וואָס זיי ווילן געבן דעם אָרעמען פאָלק . . . זיי זייען דעם האַס, וואָס וועט אפשר וואַקסן מיט קאַנאָנען, וואָס וועט אונדז אפשר אויך אַריינשלעפּן אינעם פייער פון דער וועלט! . . .

— גענאָסע צייטלין, — האָט מאַקסימיליאַן זיך אָפּגערופן — מיר דאַכט, אַז נאָר אייער צייטונג און אייערע עדיטאָריעלס ווייזן ריכטיק דעם וועג, וואָס די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זוכן אין דעם איצטיקן מאָמענט . . .

— און טאַקע דערפאַר פאַרפאָלגט מען מיך! . . . האָט מען דען ניט אָנ־געקלאָגט דאָס „אַרבעטער־בלאַט" אויף הונדערט טויזנט דאלער? מיט דעם האָבן זיי געמיינט צו דערשטיקן מיין שטימע . . . נו, האָט זיך גראָד געמאַכט אַן ערלעכער ריכטער, און ער האָט מיר געגעבן מיין קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט . . . און האָט די קייס דיסמיסט, צוריקגעוויזן . . . .

מאַקאַרקאַ איז אַריינגעקומען מיט אַ צייטונג אין דער האַנט.

— נאַ! — האָט ער אויסגעשריגן. — עס שמעקט מיט פּולווער! . . .

— וואָס איז געשען? — האָט אברהם גענומען די צייטונג פון זיינע הענט.

דאָס איז געווען אַן „עקסטרא", אַז אַ דייטשע סאָבמאַרין האָט געזונקען אַן אַמעריקאַנער שיף מיט געווער, וואָס זי האָט געפירט פאַר די עלייעס, ווייל די שיף האָט זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן . . .

אברהם איז געבליבן ווי צעטומלט.

— נו, וואָס וועט איצט זיין? — האָט מאַקאַרקאַ אויף אַלעמען געקוקט און געפרעגט.

— דאָס וועט זיין אַ געשמאַקער מאכל פאַר דער געלער באַצאָלטער פּרעסע. זי וועט איצט שרייען קאַראַאול . . . . אָבער איין טרייסט האָבן מיר: ווי לאַנג ווילסאָן וועט זיין פּרעזידענט, וועט אין די פאַראייניקטע שטאַטן קיין מלחמה ניט זיין. פּאַרט אַ געבילדעטער מענטש, אַ פּראָפעסאָר! . . .

— זאָל דאָס נאָר אַמאָל זיין, — האָט מאַקאַרקא געזאָגט.

— איצט, מיינע פריינט, וועט איר מיר אַנטשולדיקן. איך מוז גיין אין מיין שרייבצימער אַרומטראַכטן די גאַנצע סיטואַציע און צוגרייטן מיין עדי־טאָריעל אויף מאָרגן.

די צייטונגען זיינען פול געווען מיט דער נייעס וועגן דער שיף, וואָס איז געזונקען . . . ניין, ניט די שיף איז געווען די הויפּט־זאַך, נאָר עס איז געווען די נייעס, אַז דייטשלאַנד האָט געזיגט אויף אַלע פראָנטן . . .

די מאָרגן־צייטונג, אָדער בעסער: די „וואָל־סטריט" צייטונג האָט זיך שטאַרק דערשראָקן: צופיל געלט האָבן זיי געליען צו די עלייעס און אַ זיג פאַר דייטשלאַנד מיינט אַ פאַרלוסט פאַר זיי. פראַנקרייך, ענגלאַנד און רוסלאַנד קענען באַנקראָטירן . . .

זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב „אָנקל סעם" וועט צושטיין צו די עלייעס, דאַן וועט זייער געלט זיין זיכער . . .

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געטומל מיט אַ געוואַלד: — דייטשלאַנד זוכט קריג מיט די פֿאַראייניקטע שטאַטן! — האָבן אַלע געשריגן.

דיפּלאָמאַטיש איז דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר געלונגען צו איבערצייגן, אַז דאָס איז געווען אַן אומפֿאַרציילעכער טעות, און אַז דייטשלאַנד איז ווילִיק גוטצומאַכן דעם שאָדן . . .

קיין מענטשן זיינען ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען, האָט עס זיך איינגעגעבן דעם טומל פֿאַר אַ ווײַלע איינצושטילן . . .

דריטער קאַפּיטל

די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אין די פּריימעריס ווידער דערוויילט ווילסאָן פֿאַר פּרעזידענט פֿאַר אַ צווייטן טערמין.

אין 1916 איז ער געלאָפֿן, און זיין הויפּט־אישו איז געווען: פֿרידן! . . .

אברהם צייטלין איז געווען ווילסאָנס אָנהענגער און האָט אַגיטירט צום אַרבעטער קלאַס, מען זאָל שטימען פֿאַר אים, פֿאַר ווילסאָנען.

ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט ווילסאָנען און האָט אים פֿאַרשפּראָכן, אַז די לייענער פֿון זיין צייטונג וועלן געוויס שטימען פֿאַר אים.

און ווילסאָן האָט אים געענטפֿערט אַ דאַנק־בריוו, וואָס איז טאַקע אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין דעם „אַרבעטער־בלאַט״.

אברהם צייטלין האָט שטאָלץ אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ . . . ער האָט פֿאַר־שפּרייט דעם פּאַסיפֿיזם, און פֿאַר אַ ביישפּיל געבראַכט דעם פּרעזידענט: דער פּרעזידענט איז אַ פּאַסיפֿיסט! . . .

דער „קעמפּיין״ איז געווען אַ פֿייערדיקער. די רעפּובליקאַנער האָבן פֿאַר־שווענדעט מיליאָנען, אַז זייער פּרעזידענט־קאַנדידאַט זאָל דערוויילט ווערן. יעדער „וואָוטער״ האָט זיך געקענט הייסן געבן דאָס טעלערל פֿון הימל, וואָלט די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי עס אים געגעבן, אַבי מען זאָל איר אָפּגעבן די שטימע. און זי האָט ווירקלעך געהאַט אַ סך „וואָוטס״ . . . נאָר ווילסאָן האָט געוואונען ביי עלעקטאָרס . . . — געוואונען האָט דער פּאַסיפֿיסט . . . — האָט אברהם מיט גרויסע ווערטער אין זיין צייטונג דאָס „אַרבעטער־בלאַט״ געלויבט ווילסאָנען . . .

— אַזאַ פּרעזידענט איז אַ גליק פֿאַר אַ לאַנד, — האָט ער געשריבן. — מיר מעגן זיך אָפּגעבן מזל־טוב מיט אונדזער געווינס . . . מיט ווילסאָנען.

דייטשלאַנד האָט שוין געקעמפֿט צוויי יאָר. זי האָט אומעטום געזיגט, נאָר ניט אַרום פּאַריז. דאָרט האָט זי דעם פֿראָנט ניט געקענט אַדורכברעכן. אירע גרויסע האָוויצערס און אַפֿילו אירע צעפּעלינס האָבן איר ניט געהאָלפֿן . . .

פּאַריז איז געווען באַשיצט פֿון אַ מענטשן־וואַנט, וואָס די האָוויצערס האָבן ניט געקענט אַדורכברעכן, ניט פֿאַרניכטן . . . האָט זיך אַ וואַנט צעבראָכן, איז זי גלייך אויפֿגעבויט געוואָרן מיט אַן אַנדער וואַנט פֿון פֿלייש און קנאָכן . . .

די נייעס איז געקומען, אַז רומעניע איז צוגעשטאַנען צו די עליִעס. אָבער דייטשלאַנד האָט זי אין אַ קליינער צייט כמעט צעשמעטערט, כמעט פֿאַר־ניכטעט . . .

רומעניע האָט זיך אָפּגעטראָגן אין רוסלאַנד אַ צעשלאָגענע, אַ צעביילע! . . .
אָבער דאָ איז געקומען ענגלאַנד מיט אַן איבעררעשונג פֿאַר דייטשלאַנד: ענג־

לאַנד האָט אויפגעבויט „טענקס“. די טענקס האָבן אַ ביסל שיטערער געמאַכט די דייטשע רייען . . . די טאַנקען האָבן פיל געהאָלפן אין פאַרניכטן דייטשלאַנד.

דייטשלאַנד האָט אייגנטלעך איינגעזען, אַז ווען ניט אַמעריקע וואָלט זי די מלחמה געוואונען . . . און ווען זי וואָלט זיך אפשר געכאַפּט ביי דעם געדאַנק פון אָנפאַנג אָן, וואָלט זי אפשר די מלחמה געוואונען . . . זי וועט פאַרניכטן אַלץ, וואָס אַמעריקע שיקט צו די עלייעס! . . . און זי האָט עס געטאָן. זי האָט אַנדערש ניט געקענט טאָן! . . . זי איז שוין געווען פאַרצווייפלט פאַר די עטלעכע יאָר מלחמה, און טערקיי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס . . . און אַליין האָט זי זיך אַרומגעצאַמט מיט דער גאַנצער וועלט. יאַפּאַן האָט אירע קאָלאָניעס פאַרכאַפּט. זי האָט זיך פאַרצווייפלט געוואָרפן אויף די אַמעריקאַנער שיפן . . .

לאָגיש, באַטראַכטנדיק, האָט דאָס פאַרטשעפּען זיך מיט אַמעריקע באַוויזן צוויי וועגן: אָדער דייטשלאַנד איז שטאַרק, אָדער זי איז שוואַך! . . .

די פּרעסע האָט אַ ביסל אָנגעצונדן אין די הערצער האַס צו דייטשלאַנד, און הגם אַמעריקע איז נאָך ניט געווען אין קריג מיט דייטשלאַנד, האָט מען אָבער געהאַלטן דייטשלאַנד פאַר אַ שונא! . . .

די צייט איז ניט געשטאַנען אויף אָן אָרט. דער גאַט פון מלחמה האָט זיין בלוטיקן וועג געוואָרפן אויף די פאַראייניקטע שטאַטן . . . ווי אַ בלוטיקע שפּין, וואָס איר געוועב כאַפּט אַריין די פליגן־קרבנות . . .

די ליזוטאַניא איז געזונקען געוואָרן . . .

ווילסאָן האָט דערקלערט קריג צו דייטשלאַנד . . .

אַנקל סעם האָט גערופן פרייוויליקע סאָלדאַטן . . . אָבער — קיינער וויל ניט לייגן זיין ערשטן קאָפּ . . .

מלחמה! . . .

דער היציקער עולם האָט אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס דאָ טוט זיך.

מלחמה! . . .

מע איילט זיך ניט צו „ענליסטן“ . . .

די רעגירונג האָט דערשמעקט די געפאַר און איז אַרויס מיט אַ וואָרנונג: אויב מען וויל זיך פרייוויליק ניט אָנשליסן, וועט דער קאָנגרעס פאַסן אַ געצוואונגענעם מיליטער־דינסט.

די וואָרנונג האָט ווייניק געהאָלפן . . .

קיינער וויל ניט גיין שטאַרבן, און מען רוקט זיך ניט! . . .

דער פּאַטריאָטיזם האָט קלאָר באַוויזן וואו ער האַלט! . . . דער רייכער ביי זיין געלט . . . און דער קבצן ביים לעבן . . .

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומענעם געצוואונגענע דינסט! . . .

מע האָט זיך געמוזט רעגיסטרירן, אויב מע האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן. און די וועלכע האָבן זיך יאָ רעגיסטרירט, האָבן עס ניט געטאָן מיט פרייען ווילן. מען האָט אין די גאַסן אָפּגעשטעלט, געפרעגט אויף אַ רעגיסטרירונג קאַרטע. מען האָט דאָס געמוזט האָבן . . . אויב ניט האָט מען אַרעסטירט . . . דעטעקטיווס האָבן געאַרבעט . . . זיי האָבן געזוכט אָבער ניט געפונען! . . . יענע וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן האָט מען ניט געפונען! . . . טויזנטער האָבן געקויפט רעגיסטרירונג־קאַרטעס, און האָבן אַזוי גענאַרט רעכט און לינקס . . .

די רייכע האָבן זיך אַרויסגעדרייט. זיי דאַרף דאָס לאַנד דאָ . . . זיצן זיי אין דערהיים און שפּיילען אויפן באַלקן . . . אַזאַ ווי „עסטל פּאַרד", פּאַרדס זון, דאַרף אין מלחמה ניט גיין! . . .

זיי האָבן געוואוסט ווי זיך אַרויסצודרייען . . .

מען האָט די רעגיסטרירטע צעטיילט אין קלאַסן:

ערשטע, צווייטע, דריטע און אַזוי ווייטער. דאָס איז ווירקלעך געווען גוט. יונגע לייט אָן פליכטן און ניט פאַרהייראַט זיינען געווען אין ערשטן קלאַס, און זיי האָט מען גלייך צוגענומען; פאַרהייראַטע נאָר אָן קינדער — צווייטער קלאַס . . . פון אָט די לעצטע האָט מען צוערשט צוגענומען די גרינע. פון זיי האָבן אַ סך קיין וואָרט ענגליש ניט פאַרשטאַנען . . . ער האָט אָבער גאָרניט אויסגעמאַכט — פאַר די קאַנאַנען זיינען זיי געווען — גוט פליישׂ — צי יאָ מיט ענגליש, צי ניט מיט ענגליש . . . זיי זיינען געווען אַנקל סעמס סאָלדאַטען! . . .

אברהם איז שיער ניט אַרויס פון די כלים . . . ער האָט זיך באַקענט מיט דעבסן. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן, אַז געצוואונגענע מיליטער־דינסט איז קעגן דער קאָנסטיטוציע, און אַגיטירט, אַז מען זאָל זיך לאָזן אַרעסטירן און ניט גיין אין מלחמה . . .

— איך, — האָט ער געשריבן — וועל זיך לאָזן אַרעסטירן, דערשיסן, און אין מלחמה ניט גיין! . . .

אַ ביסל צייט שפּעטער האָט זיין אַגיטאַציע געקראָגן אַ סך אָנהענגער. מען האָט זיי גערופן „קאָנסענשיאָס אבדזשעקטאָרס". אַ סך האָט מען טאַקע גע־וואָרפן אין תפיסה פאַר זייערע געוויסנסביסע קעגן מלחמה־מענטשן . . .

דעבסן האָט מען אַרעסטירט.

אברהמען האָט מען אָפּגעבראָכן די ביינער, און מען האָט אים געשראָקן, אַז מען וועט ביי אים צונעמען זיינע בירגער־פּאַפּירן . . .

ער איז אַרויס מיט אַן עדיטאָריעל, אַז ער האָט קיין מורא ניט אויב מען וועט ביי אים צונעמען די בירגער־פּאַפּירן, און ער קלייבט זיך אַליין אָפּצוזאָגן פון זיינע בירגער־רעכט! . . .

— אין איין זאַך זייט זיכער: פאַר קיין סאָלדאַט וועט איר מיך ניט מאַכן, — האָט ער אין זיין עטדיטאָריעל אָפן דערקלערט. — איך וועל ניט גיין! . . .

ווי נאָר די צייטונג האָט די ווייסע וועלט דערזן, האָט מען זי באַלד פאַר־באָטן . . . מען האָט זיי פון די „סטענדס" געכאַפּט און צעריסן . . . און אַנ־דערע צייטונגען האָבן שטאַרק געלויבט די יעניקע, וואָס האָבן דאָס „אַרבעטער־בלאַט" צעריסן, און געזאָגט וועגן זיי, אַז זיי זיינען אמתע פּאַטריאָטן . . . ניט קיין כוליגאַנעס, גוזעצלאָזע — נאָר פּאַטריאָטן! . . .

ס'האָבן זיך געמערט די פּאַטריאָטן, און ווי נאָר מען האָט דערזען אַן „אַרבעטער־בלאַט" איז עס גלייך צעריסן געוואָרן, און אַ סך פון די פאַרקויפערס האָט מען אָפּגעבראָכן די ביינער . . .

פערטער קאַפּיטל

לידא איז געווען פאַרצווייפלט . . . דער שרעק פאַר אברהמס לעבן האָט אין איר שטאַרק געוואַקסן . . . און נאָך מער: טאָמער וועט מען אים איינזעצן אין תפיסה.

זי האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אויפגעבן זיין קאַמף קעגן דער רעגירונג, אָבער ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע: ער מוז דער וועלט ווייזן, אַז דאָס קאַפּיטאַל האָט צעבראָכן דעם אַמעריקאַנער פונדאַמענט . . . אונדזער לאַנד דאַרף זיך ניט מישן אין אייראָפּעאישע אנגעלעגנהייטן, וואָס עס איז שייך צו דער איצטיקער לאַגע . . . די קאַפּיטאַליסטן זיינען געקראָכן? — זאָלן זיי קריכן, זאָלן זיי גיין אין קריג! . . . דאָס אָרעמע פאָלק אָבער דאַרף ניט גיין, ווייל דאָס אָרעמע פאָלק וועט סיי־ווי־סיי פון דעם גאָרניט געווינען! . . . דאָס אָרעמע פאָלק וועט נאָך מער פאַרלירן . . . עס וועלן נאָר עטלעכע געלט־זעק מער נאָך רייכער ווערן . . .

— איך האָב אין רוסלאַנד איינגעשטעלט מיין לעבן פאַרן פאָלק . . . איך בין געקומען אין אַ לאַנד וואָס ווערט רעגירט „פון פאָלק, דורכן פאָלק און פאַרן פאָלק" . . . אָבער דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניט פון מיין חלום! . . . אַז איינטלעך איז דער מענטש, וואָס האָט צוגעזאָגט פרידן . . . האָט דער דאָזיקער מענטש אונדז אָפּגענאַרט, אונדז אַריינגעשלעפּט אין בלוטיקן שפּיל . . . און ער אַליין וועט זיך זיצן דאָרטן מיט זיינע מיניסטאָרן, וואָס פאַרטרעטן דעם קאַפּיטאַל, אָדער זיינען אַליין קאַפּיטאַליסטן, און וואָס זיי טוען — טוען זיי, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן פאַרן קאַפּיטאַל! . . . דאָס פאָלק וויל ניט גיין אין מלחמה, פאַרוואָס צווינגט מען עס? . . . פאַרוואָס האָט מען ניט אַדורכגעפירט אַ פאָלקס־אָפּשטימונג, צי דאָס פאָלק וויל מלחמה?! מיר האָבן דערוויילט אַ פּרעזידענט, ער זאָל אונדז ברענגען גליק, רו, און פרידן, און ניט קיין אומגליק און בלוט־פאַרגיסונג . . . ער האָט זיין צוזאָג ניט געהאַלטן . . . ער דאַרף אַראָפּגעזעצט ווערן, און דאָס וואָלט געווען, נאָך מיין מיינונג, אַן אמתע קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק! . . .

— אָבער איצט איז מלחמה! — האָט לידא זיך געבעטן. — אין מלחמה זוכט מען ניט קיין גערעכטיקייט און מען געפינט קיין גערעכטיקייט! . . . מלחמה! דאָס אַליין איז שוין אַן אומרעכט! . . .

— יאָ, מיין טייערע, האָסט רעכט: מלחמה איז אומרעכט און ס'איז אַ פאַרברעכן . . . אָבער אימעצער מוז דאָך קומען און דאָס דערקלערן דעם פאָלק . . . דאָס פאָלק איז די מערהייט! . . . פאַרוואָס זאָלן זיי גיין ווי שאָף צו דער שחיטה? . . . פאַרוואָס זאָלן איינציקע, אָדער איינער, האָבן די מאַכט צו טאָן מיט זיינע מיטמענטשן וואָס ער וויל? . . . אין דער מלחמה וואָלט אונדז דייטשלאַנד קיינמאָל ניט פאַרטשעפּעט, ווען ניט די קריגס־מאַטעריאַלן . . . ווי דו זאָגסט, אַז אין מלחמה איז קיין גערעכטיקייט ניטאָ! טאַקע ניטאָ! — האָט ער אויסגעשריגן.

— אָבער הער זיך איין, — האָט זיך לידא אָפּגערופן — אַז דו וועסט שרייען וועט דיר דען וואָס העלפן? . . .

— עס פּלאַצט אין מיר די גאַל! — האָט ער ווידער אויסגעשריגן.

— הער זיך איין, — האָט זי אָנגעפאַנגען ריידן מיט ווייכע ווערטער, ווי אַ מוטער, וואָס וויל איינשטילן איר אויפגערעגט קינד: — פאָלג מיך . . . צוליב דיר, און צוליב מיר און צוליב אונדזער קינד . . . דאָרט אין רוסלאַנד האָסטו געהאָט די באַפעלקערונג, דעם אַרבעטער, דעם פּויער און די אָרעמע אויף דיין זייט . . . אָבער דאָ? . . . ניין, פריינט, דאָ ליגט דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער עפּעס אַנדערש אין זינען . . .

ער איז צו צו לידאַן, זי אַרומגענומען און זי צוגעדריקט צו זיך:

— האַרץ מײַן, האַרץ, — האָט ער צו איר געמורמלט — דו ביסט מײַן חבר, וואָס פאַרשטייט מיך . . . דײַן שאַרף אויג . . . דײַן קוק אויף די אַמע־ריקאַנער אַרבעטער האָט מיר ווירקלעך געעפנט די אויגן . . .

— צו ריכטיק, ווי קען אַ פאָלק פאַרשטיין קלאַסן־קאַמף, ווען זיי זײַנען פאַרכאַפּט מיט „בייז־באָל" און מיט „פאַיטס" . . . ווער זײַנען דאָ די יוניאָן־פירער? זיי שטימען דאָך פאַר קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען . . .

— האָבן זיי זיך ווען אַרײַנגעטראַכט צו אָרגאַניזירן אַן אַרבעטער־פּאַרטיי? ווי למשל אין ענגלאַנד? הגם ניט רעדנדיק ווי די קעמפער פון רוסלאַנד . . . אמת, וואָס טוען די אַמעריקאַנער פירער? . . . זייער פּרעזידענט פאָרט ווינטער אויף וואַקאַציע אין פלאָרידא . . . און שפּילט גאָלף מיטן פּרעזידענט, אָדער מיט אַן אַנדערן אַזאַ . . . און די דומע אַרבעטער טאַנצן קדוש פאַר זייער פּרע־זידענט! . . . ער האָט געשפּילט גאָלף מיטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע „קאַפּיטאַליסטן"! . . . וואָס קען אַזאַ מין פּרעזידענט אויפטאָן פאַרן אַרבעטער־קלאַס? וואָלט דאָס געקענט געמאָלט זײַן אין רוסלאַנד? . . . די אַמעריקאַנער אַרבעטער דאַרפן אויפגעוועקט ווערן פון זייער הינערפלעט . . . פון זייער „בייז־באָל", פון זייערע „פאַיט־גיימס" . . . פאַרשטייסטו, טייערע? . . .

— אָבער דאָ וועסט דאָ ווייניק וואָס אויפטאָן, — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט? — האָט ער געפרעגט. — פאַרוואָס ניט, לידעטשקאַ?

— ווייל איצט וועט מען דיך פאַרהאַקן אין תפיסה! . . . אָט האָט מען דעבסן אויך אַרעסטירט . . . איצט איז יעדנס מוח פאַר׳סמ׳ט . . . דער ערלעכער מענטש האַלט זײַן מויל פאַר מורא און מוז טאַנצן נאָך דעם פייפל, וואָס מען שפּילט פאַר אים . . . איך גלויב, אַז עס זײַנען פאַראַן גענוג היכטער, וואָס מוזן פאַראורטיילן מענטשן קעגן זייער איבערצייגונג . . . און פאַרוואָס טוען זיי דאָס? מען זאָל זיי ניט חושד זײַן אין ניט־פּאַטריאָטיזם . . . פאַרשטייסט, מײַן טייערע, די וועלט איז משוגע, ווילד בלוטדורשטיק! . . .

— האָט מען דען די פּראָפעסאָרן ניט אַרויסגעוואָרפן פון די קאָלעדזשעס, אוניווערזיטעטן, פאַר זייער אַרויסטרעטונג קעגן דער מלחמה? פאַר פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע? . . .

— וואָס דאַרפסטו אײַנשטעלן אונדזער קינדס גליק?

עס האָט געהערשט אַ קליינע פּויזע. דאַן האָט אברהם געריעדט:

— אָבער איצט איז די ריכטיקע צייט דעם דומען אַרבעטער צו מאַכן פאַר־טראַכטן זיך. איצט, ווען דער טויט קוקט אויף אים מיט די גרויסע אויגן־לעכער און האַלט פאַרטיק זײַן שאַרפע קאָסע! . . . איצט איז די צייט צו רופן אים, ער זאָל פאַרשטיין זײַן ווערדע, און וואָס אייגנטלעך איז עס פאַר אים דער אונ־טערשייד, צי ער איז דאָ אין אַמעריקע, אָדער אויף יענער זייט ים? דער אַר־בעטער האָט גאָרניט דאָ, און האָט גאָרניט דאָרטן . . . ער מוז דאָ אַרבעטן און מוז דאָרטן אַרבעטן . . . ער מוז זײַן מאַכט און קראַפט אומעטום פאַרקויפן . . . אָט צום בײַשפּיל, האָט דער אַרבעטער געמאַכט געווער, און איצט גייט ער ווערן אומגעבראַכט פונעם זעלבן געווער . . . וואָלט אָבער דער אַרבעטער געווען באַ־וואוסטזיניק און וואָלט פאַרנומען אין זײַן מאַכט, וואָלט ער ניט „געוואוט" פאַר די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, און וואָלט די מאַכט גענומען אין די אייגענע הענט, דורך זײַן „וואוט", זײַן שטימרעכט! . . .

פינפטער קאַפּיטל

אברהם האָט פּאַרטיק געמאַכט אַן עדיטאָריעל, און אויף מאָרגן איז דער עדיטאָריעל אָפּגעדרוקט געוואָרן . . . . דער „פירער" האָט אין דעם דערזען אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון דעם „אַרבעטער־בלאַט", און אפשר אויך פון זיין שטאַרקסטן קאָנקורענט: אברהם צייטלין.

לעווינסקי, דער רעדאַקטאָר פון „פירער", האָט גלייך איבערזעצט דעם עדיטאָריעל און האָט עס טעלעגראַפיש איבערגעשיקט קיין וואַשינגטאָן . . .

איידער דער טאָג איז אַוועק איז אברהם שוין געווען אַרעסטירט. עס האָט גענומען אייניקע טעג ביז זיין אַדוואָקאַט האָט געקראָגן די דערלויבעניש אים צו באַפרייען אונטער אַ „באָנד" פון צען טויזנט דאָלער און מיט אַ צוזאָג, אַז ער זאָל ביז זיין פּראָצעס ניט וואַגן צו שרייבן פאַר אָדער קעגן דער מלחמה! . . . אינגאַנצן ניט שרייבן . . .

פון אָנפאַנג האָט זיך אברהם אָנטזאָגט פון אַזאַ באַדינג:

ניין, ער וועט דאָס מויל ניט קענען האַלטן: ער וועט בעסער גיין זיצן! . . .

ער איז טאַקע אָפּגעזעסן פינף טעג, ביז לידא האָט, מיט טרערן אין די אויגן, אים באַוואויגן זיך אונטערצוגעבן . . .

ווען ער איז אַריין אין רעדאַקציע, האָט ער אַלץ געפונען מיטן קאָפּ אַראָפּ . . . צעבראָכענע טישן און שטולן, צעריסענע מאַנוסקריפּטן, צעבראָכענע דרוק־פּרעסן . . .

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטול מיט אַ קרעכץ . . . ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע טעג קראַנק פון ערגערניש פון דעם פּאָגראָם, וואָס מען האָט געמאַכט אין דעם „אַרבעטער־בלאַט" . . .

מאַקאַרקאַ און לידא זיינען פון אים ניט אָפּגעטראָטן.

אברהם האָט גערעדט פון גרויס היץ. דאָקטוירים האָבן דערקלערט, אַז די היץ איז פון ערגערניש, פון נערוון־דערשיטערונג, און אַז דאָס וועט אין קורצן איבערגיין . . . קיין געפאַר איז אין דעם ניטאָ . . .

מאַקאַרקאַ האָט געקראָגן איינעם פון די גרעסטע אַדוואָקאַטן. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון פּראָצעס, האָט דער אַדוואָקאַט זיך אָנטזאָגט אים צו פאַרטיידיקן . . .

דער אַדוואָקאַט האָט אין געריכט אַרויסגענומען די טויזנט דאָלער האַנט־געלט, עס דערלאַנגט מאַקאַרקאַן און געזאָגט:

— אָט האָט איר אייערע טויזנט דאָלער. איך קען אייער פריינט ניט פאַרטיידיקן . . .

— פאַרוואָס ניט? — האָט מאַקאַרקאַ דערשראָקן געפרעגט.

— ווייל ער איז אַ שונא פון אונדזער לאַנד! . . . — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט.

— פאַרוואָס האָט איר געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט? — האָט אים מאַקאַרקאַ געפרעגט.

— דאָס זאָלט איר פרעגן דעם ריכטער! — האָט דער אַדוואָקאַט מיט אַ ברייטן שמייכל געענטפערט . . .

דאָס געריכט־הויז איז געווען פול מיט מענטשן. דאָך איז געווען זייער שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דעם קלענסטן גערויש, ווי די צושויער וואָלטן געפילט דאָס גרויסע אומרעכט פון אַדוואָקאַט . . .

דער ריכטער האָט זיך געווענדט צו אברהם צייטלין:

— אויב איר ווילט קען איך אָפּלייגן דעם פּראָצעס? איר מוזט אָבער קריגן אַן אַנדער אַדוואָקאַט . . .

— יור האנאר, — האָט אברהם געזאָגט — איך וועל קיין אַנדער אַדוואָקאַט מער ניט זוכן; איך וועל זיין מיין אייגענער אַדוואָקאַט! . . .

אַן אפלאוז האָט זיך דערהערט איבערן גאַנצן געריכט־צימער.

דער ריכטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און עס איז שטיל געוואָרן.

— אויב אַזאַ זאַך וועט זיך ווידערהאָלן, וועל איך אייך אַרויסשיקן פון געריכט, — האָט דער ריכטער מיט בייזקייט מודיע געווען . . .

— יור האנאר, — האָט אברהם זיך אָפּגערופן איך וויל מיין בעיל זאָל גלייך צוריקגעצויגן ווערן, און איר קענט אָנגיין מיט מיין פּראָבעס . . .

— גוט! — האָט דער ריכטער געזאָגט. — איך צי צוריק אייער בעיל, אָבער דעם פּראָצעס לייג איך אָפּ אויף אַ וואָך, פאַר „דזשענעראַל סעשאנס".

עס האָט זיך דערהערט איין מענטשן אַפּלאָדירן דעם ריכטער, און ווען דער איינער אַפּלאָדירער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָבן אַלע געזען, אַז דאָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פירער", לעווינסקי . . .

* * *

מאַקאַרקאַ איז אַרומגעלאָפן פון איין אַדוואָקאַט צום צווייטן, אָבער אַלע האָבן זיך אָנטזאָגט אברהמען צו פאַרטיידיקן.

איינער אַ יונגער לאָיער, וואָס האָט ערשט געקראָגן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן געזעץ, האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן צו זיין דער פאַרטיידיקער.

טאַמאַס מאַקאַרטי איז געווען זיין נאָמען. געווען איז ער אַן איירישער.

ער איז מיט זיין פאָטער אַנטלאָפן פון אירלאַנד מיט זעקס יאָר צוריק, בעת דעם אויפשטאַנד אַנטקעגן ענגלאַנד . . .

ער האָט געוואָלט, אַז ענגלאַנד זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, און דאָס וועט העלפן אירלאַנד זיך באַפרייען פון ענגלאַנד.

ער האָט ניט געוואָלט, אַז אַמעריקע זאָל ווערן די העלפערין פון ענגלאַנד, און ער איז דערפאַר געווען קעגן מלחמה.

ער האָט זיך געזען מיט אברהמען אין דעם „טומס־פּריזאָן". אָבער אברהם האָט זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט פון אַן אַדוואָקאַטס הילף.

— איך וועל זיין מיין אייגענער אַדוואָקאַט, — האָט ער פעסט געענטפערט.

לידא איז געווען פאַרצווייפלט . . . זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַ קליין קינד אויף די הענט . . . זי איז אַרומגעלאָפן פון איין פלאַץ צום צווייטן: דער האָט איר געזאָגט זי זאָל גיין אַהער, און אַ צווייטער האָט זי געהייסן צו גיין אויף אַן אַנדער פלאַץ . . . פון גרויס פאַרצווייפלונג האָט זיך אין לידאַן דערוועקט דאָס רעוואָלוציאָנערע בלוט . . .

— ווען ניט דאָס קינד, — האָט זי געטראַכט — וואָלט איך איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער צייטונג אין מיינע הענט . . . איך וואָלט נאָך אפשר מיט מער האַס באַפאַלן די היפּאָקריטן, וואָס זיי זיינען אין דער שטיל די אמתע פיינט פון אונדזער לאַנד.

— מאַקאַרקאַ! — האָט זי אויסגעשריגן. — גיי זע מען זאָל פאַרריכטן די דרוק־מאַשינען. איך וועל רעדאַקטירן די צייטונג; איך וועל זיי מיט דעם פייער פון מיין האַרצן אָנציינדן און באַלויכטן און ווייזן די היפּאָקריטן פאַר דער וועלט ווער עס זייען די פיינט פונעם לאַנד!... פון אונדזערע פּאַראייניקטע שטאַטן!...

— ווילסט מען זאָל דיך אויך אַרעסטירן? — האָט זיך מאַקאַרקאַ געבעטן.
— גיי, איך בעט דיך! . . . — האָט זי געזאָגט.

מאַקאַרקאַ איז אַוועק און האָט געדונגען מעכאַניקער, און מען האָט די מאַשינען פאַרריכט. אויפן צווייטן טאָג איז דאָס „אַרבעטער־בלאַט" אַרויס אונ־טער דער רעדאַקציע פון מרס. לידא ציטלין . . .

דער עדיטאָריעל, געשריבן פון לידאן, האָט זיך זייער שווער געלייענט. עס האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז די פּען פון ניט קיין פּאַך־מענטש . . . אָבער דאָס פייער, וואָס האָט זיך געטראָגן אין איר האַרצן, האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט איר גאַנצן האַס.

מיט אַ טאָג פריער האָט זי געלייענט דעם בריוו, וואָס לייצע האָט איר געוויזן פון מאַקסימיליאַנען, אַז מען האָט אים כמעט מיט געוואַלד פאַרהאַלטן, און אַז ער גייט צום פראָנט . . .

ער שרייבט: עס האָבן ניט געהאָלפן זיינע טענות, אַז ער איז ווילִיק צו פאַרלאָזן די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז ער איז ווילִיק צו פאָרן צוריק קיין אויס־לאַנד. מען לאָזט אים ניט אַרויס, הגם ער איז זעקס חדשים דאָ אין לאַנד.

דאָס איז געווען צוויי חדשים איידער זיי האָבן געדאַרפט חתונה האָבן, ווען מען האָט אים אַרעסטירט פאַר ניט רעגיסטרירן זיך, און מען האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזן.

לידא האָט אַלץ געשריבן און אַרויסגענומען פון אַלע צייטונגען די אומ־גליקלעכע זייט, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט אין דעם לאַנד גופא. . . דאָ האָט זי געשריבן, ווי אַ מוטער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, ווייל איר איינצי־קער זון איז פון איר אַוועקגענומען געוואָרן; און ווי אַ געליבטע איז משוגע געוואָרן, ווייל איר געליבטער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה; און ווי טויזנטער יונגע לעבנס זיינען יעדן טאָג אָפּגעשניטן געוואָרן פאַר דער צייט! . . .

זי האָט אויך ניט פאַרגעסן צו שרייבן וועגן דעם רעדאַקטאָר פון „פירער", מיסטער לעווינסקי, אַז ער איז דער שולדיקער אין איר מאַנס אומגליק. ער אַליין איז דער פאַררעטער פון איר מאַן! זי איז ווילִיק צו באַווייזן, אויב ער וויל, אַז ער אַליין האָט תמיד אַגיטירט פאַר דייטשלאַנד, און אויך אַז ער האָט געשריבן מיט צוויי יאָר צוריק, אַז אַמעריקע וועט מוזן האָבן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, ווייל זי פּראָדוצירט געוועהר פאַר די עלייעס . . . דאָס איז אַ פאַרברעכן, האָט ער דאַן געשריבן . . . און איצט איז ער געוואָרן אַ פּאַטריאָט! . . .

— אַזוינע פּאַטריאָטן האָבן מיר אַ סך, פּונקט ווי מיר האָבן אַ סך פון די אַדוואָקאַטן, וואָס ווילן ניט פאַרטיידיקן מיין מאַן! . . . זיי ווייסן, אַז מיין מאַן איז קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען קעגן דער קאָנסטיטוציע . . . ער האָט פאַר־טיידיקט די „מאָנרא דאָקטרין", ווייל דייטשלאַנד איז אונדז ניט באַפאַלן . . . מיר האָבן מיט דייטשלאַנד געקענט שליכטן אויף אַ פרידלעכן אופן, ניט דורך קריג . . . יאָ, מיר האָבן מיט דייטשלאַנד ניט געדאַרפט גיין אין קריג.

אין אַן אַנדער אַרטיקל, „וואָרום איז „רוזוועלט" געשטאָרבן?", האָט זי געשריבן אַזוי:

„רוזוועלט" איז ניט געשטאָרבן פון קראַנקהייט. ניין! ער איז געשטאָרבן דורך דער מלחמה. די מלחמה האָט אים אַוועקגענומען, ווייל די מלחמה האָט זיין ליבן זון צוגענומען, דערהרגעט . . . דאָס האַרץ פון אַ פאָטער האָט גע־פּלאַצט! . . .

און אין אַן אַנדער אַרטיקל, „ווער געווינט פון דער מלחמה?", האָט זי אַנ־

געוויזן אויף מיסטער טאַרד, אויפן שטאָל־טראַסט, אויף די קוילן־באַראָנען, אויף די קופּער־ און מעש־מאַגנאַטן. די פאַבריקאַנטן פון לעדער און קליידער האָבן פאַרקויפט פאַר דער אַרמיי צעפוילטע קליידער! . . . .

זי האָט געבראַכט ציטאַטן, וואָס ביי אַ סך סאָלדאַטן זיינען די פאָדעשוועס אַראָפּגעפאַלן פון די שיך, און דאָס לעדער איז צעפאַלן ביי דער קלענסטער פייכקייט . . . אָט אָ די זיינען אונדזערע פּאַטריאָטן! . . . זייערע קינדער וועלן אין קריג ניט גיין! און דעם פּרעזידענטס איידעמס וועלן אויך אין קריג ניט גיין! . . . ווער זשע וועט גיין אין קריג? די גרינע, וואָס קענען קיין ענגליש ניט, וואָס פאַר זיי מאַכט מען געזעצן, אַז זיי ברענגען אום אַמעריקע . . . זיי פוילן דאָרט אין די טראַנשייען . . . זיי זיינען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן! . . . זיי פאַרטיידיקן ניט אַמעריקע, נאָר דאָס אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, דאָרט אין פראַנקרייך, אָדער אַנדערשוואו . . .

ווען די ציימונג האָט דערגרייכט אברהמען, איז ער שיער ניט אויסגעגאַנגען פון פרייד. יעדעס וואָרט האָט אים געמאַכט קלאַפּן זיין האַרץ . . .

— מלאך מיינער, — האָט ער פון לידאן געטראַכט — די צרות האָבן איר געמוזט געבן גענוג טרייבן צו אַזאַ שטופּ . . . פון פאַרצווייפלונג האָט אין איר אויפגעזאָטן דאָס רעוואָלוציאָנערע בלוט . . . ווי לאַגיש זי ברענגט אַרויס די ווערטער . . . אַך, ווען איך בין איצט פריי? . . . מיין טייערער מלאך . . .

אָבער מער איז די ציימונג ניט אַרויס: די רעגירונגס־אַגענטן האָבן שוין געמאַכט, אַז די „פּרינטינג־פּרעס" וועט שוין שטומען זייער גאַנצן לעבן, און אַפילו די פּען פון לידאס האַנט האָבן זיי אַרויסגענומען, און האָבן צעריסן דעם מאַנוסקריפּט אויף פּיצלעך . . .

לידא איז געשטאַנען מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל:

— טוט, טוט ווי אייך געפעלט, איר בלוט־הינט, ס'איז מלחמה! . . .

— קום מיט אונדז! — האָט אַ דעטעקטיוו איר באַפוילן.

מיט אַ קרעכץ האָט לידא גענומען דעם קליינעם ליאָן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ דערשראָקענער, און זיי זיינען אַלע אַוועק.

אין פּאָליציי־געריכט האָט מען לידאן פאַרהאַלטן אָן בעיל ביז אַ וויטערן פאַרהער. מען האָט זי מיט ליאָן אַוועקגעפירט אין פּרוויען־אָפּטיילונג פון „טומס־פּריזאָן".

לידא האָט זיך דאָרט געפילט גאַנץ גוט. זי איז ניט געווען איינזאַם, ווי אברהם. זי האָט מיט ליאָן גערעדט, דערציילט אים מעשיות . . .

— וואָרום, מאַמע, האָט מען אונדז דאָ פאַרשפּאַרט? — האָט ליאָ געפרעגט דער מוטער.

— איך ווייס אַליין ניט, — האָט זי געענטפערט. — אָבער, מיין קינד, ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן פאַרוואָס דיין לאַנד, וואו דו ביסט געבוירן געוואָרן, האָט דיך און דיין מוטער איינגעשפּאַרט, און אויך דיין פאָטער . . . יאָ, מיין קינד, פאַר פאַרטיידיקן דעם אמת פון די פונדאַמענטאַלע רעכט פון אַמעריקע! . . .

— דערצייל מיר איצט, מאַמע, — האָט זיך דער קליינער פינף־יעריקער ליאָ געבעטן.

— איך וועל דיר דערציילן אַ מעשהלע, מיין קינד, — האָט די מוטער געזאָגט.

— דערציייל, דערציייל . . . — האָט זיך דער קלײנער ליאָ געזעצט אויף דעם בעטל לעבן דער מוטער.

זי האָט אים אויסגעצויגן אויפן בעט און דאָס קעפּל געלייגט צו זיך אויפן שויס, און זיינע בלאָע אויגעלעך האָבן געקוקט אויף דער מוטער.

— דערציייל, מאַמע, דערציייל! . . .

— דאָס איז געווען אַזאַ מעשה . . . — האָט לידא אָנגעהויבן. — אַ הינ־טעלע האָט פאַרלאָזן זיין היים און האָט געגומען זוכן אַ רואיק הויז, וואו ער זאָל קענען געפינען אַ גוטן מענטשן, וואָס זאָל אים געבן עסן און אַ פּלאַץ וואו ער זאָל קענען שלאָפן, און פאַר דעם וועט ער, דאָס הינטעלע, זייער דאַנקבאַר זיין. ער וועט אים היטן, אַז קיין גנב זאָל אים ניט באַרויבן . . . ער וועט דעם מענטשן געטריי זיין פאַר יעדן ביסן, וואָס ער וועט אים געבן . . .

און ער האָט אַזאַ מייסטער געקראָגן.

און איינמאָל איז זיין מייסטער מיט אים געגאַנגען ערגעץ און דער הונט האָט דערפילט אַ געפאַר . . . עפּעס אַן אומגליק קומט אַנטקעגן. האָט ער גע־נומען בילן און ניט געוואָלט ווייטער גיין, ער האָט נאָך זיין מייסטער דעם וועג פאַרלאָפן, זיך אַקעגנגעשטעלט און געבילן, געבילן . . .

זיין מייסטער איז אויף אים אין כעס געוואָרן און האָט אים געשאָלטן און געבריקעט מיט די פיס . . . אָבער דער הונט האָט אים געטריי געדינט און גע־ליבט, האָט ער זיינע שמערצן דערשטיקט, און האָט ווידער אים ניט געלאָזן גיין . . . האָט דער מייסטער אים ווידער געשלאָגן און פאַר כעס האָט ער אים צוגעבונדן צו אַ בוים . . . און אַליין איז ער אַוועק זיין וועג . . . אויפן וועג איז אים באַפאַלן אַ רויבער . . . דער רויבער האָט ביי אים אַלצדינג צוגענומען און האָט אים נאָך שטאַרק דערצו צעהרגעט . . .

דעם הונט, וואָס וואָלט אים געקענט העלפן, האָט ער צוגעבונדן צו אַ בוים.

גייענדיק צוריק אַ צעבלוטיקטער, אַ צעהרגעטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַרום הונט און האָט אים אָפּגעבונדן, און האָט אים געגלעט . . . ערשט נאָך אַלעמען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער הונט איז זיין בעסטער פריינט געווען, אַז ער האָט געבילן פאַר זיין טובה וועגן און ער האָט אים אומזיסט און אומ־נישט געשלאָגן . . .

— ווען איך וועל האָבן אַ הינטעלע, וועל איך אים ניט שלאָגן, — האָט דער קלײנער ליאָ געזאָגט. — ניין, איך וועל אים ניט שלאָגן, מאַמע! . . .

— ווען דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן, וועל איך דיר דערציילן מער פון געטרייע הינטעלעך, וואָס פאַר זייער בילן האָט מען זיי געשלאָגן און געבונדן . . .

זעקסטער קאַפּיטל

דער פאַרהער פון אברהם צייטלין איז אָנגעקומען.

דאָס געריכט־הויז איז פול געווען מיט מענטשן, מיט רעפּאָרטערס. דער פּראָצעס האָט צו זיך צוגעצויגן אַ סך פּראָמינענטע מענטשן און אויך רעפּאָר־טערס פון דער גאַנצער פּרעסע פון אַלע גרעסטע שטעט פון אַמעריקע . . . אַרום געריכט־הויז איז פול געווען מיט פּאָליציי און דעטעקטיווס . . . מען האָט אין יעדן זיך איינגעקוקט און יעדן פאַרדעכטיקטן האָט מען אָפּגעשטעלט און באַזוכט, געפרעגט פאַר אַ „רעדזשיסריישאָן־קאַרד“.

אַ סך אַרעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן, ווייל אַ דעמאָנסטראַציע פון פּאַ־סיפיסטן האָבן געמאַרשירט אַדום דזשענעראַל סעשאַנס געריכט צוליב אברהם צייטלינס משפּט.

אין דרויסן פון געריכט־הויז זיינען טויזנטער מענטשן געשטאַנען און מען האָט גערעדט און דעבאַטירט, פאַר און קעגן. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז אברהם איז אַ צווייטער „לינקאָלן״; אַנדערע האָבן אים גערופן פאַררעטער! . . .

פּאָליציי אויף פערד האָבן זיי געטריבן, אַז זיי זאָלן ניט שטיין אויף איין פּלאַץ . . . . גיין, גיין! האָט מען געשריגן, און אַ סך האָבן געקראָגן געשלאָגן.

אַרום צען אַזייגער האָט מען צייטלינען אַריינגעפירט פון די „טומס״ דורך אַ בריק, וואָס פירט פון דער תפיסה אין געריכט־הויז אַריין, געוויינטלעך באַ־וואַכט און פאַרקייטלט . . .

דריי ריכטער זיינען געזעסן אָנגעטאָן אין שוואַרצע מאַנטלען. עס האָט זיך געפילט, אַז עפּעס גרויסעס גייט געשען היינט אין דעם געריכט־הויז — אומ־רעכט הערשט; מאַכט! . . .

אין די ערשטע רייען איז פול געווען מיט אַדוואָקאַטן, מיט רעפּאָרטערס; אַפילו עטלעכע באַרימטע שרייבער זיינען געווען אָנוועזנד; אויך זיינען געווען אין געריכט קאָנסולס, ווי דער פראַנצויזישער, דער ענגלישער, אויך דער רו־סישער . . .

עטלעכע קליינע פראָצעסלעך זיינען פריער געהערט געוואָרן. און אָט האָט מען אויסגערופן אברהם צייטלינס „קייס״. אַלעמענס אויגן האָבן „געפּאַקוסט״ צו אברהם צייטלינען.

אברהם צייטלין איז צוגעגאַנגען ווען מיין האָט אויסגערופן זיין נאָמען. דער דיסטריקט אַטוירני האָט אים גענומען מאָלן אַלס איינעם, וואָס איז אַ גרויס געפאַר פאַר אַמעריקע, און באַזונדערס אינעם איצטיקן מאָמענט, אין צייט פון מלחמה . . .

— איך וויל אים ניט באַשולדיקן אַלס שפּיאָן פון דייטשלאַנד. ניין, דאָס ניט! אָבער פאַר אַגיטירן קעגן „גאָווערנמענט״ פון אונדזער לאַנד, און פאַר אַגיטירן מען זאָל אין מלחמה ניט גיין . . . דאָס איז נאָך האַרבער ווי צו זיין אַ שפּיאָן! . . . נאָך מיין מיינונג, האָט אַזאַ קייס געדאַרפט אַריבער אין די הענט פון אַ פעלדגעריכט . . . איר, ריכטער, דאַרפט נעמען אין אָנבאַטראַכט זיין צייטונג. זי פאַרמאָגט פופציק טויזנט לייענער און זי איז פון עקסטרעמען „רע־וואָלוציאָנערן פליגל״. און ווי איך ווייס, זיינען איבער צען טויזנט איצט אין פּריזאָן, פאַר ניט וועלן גיין אין מלחמה . . . זיי האָבן זיך אַנטזאָגט: שיסט אונדז! זאָגן זיי . . .

— און וואָס טוט די גאָווערנמענט צו דעם? — האָט איינער פון די ריכטער מיט צאָרן אין זיין שטימע געפרעגט.

— איך האָב קיינמאָל ניט געבראָכן די געזעצן, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין אונדזער קאָנסטיטוציע, — האָט אברהם צייטלין אַרויסגעזאָגט. זיין שטימע איז פון אָנפאַנג געווען שטיל, אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך העכער און העכער געהויבן.

ער האָט זיך געווענדט צו די ריכטער:

— זאָגט, יור האָנאָרס, אויף וועלכע פּרינציפּן שטייט אונדזער לאַנד?

— וואָס הייסט? — האָט אַ ריכטער געשטאַמלט און האָט גיך אַרויסגע־זאָגט: — אויף דער קאָנסטיטוציע.

— טאָ זייט אַזוי גוט און דערקלערט מיר, ענטפערט מיר: גיט די קאָנ־סטיטוציע מיר דאָס רעכט און די פרייהייט צו ריידן? צו קריטיקירן?

— ניט אַלע צייטן זיינען גלייך . . .

— אָבער אַ קאָנסטיטוציע ווערט דאָך ניט איבערגעמאַכט אַזוי שנעל . . . און דערווייל האַלט איך די קאָנסטיטוציע דאָ אין דער האַנט און פון קיין אַנ־דערער ווייס איך ניט! . . . און די קאָנסטיטוציע גיט מיר די פולע רעכט, פאַר וועלכער איך שטיי דאָ און מוז זיך פאַרטיידיקן, — האָט צייטלין געזאָגט.

— מיר האָבן אייך אָנגעקלאָגט און ניט די קאָנסטיטוציע, — האָט דער דיסטריקט אַטורני געענטפערט.

— אייגנטלעך קלאָגט איר דאָך מיך אָן אויפן גרונט, וואָס איך אַגיטיר און קריטיקיר די רעגירונג, און די קאָנסטיטוציע גיט מיר דאָס רעכט דערצו, אַז איר קלאָגט מיך אָן, קלאָגט איר שוין במילא אויך אָן די קאָנסטיטוציע . . .

דיסטריקט אַטורני: — אין צייט פון מלחמה ווערט די קאָנסטיטוציע אויסגעטייטשט פאַר דער טובה פון לאַנד . . .

אברהם צייטלין: — די בעסטע טובה, דאַכט מיר, וואָלט געווען פאַר אונ־דזער לאַנד, ווען מיר היטן די קאָנסטיטוציע און די מאגנא קאַרטע . . .

דיסטריקט אַטורני: — אַזוי דענקט איר? וואָס זייט איר, אַ שטאַטסמאַן? זייט איר אַ לאָיער?

אברהם צייטלין: — ניט נאָר איך דענק, נאָר יעדער דענקענדער און אמתער מענטש דענקט אַזוי. און אויב איר זייט ערלעך צו זיך און צו אַמעריקע, דאַרפט איר אויך דענקען אַזוי! . . .

דיסטריקט אַטורני: — איר ווילט מיר איינרעדן, אַז יעדער ערלעכער אַמעריקאַנער מוז דענקען ווי איר דענקט? אַזוי גרויס איז אייער דענקונגס־פילאָזאָפיע?

— אברהם צייטלין: — ער מוז ניט, אויב ער וויל ניט; איך זאָג נאָר: אויב ער וויל ערלעך זיין צו זיך און צום לאַנד, דאַרף ער דענקען אַזוי . . .

דיסטריקט אַטורני: — הייסט דאָס, אויב די ריכטער ווילן ניט דענקען ווי איר ווילט, וועלן זיי ניט זיין קיין ערלעכע מענטשן? קיין פּאַטריאָטן? . . .

אברהם צייטלין: — געזעץ און דענקען, דאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן . . .

דיסטריקט אַטורני — הייסט עס, ריכטער דענקען ניט? זיי האָבן קיין שכל ניט? . . .

אברהם צייטלין: — איך האָב דאָס ניט געזאָגט: איך האָב נאָר געזאָגט, אַז געזעץ און דענקען זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן . . .

דיסטריקט אַטורני: — און דאָס הייסט ביי אייך ערלעך דענקען. אַז דייטשלאַנד איז אונדז באַפאַלן און מיר זאָלן איינבייגן דעם קאָפּ און שווייגן!

אברהם צייטלין: — דייטשלאַנד איז אונדז ניט באַפאַלן! . . .

דיסטריקט אַטורני: — ווער האָט געזונקען אונדזערע שיפן? הא, ווער?...

אברהם צייטלין: — דייטשלאַנד איז אונדז ניט באַפאַלן, נאָר האָט זיך פאַרטיידיקט . . .

(בו . . . בו . . . האָט זיך דערהערט אַ געטומל)

אַ שטימע: — אַ דייטשער שפּיאָן! . . .

אברהם צייטלין: — איך האָט קיין איין גוט וואָרט ניט פאַר דייטשלאַנד און איך פאַרטיידיק אַפילו ניט אירע בעסטע דענקער, ווייל זיי זיינען מלחמה־פּאַטריאָטן! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — הייסט דאָס, נאָך אייער מיינונג, האָבן מיר באַפאַלן דייטשלאַנד? אַזוי דענקט איר, מיסטער צייטלין? . . .

אברהם צייטלין: — איר קענט מיך ניט פאַרטומלען . . . איך האָב דאָס ניט געזאָגט. איך זאָג נאָר, אַז דייטשלאַנד האָט זיך פאַרטיידיקט.

דיסטריקט אַטוירני: — זייט אַזוי גוט און דערקלערט די ריכטער פאַר וואָס האָט דייטשלאַנד זיך פאַרטיידיקט און ניט באַפאַלן?

אברהם צייטלין: — ווייל זי האָט געזונקען דאָס געווער, וואָס איז געגאַנגען פאַר די עלייעס.

דיסטריקט אַטוירני: — אַזוי קען רעדן אַ שפּיאָן און אַ פאַררעטער פון זיין לאַנד . . .

אברהם צייטלין: — אַזוי רעדט אַ מענטש מיט אַ האַרץ, מיט אמת! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — זאָגט מיר, האָט איר פיל פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, ווען איר האָט פאַרלאָזן רוסלאַנד?

אברהם צייטלין: — איך בין קיינמאָל ניט געווען אין דייטשלאַנד און איך בין קיינמאָל ניט באַגייסטערט געוואָרן אַפילו פאַר אירע גרויסע מענטשן און גרויסע ביר־טרינקערס . . .

דיסטריקט אַטוירני: — איר זאָגט ניט דעם אמת . . . איר זייט אַ סאָציאַליסט, אַ מאַרקסיסט, אַ דייטש!

אברהם צייטלין: — סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן זיינען דייטשן, ענגלענדער, פראַנצויזן — די גאַנצע וועלט! . . . יעדעס לאַנד האָט סאָציאַליסטן.

דיסטריקט אַטוירני: — אין אַלע לענדער זיינען די סאָציאַליסטן מיט דער רעגירונג אויף איר זייט.

אברהם צייטלין: — זיי זיינען אַראָפּ פון זינען! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — און איר זייט קלאָר? מיר דאַכט, אַז איר זייט ניט קלאָר! . . .

אברהם צייטלין: — ניט קלאָר פאַר אייך, מלחמה־פּאַטריאָט! איר וועט צו דער מלחמה גאָרניט צולייגן . . . אַזוי ווי מיט מיין לאָיער, וואָס האָט מיר אָנטזאָגט מיך צו פאַרטיידיקן אין דער לעצטער שעה פון מיין טרייעל . . . אויך דער, דער היפּאָקריט, וועט גאָרנט צולייגן.

דיסטריקט אַטוירני: — איך דערקלער פאַרן קאורט, אַז מען האָט אייך געדאַרפט פאַרשפאַרן אין אַ משוגעים־הויז . . . איר זייט גערירט פון זינען! . . .

אברהם צייטלין: — געוויס, ווען אַזוינע גרויסע קעמפער, ווי קראָפּאָטקין אָדער בורצאָוו, זיינען געוואָרן מלחמה־פּאַטריאָטן . . . נאָך פאַר וועמען? פאַר דעם צאַרס רעגירונג! . . . וואָס האָט זיי פאַרטריבן פון זייער געבורט־לאַנד, אָבער זיי זיינען געווען אין דעם לאַנד, וואָס בלוטיקט ביזן ביין, וואו מען איז אַרומגעגאַנגען הונגעריק און אומבאַקליידט . . .

אַ שטימע — שפּיאָן! דייטשער שפּיאָן! . . .

אַ ריכטער (טוט אַ קלאַפּ מיטן האַמער): — עס זאָל אַזוינס מער ניט געשען!

אברהם צייטלין: — איר, דיסטריקט אַטוירני, רופט מיך משוגע, ווייל איך בייט ניט מיין מיינונג, ווי די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן . . . ווי קען איך בייטן מיין מיינונג, אַז מיין געדאַנק האָט אַ קאָנסטיטוציע! . . .

אַ ריכטער: — וואָס מיינט איר, אייער געדאַנק האָט אַ קאָנסטיטוציע?

— אברהם צייטלין: —יור האנאר, איך וועל דאָס דערקלערן . . .

ריכטער: — דערקלערט, זייט אַזוי גוט, דערקלערט!

אברהם צייטלין: — פון אָנפאַנג פון דער וועלט־מלחמה, האָב איך גע־שריבן: איך בין קעגן בלוט־פאַרגיסונג. איך בין אַ וועגעטאַריאַנער. איך עס קיין זאַך ניט וואָס האָט אַמאָל געלעבט; אָבער ווען די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן, האָב איך געוואונטשן, אַז דייטשלאַנד זאָל געווינען.

דיסטריקט אַטורני: — אַהאַ! — — —

אברהם צייטלין — אַנטשולדיקט, כאַפּט זיך ניט; איך האָב געוואוסט און איך גלויב נאָך איצט, אַז אויב דייטשלאַנד געווינט, וועט רוסלאַנד פאַרלירן . . . (אים הויבט אָן צו שטיקן אין האַלדז. מען גיט אים וואַסער.)

ריכטער: — דענקט איר, אַז איר קענט פאַרזעצן? אָדער זאָל מען אפשר אָפּלייגן דעם טריִעל?

אברהם צייטלין (זיפצט שטאַרק): — איך פיל „אָל־רייט" און איך וועל פאַרזעצן.

דיסטריקט אַטורני: — דאָס איז אַן אַנשטעל, הער ריכטער, ער זוכט סימפּאַטיע . . .

אברהם צייטלין: — איך וועל אייך באַלד דערקלערן אויב איך זוך ביי אייך סימפּאַטיע, און אויב איר האָט הערצער וועלן זיי אייך פּלאַצן! . . .

דיסטריקט אַטורני: — וואָס קענט איר אַזוינס זאָגן? וואָס פאַר אַ כישוף? . . .

אברהם צייטלין: — איך בין געבאָרן געוואָרן אין דער שטאָט ה. איך בין נאָך אַלס קינד פאַרפאָלגט געוואָרן ווייל איך בין אַ ייד. מען האָט מיך געטריבן פון דאָרף, וואו יעדער האָט מיך געליבט און געאַכט . . . וואו איך האָב פון שיכורים און אומוויסנדע מענטשן געמאַכט ניכטערע און זיי געלערנט לייענען לייענען און שרייבן. האָט מען מיך אַרויסגעטריבן פון דאָרף ווייל איך בין אַ ייד . . . און אַז אַ ייד? וועמען טו איך שלעכטס? מען האָט מיך אַלזאָ גענומען פאַרפאָלגן . . . דאָס האָט מיך געמאַכט צו דענקען וועגן ס׳איז שולדיק אין דעם . . . פון מיין האַרצן האָבן זיך גענומען רייסן ווערטער, ווערטער פול מיט סם קעגן די פאַרפאָלגער . . . איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך מיט לידער. אַן אַלטער פויער, וועלכער איז געווען מיין בעסטער פריינט, האָט זיי אַרויסגעגעבן . . . דאָס זיינען געווען רעוואָלוציאָנערע לידער . . . די דאָזיקע לידער האָבן געמאַכט אַ געטומל אין רוסלאַנד, און מיין פריינט איז אַרעסטירט געוואָרן, און מיך האָט מען געזוכט . . . אָבער דורך דער צייט האָט די רעוואָלוציע זיך צעפלאַקערט און דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט געגעבן אַ קאָנסטיטוציע . . . איך האָב דעם גן־עדן געזען אין רוסלאַנד. איך בין דערווײלט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צו דער פאָלקס־דומא . . . נאָר די גאַנצע מעשה איז געווען אַ ליגן: כדי אַריינ־צונאַרן די פירער פון דער רעוואָלוציע און זיי פאַרניכטן . . .

דיסטריקט אַטורני: — איך פּראָטעסטיר! . . .

ריכטער: — איר קענט אָנגיין מיט אייער דערציילונג.

אברהם צייטלין: — איך דאַנק אייך. דעם צאַר האָט דאָס אַלץ געלונגען. מען האָט פאַרניכטעט טויזנטער בליענדע און געבילדעטע מענטשן . . . אַ סך זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר אין קאַטאָרגע־פעסטונג . . . באַלד האָט זיך דער צאַר געכאַפּט: ער איז צו ווייט פאַרקראָכן. האָט ער געגעבן אַ צווייטע

דומא, אַ צאַרסקע דומא . . . איך בין ווידער דערווײלט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט . . .

אָבער דאָס פאָלק איז געוואָרן אומרואיק: פרייהייט! די פרייהייט, וואָס זיי האָבן גענאָסן די עטלעכע טעג, האָט זיי פאַרשיכורט . . . דער צאַר האָט געזוכט אויף וועמען אַרויפצוּוואַרפן די שולד . . . און וועמען האָבן זיי אויס־געקליבן? . . . דאָס פאַרפאָלגטע יידישע פאָלק . . . ווען איך האָב אין דער דומא געפאָדערט ברויט און פרייהייט פאַר די פויערן און אַרבעטער, האָט מען מיך שיער דערהרגעט . . . געשלאָגן האָט מען מיך ניט דערפאַר, וואָס איך בין אַ פאַרטיידיקער, דער דעפּוטאַט פון די פויערן, וועלכע זיינען דורכאויס קריסטן און פון וועמען די צאַרסקע רעגירונג האָט צוגענומען דעם ביסן ברויט. איך, דער ייד, האָב זיך פאַר זיי אָנגענומען, און די צאַרסקע שוואַרצע דעפּוטאַטן האָבן שיער פון מיר געוואָלט מאַכן אַ קריסטוסן! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — כאַ־כאַ־כאַ! . . . אַ קריסטוסן! . . .

ריכטער: — איר קענט פאַרזעצן.

אברהם צייטלין: — אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב געקעמפט אין פּעטערבורג אין דער דומא, האָט רוסלאַנד געמאַכט אַ בלוטבאַד אויף יידן . . . אין מיין שטאָט זיינען הונדערטער געפאַלן פון די צאַרסקע קאָזאַצקע הענט און, צווישן זיי, מיין פאָטער און מוטער, און מיין שוועסטער איז פון די ברוטאַלע קאָזאַקן — — —

(ער איז געפאַלן צום דיל מיט אַ קרעכץ.)

(מען הויבט אים אויף. ער ווערט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. אַ שטילקייט הערשט אין קאָורט . . . עפּעס ווי אַ צויבער וואָלט אַלעמען אַרומגענומען.)

אברהם צייטלין (טוט זיך פלוצלינג אַ הויב אויף און שטעלט זיך פאַרן געריכט): — נו, איצט פאַרשטייט איר שוין? ווען רוסלאַנד וועט פאַרלירן, וועט דער צאַר פאַרלירן, און דאָס רוסישע פאָלק וועט גלייכצייטיק געווינען! די גאַנצע וועלט וועט געווינען! . . . ווייל אין רוסלאַנד וועט זיין אַזאַ רעגירונג ווי אין אַמעריקע . . . פון פאָלק און פאַרן פאָלק, און אפשר אַ סאָציאַליס־טישע! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — אַהאַ! דערפאַר זיינט איר קעגן אַמעריקע? . . .

אברהם צייטלין: — איך בין ניט קעגן אַמעריקע. איך בין קעגן בלוט־פאַרגיסונג! . . . אָבער אין דערזעלבער צייט וואָלט איך ניט געוואָלט, אַז אַמע־ריקע זאָל גיין העלפן אַ רעגירונג, וואָס זי איז אַ פלעק אויף דער וועלט, אויף דער מענטשהייט! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — אָבער זאָגט מיר, מיסטער צייטלין, ווי אַזוי האָבן מיר באַפאַלן דייטשלאַנד?

אברהם צייטלין: — איר ווילט פאַרדרייען מיט אייערע דריידלעך, מיסטער דיסטריקט אַטוירני. אָבער עס וועט אייך ניט גיין: איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געזאָגט.

דיסטריקט אַטוירני: — וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז דייטשלאַנד פאַר־טיידיקט זיך? . . .

אברהם צייטלין: — ווייל מען שיקט געווער צו די עלייעס . . . און מיט דעם ענדיק איך מיין פאַרטיידיקונג . . . איך האָב ניט פאַרבראָכן קעגן דער קאָנסטיטוציע, וואָס גיט מיר דאָס רעכט צו קריטיקירן און רעדן ווי איך פיל. האָט איר, דיסטריקט אַטוירני, געלייענט אַ פילאָסאָף מיטן נאָמען שפּינאָזאַ? און הערט וואָר שפּינאָזא זאָגט: „אַ רעגירונג, וואָס לאָזט זיך ניט קריטיקירן,

אָן קריטיק קען קיין רעגירונג זיך ניט האַלטן, ניט עקזיסטירן!״ . . .

דיסטריקט אַטוירני: — אָבער ניט אַגיטירן קעגן גיין אין מלחמה . . . איז וועט אונדזער לאַנד ניט ברענגען צו דעם וואָס איך דענק. ניין! . . .

אברהם צייטלין: — איך וויל אונדזער לאַנד זאָל לעבן אין פרידן און אָפּהיטן די „מאַנראָו דאָקטרין״, ווייל מיר זאָלן דאָך ניט קיין דייטשע סאָלדאַטן.

דיסטריקט אַטוירני: — איר ווילט זען דייטשע סאָלדאַטן? . . . ווי וועט אונדז דאַן זיין, ווי און ווינד, ווייל אַזוינע ווי איר, דאַרף מען אויפהייבנגען, איידער מיר וועלן זען די דייטשן . . .

אברהם צייטלין: — מיין פאַרטיידיקונג איז געענדיקט! . . .

דיסטריקט אַטוירני: — איצט קענט איר פאַרשטיין, יור האנאר, מיט וואָס פאַר אַ פויגל מיר האָבן צו טאָן . . . ער וויל זען דייטשע סאָלדאַטן . . . און ערשט דאַן זאָלן מיר זיך פאַרטיידיקן. וואָס פאַר אַן אידיאָט וואָלט זיך אַזוי געקענט אויסשפּרעכן? ווי וואָלט אונדז געווען ווען מיר וואָלטן דאָ געזען די הולאַנער . . . די הונען . . . יעדער קען פאַרשטיין, אַז ווען דער צייטלין וואָלט געהאַט מאַרך, ווי, מיר דאַכט, אַז ער האָט, וואָלט ער אַזוי ניט געזאָגט . . . אויב איר, ריכטער, דערלויבט מיר אים צו שיקן פאַר אַ מענטאַלער אונטערזוכונג, וועל איך אָפּשטעלן דעם פּראָצעס ביז די דאָקטוירים וועלן מיר געבן אַ ראַפּאָרט פון זיין גייסטיקן צושטאַנד . . .

(די ריכטער באַראַטן זיך צווישן זיך און זיי גיבן נאָך דעם דיסטריקט אַטוירני.)

(אברהם צייטלין האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, נאָר מען האָט מיט אים געמאַכט קורץ: צוויי „קיפּערס״ נעמען אים גלייך איבער און דער ריכטער רופט אויס: „נעקסט קייס!״ . . .)

זיבעטער קאַפּיטל

לידאַן האָט מען באַפרייט אויף פּאַראָל, אַז זי וועט מער ניט האָבן צו טאָן מיט דעם „אַרבעטער־בלאַט״, און וועט אויך ניט העלפן איר מאַן קעגן דער רעגירונג.

זי האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן, נאָר אברהם האָט זי געבעטן, זי זאָל אַזוי טאָן צוליב זייער קינד ליאַ.

לידא האָט אָבער ניט געקענט רוען. זי האָט אירע אַרטיקלען געשריבן אין געהיים, און זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין פּראָקלאַמאַציעס און אין קליינע בראָשורן.

דער קומער האָט זי ווילד געמאַכט. ליגנדיק אין בעט פלעגט זי ניט שלאָפן, נאָר טראַכטן און טראַכטן . . . טויזנטער געדאַנקען האָבן זיך איינע אין די אַנדערע געפּלאָנטערט . . . יעדע נאַכט האָט זי אַרומגעקלערט וואָס דער פאַרגאַנגענער טאָג האָט פאַר איר געבראַכט . . . חדשים זיינען שוין אַריבער, אָבער זי האָט נאָך פיל צו וואַרטן ביז וואַנען זי וועט מעגן עפענען איר מויל . . .

די ראַפּאָרטן פון בעלוויו האספּיטאל זיינען געווען גינסטיק פאַר צייטלינען, און דער פּראָצעס איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן. ער איז אַלץ געזעסן אין די „טומס״. ער האָט ניט געוואָלט אַרויס אונטער „בייל״, וויפל מען האָט זיך ביי אים ניט געבעטן.

ער האָט געטענהט, אַז אים אַרט ניט, וואָס מען וועט מיט אים טאָן. ער

האָט ניט געבעטן קיין גיכן פּראָצעס. ער האָט באַשלאָסן זיך נימן צו פּאַר־טיידיקן . . .

— אייביק וועט קיין נאַכט ניט הערשטן, — האָט ער געזאָגט. — די זון מוז דאָך ווען אַרויס און דאַן וועט ווידער ליכטיק ווערן! . . .

זיצנדיק אין תפיסה, האָט אברהם צייטלין אַ סך געשריבן און געלייענט. ער האָט אויפגעשריבן: „דער פּראָפעט". ער האָט עס צוגעשיקט צו איינעם פון די בעסערע וועכנטלעכע זשורנאַלן.

די פּאָעמע האָט געהאַט אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט, ווי עס האָבן באַוויזן די קריטיקן, וואָס די בעסטע קריטיקער האָבן וועגן איר געשריבן.

די פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן אין ביבלישן טאָן, און געלייענט האָט זי זיך אַזוי: —

דער נביא

פּאָעמע פון אברהם צייטלין

שטייט אויף! די נאַכט איז שוין אַוועק, דער טאָג איז אָנגעקומען. שטייט אויף פון פוילן געלעגער, פון נאַכטיקער תאוה. איך קום צו אייך געשיקט פון אַ שטימע פון הימל. גאָט — גערעכטיקייט האָט מיך געשיקט צו אייך. — גיי, האָט זי געזאָגט צו מיר, — גיי מענטשן־קינד, גיי צו דיינע מיטמענטשן און רעד צו זיי אַזוי: — איך קלייב דיך אויס פאַרן צער, וואָס דו טראָגסט אין דיין האַרץ פאַר די ליידן פון דיינע עלטער־ און אורעלטער־זיידעס; ווייל ניט יעדער וויל און קען דיך פאַרשטיין, און ווייל דיין האַרץ איז קלאָר און ריין. דארום הייסט איך דיך, מענטשן־קינד, גיין. גיי אַרויף אויפן באַרג ביים ים און שריי־אויס, און דיין קלאַנג וועט דער ווינט צעטראָגן אַרום, און די וואַלן פון ים וועלן צעטראָגן דיינע דבורים איבער גאָר דער וועלט. זאָג און רעד צו זיי אַזוי אַן מורא, אָן פּחד־דבורים, ווייל איך בין מיט דיר, מענטשן־קינד. אַזוי רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד דורך דער שטימע פון גערעכטיקייט.

מענטש, זינדיק ביסטו, זינדיק. די גערעכטיקייט האָסטו פאַרלאָרן, און וואָס דו זאָגסט מיינסטו ניט, און וואָס דו מיינסט זאָגסטו ניט. פאַרגעסט דעם נעכטן היינט, טראַכסט ניט פון מאָרגן. געטער פון שקר שאַפסטו זיך; געטער פון בלוט און פון מאָרד . . . איך קוק און זע און געדולדיק שווייג איך, אָבער דער באַרג פון אייערע זינד איז צו הויך — ער גרייכט אין מיינע הימלען. די זון באַ־פלעקט זי . . .

און הערט די שטימע, וואָס איך שיק אייך מיט מיין מענטשן־קינד, און הערט, איך רוף אייך צוריק צום גלייכן וועג. איר האָט דעם אמת צעטראָטן. גאָלדענע געטער בויט איר זיך. יעדער זוכט, וואָס מער עגל־הזהב׳ס צו בויען . . . וואָס מער גאָלדענע געטער — אַלץ פילט איר זיך שטאַרקער. און דעם, וועלכער קען זיך קיין עגל־הזהב ניט שאַפן, יענעם דערנידעריקט איר — אַ שקלאַף איז ער ביי אייך, אַ קרבן פאַר אייער גאָלד־גאָט. זיין שטימע פון ווי דערגרייכט צו מיר. צו שווער לייגט איר אַרויף אייער עול אויף אים. און איך וואָרן אייך: גיט צוריק די פרייהייט דעם אונטערדריקטן, און זאָל מיין שטימע מיר ניט שטערן . . .

און הערט די דיבורים וואָס מיין מענטשן־קינד וועט אייך זאָגן. צו ווייט

זייט איר אַוועק: איר זוכט איינער דעם צווייטן צו פאַרשלינגען. אומשולדיק בלוט טוט איר פאַרגיסן — די ערד האָב איך פאַר אַלעמען גלייך צעטיילט: ניט פאַר איינעם צופיל, ניט פאַר איינעם קלענער, אַלע זייט איר ביי מיר גלייכע. וואָס נעמט איינער גאַר און דער צווייטער גאָרניט? איז דען איינער אַנדערש געבוירן פון צווייטן?... אַלע זייט איר גלייכע קינדער ביי מיר, און איך קען דאָס ניט צוזען מער...

דאַן הערט וואָס איך זאָג צו אייך מיט מיין מענטשן־קינד. איר בויט אַלערליי כלי־זין, איינער דעם צווייטן צו פאַרניכטן. די ערד איז אייך וויינִיק; אונטער דער ערד ווי פון מייז דורכגעפרעסן, און איצט קריכט איר אין מיינע הימלען, אין די טיפענישן פון מיינע ימ׳ען, און קיין זאַך איז לא־טוב! נאָר איר זוכט טייוואָלים־פלענער, פאַרניכטונג פון אויבן, פאַרניכטונג פון אונטן, און איר ווילט, איך זאָל זען און שווייגן?...

הערט וואָס מיין מענטשן־קינד רעדט צו אייך: — ניט מיט כוח וועט איר געווינען וואָס איר זוכט, ניט מיט דם און רציחה, ווייל ווי שטאַרק איר זאָלט ניט זיין — בין איך שטאַרקער פון אייך. ווייל ווי פעאיק איר זאָלט זיי בויען — בין איך פעאיקער צו צעשטערן. און ווי זועט אייך זיין, ווען מיין צאָרן וועט זיך צעברענען. געדולדיק בין איך, זייער געדולדיק. — גיט־אויף בלוט־פאַרגי־סונג! — דאָס איז מיין באַפעל!

און הערט זיך ווייטער צו צו מיין מענטשן־קינד. ער שטייט אויפן באַרג ביים ים. זיינע אויגן זעען מיט מיינע, זיינע אויערן הערן מיט מיינע, זיין געפיל צו אייך איז ווי מיינער. אַזוי רעדט די שטימע פון הימל, אַזוי רעדט צו אייך גערעכטיקייט!

און וועט איר ווייטער אָנגיין מיט אייערע דרכים: וועט ווידער בלוט זיך גיסן? וועט ווידער אומרעכט הערשן? וועלן אייערע ריכטער פאַלש אורטיילן? וועלן אייערע הערשער דריקן? וועט איר זוכן מער און מער עשירות? וועט מער אָרעמקייט זיך מערן — וועל איך מיין כעס ניט איינצאַמען. פריי ווי דעם ווינט וועל איך אים לאָזן. דאַן, בעסער הערט צו די ווערטער פון מיין מענטשן־קינד.

און איר זאָלט לעבן רואיק אין שלום: אַלע מענטשן גלייך ווי איר זייט געבוירן. עס זאָל קיין ליידיקגייער ניט לעבן אויפן פראַצער, קיין הערשער און קיין שקלאַף זאָל ניט זיין... גלייכע אַרבעט פאַר אַלעמען — ניט קיין רייכע! ניט קיין אָרעמע! יעדער איז באַרעכטיקט פאַר זיין אַרבעט: יעדער אַרבעט לויט זיין ווילן. גלייכע אַרבעט, גלייכע רעכט, צי מאַן, צי פרוי — אַזוי רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד.

דאָס איז דער ווילן פון גערעכטיקייט: דאָס איז דער וועג צו פרייהייט; דאָס איז דער וועג צו שלום און רו!

און וועט איר ווידערשפעניקן און ניט גיין אין זיינע דרכים, וועט ער זיין צאָרן לאָזן אויף אייך: וועט ער די ערד צעטרייסלען אונטער אייערע פיס, און

ווי קורח וועט איר איינגעזונקען ווערן, און וועט אייערע גאָלדענע געטער מיט אייער גאַנצער עשירות אויף אַש און שטויב צעמאָלן. און וועט עפּעס בלייבן, וועט ער די ימ׳ען אויף אייך אויסגיסן, און אַלץ וואָס אייערע הענט האָבן גע־גזלה׳ט און דורך שקלאַפעריי באַרעכטיקט, וועט, ווי דער מבול אין נח׳ס צייטן, פון אייך און פון אַלעמען גאַרניט בלייבן.

און דאָס רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד: — און וועט איר אַנטלויפן אויף די שיפן, אויף די ימ׳ען, וועל איך אַנשיקן מיין שטורעם און ווי שפּענדלעך אייערע שיפן צעברעכן; און וועט איר אין מיינע הימלען זיך באַהאַלטן אויף אייערע לופטשיפן, האָב איך פאַר אייך ברויזנדע ווינטן, דונערן און בליצן. טויזנטער וועגן האָט גערעכטיקייט, פאַר אייך, צו פאַרניכטן אייך — אַזוי רעדט צו אייך די שטימע פון חלל דורך מיר, מענטשן־קינד.

די ערלעכע פון אייך, די בויטליידנדע, די פאַרשקלאַפטע, וועל איך אויפ־רייצן קעגן אייך. כוח וועל איך זיי געבן, אייזערנע מוסקולן, וועלן אייך צע־דריקן, צעטרעטן. אַ געפיל פון נקמה וועט ברענען אין זייערע הערצער, וואָס איר האָט זיי אָנגעזאַמלט פון טויזנטער יאָרן, פון דורות צו דורות, ווי פערד און ווי שאָף. אַן אייגנטום פאַר אייך געמאַכט. געקויפט און פאַרקויפט געבוי־רענע ווי איר אַליין זיינט. איך פאַרנעם זייער, אך און וויי, אונטערן שווערן עול. איר רייסט זייערע קינדער אָפּ פון מוטערס שויס. איר זייט ערגער פון דער ווילדער חיה אין וואַלד — אַזוי זאָגט צו אייך דאָס מענטשן־קינד.

דו, רייכער! — קענסטו גליקלעך זיין מיט דיין עשירות? הערשט דען ניט קיין שרעק און מורא אין דיר? דיין קאָפּ איז קיינמאָל ניט פריי פון דאגות. צאַמסט זיך אַרום פון דער גאַנצער וועלט. אַרום דיר — פעסטע ווענט און שטאַרקע שלעסער. דיין היטער גלויבסטו אויך ניט! לייגסט אַן גאָלד אויף גאָלד. — וואָס האָסטו פון דעם? און קנאה פילסטו צו דער גאַנצער וועלט, און די וועלט — צו דיר. — אַזוי זאָגט צו דיר דאָס מענטשן־קינד.

און דו, הערשער, וואָס זוכסטו? וואָס וועסטו האָבן פון נאָך לענדערייען? — אַ גרעסערער טראָן? — מער געפאַר איז דאָס פאַר דיר: שונאים וועסטו האָבן אין דיין הויז, בלוטיקע שונאים, וואָס וועלן דיין לעבן זוכן. דו האָסט זייערע לענדערייען איינגענומען. ניט גרינג האָבן זיי דאָס דיר אַוועקגעגעבן, מיט זייער בלוט און פלייש, מיט זייער צעריסן האַרץ. און קען דיך אַ קנעכט אַזוי דינען געטריי? ווען פול מיט נקמה זוכט זיין אויג און האַרץ, און פריער־שפּעטער וועט ער זיין נקמה נעמען, — אַזוי רעדט צו דיר דאָס מענטשן־קינד.

און קומען וועט די צייט; די צייט איז ניט וויט, ווען קעניגן וועלן פאַר־שווינדן און מלחמות וועלן אַ פאַרגאַנגענהייט ווערן. ניט קיין רייכע, ניט קיין אָרמע וועלן זיין, ניט קיין דיינס, ניט קיין מיינס, ניט קיין הערשער, ניט קיין קנעכט. אַרבעט — פאַר אַלעמען; און אַלץ — פאַר אַרבעט, — אַזוי רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד.

ווײ וועט זיין צו אייך, עשירים, ווייל הונגער האָט איר קיינמאָל ניט געליטן.

פרעמד איז אייך דער ווייַ פון ליידן, פרעמד דער ווייַ וואָס נויט קען ברענגען. זאַט און פויל און אָפּגעלאָזן. לוקסוס, בעלער, וויינען־גיסן . . . תאוה, זונות האַלט איר אויסעט; קינדער קויפט איר זיך פאַר תאוה. אַלצדינג האָט איר, אַלץ דערגייט אייך אויף די פּלייצעס פון די שקלאַפן: הערט די קרעכצן אונטער זייער יאָך.

הערט, דאָס רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד: — עפּנט אייערע אויגן ברייטער, גייט אַרויס אין גאַס און קוקט זיך איבער; הערט זיך איין צו די דיבורים. שנאה האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. צייגער קריצן, פויסטן דריקן, הערצער קלאַפּן, זוכן נקמה, ראַכע ביטערע, אָן רחמנות. אויף די היטער, אייערע היטער, וועלן אויכעט אייך פאַרלאָזן.

און געדענקט! דאָס וואָרנט אייך דאָס מענטשן־קינד: — געוויינט זיך אָפּ פון לוקסוס־לעבן. עסט ניט מער פון פולע שיסלען. לאָזט קיין זונות מער זיך ניט מערן. גיט אַוועק אייער געראַבעטע רייכטום. גייט אַליין צום אַרבעט־ווערק־שטאַט. מאַכט זיך חבר מיט די שקלאַפן, זאָגט, איר אַנערקענט זיין ווערדע — אפשר וועט דער צאָרן שטילן און וועט די ליידן פאַר אייך גרינגער מאַכן!

הערט, וואָס ס׳רעדט צו אייך דאָס מענטשן־קינד: — שווער וועט פאַר אייך זיין די ליידן; שווער וועט פאַר אייך זיין דער הונגער, ווייל וועט דער שקלאַף די מאַכט נאָר נעמען, גרויס וועט דאַן זיין זיין דורשט נאָך נקמה . . . צעברעך דיינע גאָלדענע געטער, איש! באַפריי דיין שקלאַף. דערנער זיך פון דיין אייגענער עבודה — אַזוי זאָגט צו דיר דאָס מענטשן־קינד דורך דער שטימע פון גערעכטיקייט! . . .

מען האָט אומעטום גערעדט פון דער „פּאָעמע“. זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ בראָשורע. הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן זיינען פאַרקויפט געוואָרן. די רעגירונג האָט אויף דעם גאָרניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן, ווייל וויפל פּראָ־פּאַגאַנדע די פּאָעמע האָט געשאַפן, איז זי דאָך געווען אַזוי שיין, ווי מען וואָלט געלייענט די אַלטע נביאים . . .

אַכטער קאַפּיטל

לייצע האָט דערהאַלטן אַ בריוו, אַז מאַקסימיליאַן איז פאַרוואונדעט געוואָרן און איזראַעל, זיין ברודער, איז דערהרגעט געוואָרן . . . ביידע נאָך קיין יאָר אין לאַנד ניט געווען ביז דאָס האָט געטראָפן.

זי איז געווען פאַרצווייפלט, האָט זיך געהאַלטן שולדיק:

— געדאַרפט מיט אים דאַן הייראַטן, וואָלט ער אין קריג ניט געגאַנגען. מען וואָלט אים געשטעלט אין צווייטן קלאַס, — איז זי אַרומגעגאַנגען און גע־טענהט . . .

לייצע איז גיך אין אירע ליידן פאַרגאַנגען. זי איז אינגאַנצן געווען אַ שטיק ליידן, אַ שטיק ווייטיק . . . זי האָט געליטן ניט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר אַלץ און אַלעמען . . . איר האַרץ איז געווען אַדורכגענומען מיט ליידן פון איר קינד־הייט אָן. זי איז איינגעוואוינט צו דערוואַרטן דעם גרעסטן קלאַפּ, וואָס דער שיקזאַל קען עמיצן געבן . . . און טאַקע דערפאַר האָט איר דער אומגליק פון

מאַקסימיליאַנען ניט דערהרגעט . . . אין טרערן האָט זי איר אומגליק גע־לאָשן . . . די אויגן זיינען ביי איר געוואָרן רויט פון וויינען, אָבער דאָס האַרץ האָט געקילט! . . .

לידא האָט זי געטרייסט:

— מיר לעבן אין אַזאַ וועלט . . . אין אַ וועלט פון משוגעים . . . דער מענטש האָט זיין פאַרשטאַנד פאַרלאָרן, — האָט זי זיך און איר געטרייסט . . .

— אָבער דאָס טוט דאָך מיר ניט קיין גוטס, דאָס צעבראָכט מיין לעבן, — האָט לייצע ביטער געקלאָגט.

— און מיר איז גוט? — האָט לידא געפרעגט. — זע די ליידן וואָס זיי טוען אָן אברהמען? און ווער ווייסט ווי אַזוי דאָס וועט זיך ענדיקן? . . . אַזוי לעבן מיר איצט . . . מיר לעבן אין אַ וועלט פון משוגעים. דער מענטש איז פון זינען אַראָפּ . . . אָבער עס וועט דאָך מוזן נעמען אַ סוף, ווען דער מענטש וועט זיך פאָרט אויפכאַפּן פון זיין טשאַד . . . ער וועט זיך אויסטשוכען און דאַן — דאַן וועט ער באַצאָלן די יעניקע, וואָס האָבן אים פאַרטשאַדעט און געצוואונגען צו טאָן קעגן זיין ווילן און פאַרשטאַנד! — האָט לידא פאַרענדיקט מיט אַ גע־שריי . . .

— אָבער דערווייל, קוילעט מען זיך אויס . . . געזונטע, שטאַרקע און יונגע פאַרקריפּלט מען אויף זייער גאַנצן לעבן . . . — האָט לייצע געכליפּעט . . .

— יאָ, מיין טייערע, — האָט לידא צו איר געזאָגט — וועסט זען וואָס די פינצטערע מלחמה וועט דעם מענטשן ברענגען . . . נאָך יעדער מלחמה, וואַכט אויף דאָס אָרעמע, פאַרשקלאַפּטע פאָלק . . . דער שקלאַף הויבט ערשט אָן צו דענקען, ווען ער קריגט גוט געשלאָגן! . . . נאָך אַלעמען געפינט ער אויס, אַז געווינען פון מלחמה געווינט דער, וואָס קריגט אַפילו ניט קיין קראַץ אין פינגער . . . און דער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך פאַר אים געשלאָגן און זיין לעבן געוואָלט לייגן, דאַרף שטאַרבן פאַר הונגער און נויט . . . אָבער די מלחמה וועט דעם מענטשן אויפוואַכן . . . זי וועט אים אויפוואַכן . . . אַז קאַפּיטאַל איז די גרעסטע שטראָף, וועט ער איינזען . . . און קאַפּיטאַל איז די פירערין צו אַלע מלחמות . . . איך הער: עס קלינגט אין מיינע אויערן דאָס געזאַנג פון די זיג־רייכע אַרבעטער. איך הער אין מיינע אויערן דעם „אינטערנאַציאָנאַל״! דאָס ליד פון ברידערשאַפט! . . .

— מיין האַרץ ברעכט מיר, לידעטשקאַ, — האָט לייצע געזאָגט.

מאַקאַרקא איז אַריינגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַ צייטונג אין האַנט. ער האָט די צייטונג אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש און זיך געזעצט אויף אַ שטול.

— לייען! — האָט ער געזאָגט צו לידאן.

לידא האָט אויף אים געקוקט מיט וואונדער און מיט פאַרדאַכט.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? — האָט מאַקאַרקא געפרעגט. — דיין בעסטן פריינט האָט מען אַרעסטירט אין רוסלאַנד.

— מיין בעסטן פריינט? — האָט לידא געשטאַמלט. — מיין בעסטן פריינט?

— יעדנס בעסטער פריינט! — האָט מאַקאַרקא געשריגן. — צאַר ני־קאָלאַי! . . .

— וואָס מיינסטו? — האָט לידא ניט פאַרשטאַנען.

— ניקאָלאַי, דער צאַר, איז אַרעסטירט, — האָט מאַקאַרקא געזאָגט.

לידא האָט אַ כאַפּ געטאָן די צייטונג. זי האָט גיך געלייענט, און נאָכאַמאָל געלייענט . . .

— צאַר ניקאָלאַי דאַנקט אָפּ פון טראָן! . . .

— לייען אויף דעם צווייטן פלאַץ, — האָט מאַקאַרקאַ איר אָנגעוויזן אין דער צייטונג:

— צאַר ניקאָלאַי אַרעסטירט פון די רעוואָלוציאָנערן! . . .

לידאַ איז געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט . . .

— איך פאָר צוריק קיין רוסלאַנד! . . . — האָט לייצע מיט פרייד אויסגעשריגן. — רוסלאַנד וועט ווערן אַ רעפּובליק! . . .

לידאַ האָט נאָך אַלץ ניט געקענט צונויפנעמען אירע געדאַנקען.

— עפּעס גלויבט זיך מיר ניט. זאָג מיר, מאַקאַרקאַ, דו גלויבסט? . . .

— איך גלויב, לידעטשקאַ! איצט וועט נעמען אַ סוף! . . . קיין צאַר וועט שוין רוסלאַנד ניט האָבן, און ניקאָלאַי וועט שוין גיין צו זיין טאַטן, אויב ער איז ביי די רעוואָלוציאָנערן! מען וועט מיט אים שלאָגן כפרות. קורץ און שאַרף! . . . אין רוסלאַנד וועט זיין די צווייטע און בעסטע אַמעריקע! — האָט מאַקאַרקאַ זיך צעזונגען.

— און דאָס וועט מיינען, אַ סוף צו דער מלחמה, — האָט לידאַ געזאָגט.

— אַזוי ווייזט דאָס אויס, — האָט מאַקאַרקאַ געשפּרונגען פון פרייד, ווי אַ קליין יינגל . . .

— ווען זיי זאָלן נאָר באַפרייען אברהמען, פאָרן מיר קיין רוסלאַנד, — האָט לידאַ געזאָגט.

— ערשט איצט וועט מען אים באַפרייען, — האָט מאַקאַרקאַ פאַרזיכערט.

— ניין, מיין פריינט, — האָט לידאַ געזאָגט — אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן וועלן אים אַזוי־אָ ניט אָפּלאָזן . . . זיי זיינען קעגן אים שטאַרק פאַרביטערט! . . .

— אָט האָסטו דיר די פרייע אַמעריקע! — האָט זיך לייצע אָפּגערופן.

— אַמעריקע איז פריי . . . — האָט מאַקאַרקאַ געלאַכט. — קענסט זיך דאָ אויפהענגען, קענסט שפּרינגען אונטערן סאַבוויי, קענסט אַפילו סם נעמען, וועט מען דיך ניט שטערן. מען וועט דיך אַמאָל אָפּראַטעווען, ווען דו וועסט גיין שטאַרבן, כדי דיך דערנאָך צו שיקן אין תפיסה! . . .

— אָבער איך האָב זייער געליבט אַמעריקע! — האָט לידאַ געזאָגט. — דאָס איז געווען פריער, ניט איצט! . . . פאַר דער מלחמה איז פאַר מיר אַמעריקע געווען אַ סימבאָל פון פרייהייט. די מלחמה האָט דאָס לאַנד איבערגעפּירט . . . די רייכע האָבן מיט זייערע אַגענטן און שפּיאָנען פאַר'סמ'ט די מוחות, און פאַר געלט האָבן זיי אין קאָנגרעס אַלץ אַדורכגעפירט פאַר זייערט וועגן . . .

— אָבער אין רוסלאַנד וועלן די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ קליינעם ווערט, — האָט מאַקאַרקאַ געזאָגט —

— ס'איז ניט אַזוי ווי דו דענקסט, — האָט לידאַ געזאָגט. ווי לאַנג געלט וועט עקסיסטירן, האָבן קאַפּיטאַליסטן די מאַכט! . . .

— געדענקסטו, לידעטשקאַ, וואָס אברהם האָט געזאָגט? — האָט זי מאַקאַרקאַ דערמאָנט. — אַז אויב רוסלאַנד וועט ווערן אַ רעפּובליק, וועלן די גרויסע אינדוסטריען באַלאַנגען צום שטאַט, צו דער רעגירונג. למשל, די באַנען, טעלעפאָנען, עלעקטריציטעטן, די קוילן־מינען, און אויל, און אַזוי ווייטער. נאָר די קליינע בלוט־זויגערס וועלן נאָך האָבן אַ ביסל די מאַכט! . . .

— עס איז גוט אויב עס וועט זיך איינגעבן גלייך איינצופירן אַזוי! אויב

די סאָציאַליסטן וועלן האָבן די מאַכט! קען דאָס אפשר זיין? — האָט לידא אים געענטפערט.

— אין רוסלאַנד וועלן די סאָציאַליסטן מוזן האָבן די מאַכט! ווייל נאָר די סאָציאַליסטן קעמפן דאָרט פאַר דעם פאַרשקלאַפטן פאָלק פון אַרבעטער און — האָט מאַקארקא געשריגן, ווי ער וואָלט וועלן פּראָטעסטירן.

— איך מוז גיין צו אברהמען, — האָט לידא געזאָגט. — היינט פיל איך זיך גאָר אַ נייער מענטש, אַ נייע נשמה איז אין מיר אַריין! איך מוז מיין פרייד טיילן מיט אברהמען. זאָל כאָטש זיין ליידנדיק האַרץ אויפשטורעמען, זאָל זיין פאַרוואָגלט פּנים אויפשיינען.

— זיי נישט קיין נאַר לידעטשקע. דענקסטו, אַז ער ווייסט עס נאָך ניט? ער ווייסט פריער פון אונדז. ער לייענט דאָרט אַלע צייטונגען, און אין די גרויסע ענגלישע צייטונגען ווייסן זיי פריער ווי אונדזער קליין רוסיש „אַר־בעטער־בלאַט.

— נו, אויב ער ווייס איז דאָך אַוודאי גוט! . . . ער מוז דאָרט דענקען, אַז מיר ווייסן נאָך ניט, און וואָלט וועלן פאַר ווע‍מען אויסדריקן זיין אַלע־מענס גליק! . . .

— יאָ, מיין קינד, דאָס האָסטו רעכט. ער מוז דאָרט אַרומגיין פאַרריקט פון פרייד, און גערענקען. און אפשר שרייבט ער דאָרטן? — האָט מאַקארקא געזאָגט.

— אָבער ער מוז דאָך וועלן זיין פרייד אויסדריקן פאַר אונדז . . . איך ווייס, איך פיל עס . . . קומט, מיר'ן גיין צו אים . . . איך גיי אָנטאָן דאָס קינד. און איר טוט זיך היינט אָן יום־טובדיק! . . . ס'איז דאָך אונדזער גרעס־טער יום־טוב! . . .

אין די טומס אויפן דריטן שטאָק, נאָכן עסן מיטאָג, האָט דער הויקער לאַראַנזא געבראַכט די צייטונגען פונעם טאָג — צייטונגען פון אַלע שפּראַכן: ענגלישע, יידישע, רוסישע, דייטשע, פראַנצויזישע, ווייל אין די טומס זיינען געזעסן אַלערליי מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנען.

אַברהם האָט געקויפט דריי צייטונגען: איין ענגלישע, אַ יידישע, און אַ רוסישע.

די לעצטע צוויי צייטונגען האָט ער גאָרניט באַמערקט. ספּעציעל די נייעס. ווי געוויינטלעך, איז די נייעס מכוח דערהרגעטע, פאַרוואונדעטע, מכוח אַטאַ־קעס, באָמבעס, „עקספּלאָזשאַנס"; מכוח נויט, הונגער און עלנט . . . אַזוי ווי אַלע טעג . . . ער האָט פילע מאָל דאָס ניט אָנגעקוקט.

ווען ער האָט אָבער גענומען אין האַנט די ענגלישע „טיימס", איז זיין האַרץ כמעט אָפּגעשטעלט געוואָרן . . .

„דער צאַר גיט איבער דעם טראָן צום צאַרעוויטש . . ."

„רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! . . ."

דאָס זייבעַן נאָר געוועזן די קעפּלעך . . . ווייטער האָט ער שוין ניט געקענט לייענען . . . זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן . . . ער האָט זיך געלייגט אין בעטל, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנט . . . ער האָט אָבער ניט געקענט ליגן און ניט זיצן . . . ער האָט גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק . . . דער מוח האָט געברענט, ווי פלאַם פייער! . . .

— „רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! . . .

— אַך, ווען ער איז איצט פריי! . . . ער וואָלט געשפּרונגען פאַר פרייד, אַ קינד . . . ער וואָלט אַלעמען געקושט, געקושט, אַזוי ווי אין דער צייט ווען דער צאַר האָט די „באַראָדנע דומא" געגעבן . . . דאַן האָט ער אויך אַלעמען געקושט . . . און איז, ווי אַ קינד, געווען גליקלעך, גליקלעך, גליקלעך! . . .

ער האָט ווידער גענומען די צייטונג . . . ווידער איבערגעלייענט די קעפּ־לעך . . . גענומען לייענען . . . די ווערטער זיינען געשפּרונגען פאַר אים, ווי פייערדיקע פערדלעך, ווי שטיקער זיילן פייער! . . . ער האָט גאָרניט פאַר־שטאַנען, וואָס ער האָט געלייענט . . . זיינע געדאַנקען האָבן אים געטראָגן ווייט, ווייט, דאָרט אין רוסלאַנד . . . ער האָט גערעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג זיינע פייערדיקע ווערטער. זיין רעדן האָט רויט געמאַכט זיין פּנים און באַגאָסן פול מיט שווייס . . . און אַלע זיינען צופרידן צו הערן דעם אַרבעטער־פּאָעט! . . . אַלע רופן זיין נאָמען . . . אַלע זינגען זיינע לידער, וועלכע זיינען פול מיט קאַמף . . . מיט האַרץ . . . מיט בלוט! . . .

דער „קיפּער" איז אים פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אברהמען.

— גוד איווינינג, — האָט אים דער „קיפּער" געזאָגט. — וואָס אַזוי פאַר־טראַכט?

אברהם האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— א, איר „קיפּער, מוירפי", — האָט זיך אברהם מיט אים דערפרייט.

— האָט איר געלייענט, מיסטער מוירפי? געלייענט? . . .

און אַברהם איז צוגעגאַנגען צו דער גראַטע . . .

— וואָס געלייענט? — האָט דער קיפּער מוירפי אים געפרעגט.

קיפּער מוירפי האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט אברהמען. דער קיפּער דזשאָן מוירפי האָט אויך געהאַט רעוואָלוציאָנערע געפילן . . . אַ רעוואָלוציאָנער קעגן ענגלאַנד! . . . קיפּער מוירפי איז געווען זעקס פוס הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ גרויס פּנים, מיט דינע ליפּן, געהאַט בלויע אויגן מיט אַ שפּי־ציקער נאָז, וואָס האָט אים געקליידט, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר . . . אַז ער פלעגט רעדן, פלעגט ער סאָפּען מיט דער נאָז . . . ער האָט פיינט געהאַט די גנבים, מערדער. ער פלעגט גלייך דערקענען, ווער עס איז שולדיק, אָדער אויף וועמען מען האָט אַרויפגעוואָרפן אַ בלבול . . . צו די לעצטע פלעגט ער זיין זייער גוט . . . ער איז געווען אַ זייער ערלעכער „קיפּער", האָט פיינט געהאַט אַפילו כאַבאַר, וואָס אַ גנב, אָדער אַ מערדער, פלעגט אים וועלן אונטער־שטופּן . . . ער פלעגט נעמען, אָבער עס האָט זיי זעלטן גוט געטאָן . . . ער האָט זיי נאָך מער שלעכט באַהאַנדלט . . .

ער פלעגט קומען אַהיים און פלעגט דאָס געלט אַ וואָרף טאָן אויפן טיש, אַ זאָג טוענדיק צום ווייב:

— נאַ, נעלי, טריפהנע געלט . . . שמוציקע געלט! . . . .

— אַ דאַגה דיר! — פלעגט די מיסעס מוירפי אַ נעם טאָן דאָס געלט מיט פרייד. — נעם וויפל דו קענסט! . . . עס איז סיי־ווי־סיי געגנבעט . . . און דער געהאַלט איז קליין . . . דו ביסט דאָך ניט ווי די אַנדערע „קיפּערס", וואָס מאַכן געלט פון פאַרקויפן קאָקעין צו די אַרעסטאַנטן . . . אָבער אַזאַ געלט, וואָס מען גיט דיר, ניט געבעטערנערהייט — פאַרוואָס ניט? . . .

— פאַרוואָס ניט? — פלעגט ער איר צוריק אָפּענטפערן. — זיי דערוואַרטן

דאָך עפּעס פון מיר, און ווען מען נעמט, מוז מען דאָך עפּעס געבן . . . און איך האָב פיינט צו געבן . . . איך גיב זיי ניט! . . . — האָט ער ביז געענטפערט.

אָט דער קיפּער איז מיט אַכט יאָר צוריק געקומען פון אירלאַנד. ער האָט געהאַסט ענגלאַנד . . . ער האָט אַגיטירט, אַז אירלאַנד זאָל ווערן פריי, זי זאָל זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד . . . און פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע האָט ער געמוזט פאַרלאָזן אירלאַנד, כדי ער זאָל ניט אַרעסטירט ווערן . . . ער האָט שטאַרק גענוצט דעם איירישן אַקצענט.

דאָ אין אַמעריקע האָט ער געהייראַט אַ פּאָליטישנס אַ טאָכטער, וואָס האָט פאַר אים געקראָגן דעם „קיפּער־דזשאָב".

פאַר די צוויי יאָר, וואָס ער איז אַ קיפּער, האָט ער זיך גענוג אָנגעזען און פיל געלערנט . . . ער איז געוואָרן אַ דענקענדער מענטש — אַ רעוואָלוציאָנער! . . .

מיט אברהם צייטלין איז ער געוואָרן גוט ברודער — ביידע קעמפער! וואָס האָבן געזוכט פרייהייט פאַר זייער פאָלק און פאַר אונטערדריקטע בכלל . . .

דער קיפּער האָט זיך מיט אברהמען אָפט מאָל באַראַטן ווי אַזוי צו שרייבן צו זיינע גענאָסן אויף יענער זייט ים; ווי אָנצוגיין מיטן קאַמף קעגן ענגלאַנד.

דער קיפּער האָט אים איצט איבערגעפרעגט:

— וואָס געלייענט? —

— דער צאַר איז אַרעסטירט. אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד! . . .

אברהם האָט אים דערלאַנגט די צייטונג.

קיפּער מורפי האָט גענומען די צייטונג און זיך געשטעלט לייענען. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף צייטלינען און אַ זאָג געטאָן:

— הלוואי אין ענגלאַנד! . . .

— ווען איך בין איצט פריי! . . . ווי דענסטו, פריינט מיינער? — האָט צייטלין אים געפרעגט. — ווען איך וואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָלט מען מיך באַפרייט?

— איך ווייס ניט, די אַמעריקאַנער געזעצן, — האָט מורפי געזאָגט, און באַמערקט: — ווען איירלאַנד ווערט פריי, פאַר איך אויך גלייך אַהיים! . . . יאָ, גלייך אַהיים . . .

אברהם איז יענע נאַכט ניט געשלאָפן. ער איז איינגעשלאָפן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, מאָלנדיק זיך צענדליקע בילדער פון דעם צוקונפטיקן רוסלאַנד. זיין האַרץ האָט אים פאַרקלעמט ביז טרערן . . . טרערן פון גליק האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן . . . ווען ער האָט איצט מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט! . . .

— מאַקאַרקאַ אָדער לידאַ, פריינט מיינע, ווי קריגט מען זיי דאָ אַהער? . . .

ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז אין פּעטערבורג. ער זיצט אינם גרויסן זאַל פון דער דומאַ, אַרומגערינגלט פון אַרבעטער־פירער און ראַדיקאַלן. ער איז דער צייטווייליקער אויסגעקליבענער פירער...

אַלע פרעגן ביי אים, וואָס צו טאָן, און אַלע טוען, וואָס ער הייסט, וואָס ער באַפעלט! . . .

ער האָט נאָר וואָס אויפגעשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז גלייך איבערזעצט געוואָרן אין דייטש, פאַר די דייטשע סאָלדאַטן, און זי האָט זיך געלייענט אַזוי:

„חברים סאָלדאַטן!

זייט וויסן, אַז מיר זיינען ניט אייערע פיינט, נאָר מיר זיינען אייערע פריינט! . . . אונדזער צאַר איז ביי אונדז געפאַנגען און מיר ווילן מער זיך ניט שלאָגן . . . ניטאָ קיין צאַר, ניטאָ מער קיין פּאַראַזיטן! מיר ווילן פרידן! . . . לעבן און געניסן! . . . עס ווענדט זיך אָן אייך, חברים . . . איר האָט אַ קייסער און ער וועט געוויס זיך ניט אונטערגעבן . . . ער זיצט דאָרטן ערגעץ באַקוועם און איר ליגט אין די טראַנשייען . . . לייגט אַוועק די וואָפן און שיקט אָן אולטימאַטום צו אייער קייסער . . . אַז איר ווילט זיך ניט שלאָגן מיט די רוסן, וואָס ווילן פרידן . . . ניט ווי קיין זיגער און ניט ווי קיין באַזיגטע . . . און אויב ניט, טוט ווי מיר האָבן געטאָן: די מאַכט אין אונדזערע הענט! . . . די מאַכט אין אייערע הענט! . . . פאַרגיסט ניט אונדזער בלוט . . . אַרונטער מיט מאַסן־מאָרד! . . . אַרונטער מיט די מאָנאַרכן און מאָנאַכן! . . . הויבט אויף די רויטע פאָן! . . .״

די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס האָט מען אַרונטערגעוואָרפן פון לופטשיפן, און די דייטשן האָבן זיך גענומען חברן מיט די רוסן . . . מען איז געגאַנגען איינע צו די אַנדערע אין די טראַנשייען. די דייטשע אָפיצירן האָבן פאַרווערט די סאָלדאַטן דאָס צו טאָן, האָט מען אייניקע פון די אָפיצירן דערמאָרדעט, דערשאָסן, און אין שרעק האָבן די אַנדערע געקוקט און געשוויגן, אין שרעק פאַר זייער לעבן . . .

רוסלאַנד האָט געשיקט אַ נאָטע צו דייטשלאַנד, אַז זי מוז גלייך שליסן פרידן מיט די רוסן, ניט ווי באַזיגטע און אויך ניט ווי באַזיגער, און זאָלן גלייך פאַרלאָזן די רוסישע טעריטאָריע.

און ווען דייטשלאַנד האָט ניט אַזוי גיך געענטפערט, האָט אברהם געדרוקט אַ צווייטע פּראָקלאַמאַציע, אָנזאָגנדיק די דייטשע סאָלדאַטן, אַז זייער קייזער וויל ניס שליסן קיין פרידן מיט די רוסן . . . ער וויל מלחמה, ער וויל אייער בלוט פאַרגיסן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די דייטשע סאָלדאַטן פאַרלאָזן דעם פראָנט, און מען האָט אַריינגעמאַרשירט פריי קיין רוסלאַנד, אָן מורא. צענדליקער טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען פראַנק און פריי מיט די רוסן אין די גאַסן, אין די רייען . . . און די סאָלדאַטן האָבן איבערגעגעבן צו די רוסן הונדערטער מיילן פראָנט.

דייטשלאַנד האָט פאַר זיך דערזען אַ נייעם פיינט: אירע אייגענע סאָלדאַטן . . .

די רוסן האָבן געוואונען כמעט זייער גאַנצן פאַרלאָרענעם באָדן אָן בלוט, אָן קאַמף, נאָר מיט ליבע . . . מיט פּראָפּאַגאַנדע.

דער קייזער האָט גענומען איינגיין אויף פרידן. אָבער צום סוף האָט אברהם פון אים פאַרלאַנגט, אַז פרידן זאָל געשלאָסן ווערן אָן קאָנדיציאָנען, אַז רוסלאַנד זאָל צוריק האָבן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט פאַר דער מלחמה, און דייטשלאַנד זאָל תיכף באַפרייען אַלע רוסישע געפאַנגענע און אַלצדינג, וואָס זיי האָבן צוגענומען ביי רוסלאַנד, זאָל אומגעקערט ווערן, און רוסלאַנד וועט אויך אומקערן אַלע דייטשן . . .

דייטשלאַנד האָט אָנגענומען, וואָס אברהם האָט דיקטירט! און אין 24 שעה אַרום איז דער פרידן געשלאָסן געוואָרן . . .

מענטשן האָבן זיך געקושט, ניט ווי פיינט, נאָר ווי פריינט . . . דייטשן מיט רוסן. עסטרייך מיט אונגאַרן, האָבן דאָס אייגענע געטאָן . . . אין אַלע קירכן האָבן געקלונגען די גלאָקן . . . מען האָט געזונגען אין די גאַסן די נייע הימנען, וואָס אברהם האָט געשאַפן. דער גרעסטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשאַפן צום דאָזיקן ליד די מוזיק, די נאָטן, פאַר פּיאַנע, פאַר פידל און א געזאַנג.

דאָס איז אַ פערז פון דער הימנע פון דער פרייער, נייער רוסלאַנד:

„געגריסט, געגריסט זיי רוסלאַנד.
געגריסט זיי, פרייע ערד:
אַ נייע, פרייע צוקונפט,
איז דיר פון איצט באַשערט! . . .‟

און אַזוי ווייטער.

צענטער קאַפּיטל

דער קיפּער מוירפּי האָט אויף צומאַרגנס דערלאַנגט אברהמען די מאָרגן־צייטונגען. די צייטונגען זיינען שוין פול געווען מיט די נייעס, „אַז דער צאַר איז אַ געפאַנגענער ביי די רעוואָלוציאָנערן.‟

אברהם האָט ערשט דערוואַכט פון זיין חלום.

ער איז געווען מיד, אָבער גליקלעך. ער האָט באַדאַנקט דעם קיפּער מוירפּי פאַר די צייטונגען. ווען דער קיפּער האָט געדאַרפט גיין אַהיים און ער האָט זיך געזעגנט מיט אברהמען, האָט ער דעם לעצטן פאַרשפּראָכן אויסצוגעפינען דורך אַ פּאָליטישן, אויב מען וואָלט אים באַפרייט, ווען ער זאָל פאַרלאָזן די פאַראייניקטע שטאַטן? . . .

אין אברהמען האָט געבראַוזעט . . . זיין האַרץ, זיין גאַנצער מוח האָט געברענט מיט געדאַנקען . . . ער האָט אַלץ גענומען אויסגיסן אויפן פּאַפּיר. עטלעכע לידער זיינען באַלד געשאַפן געוואָרן, און אויך דאָס ליד פון חלום האָט ער איבערגעשריבן און עס איז אים מער געפעלן געוואָרן, ווי ווען ער האָט עס געהאַט אין חלום . . . זיינע געדאַנקען זיינען איצט געווען אַזוי פיל, אַז די פען האָט זיי קוים געקענט נאָכלויפן . . .

דער טאָג־קיפּער, וואָס איז צו אים ניט געווען אַזוי סימפּאַטיש, ווייל ער איז געווען אַ מלחמה־פּאַטריאָט, האָט צו אים היינט אויך געשמייכלט און גראַ־טולירט מיט דעם זיג פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

אברהם צייטלין האָט אים האַרציק געדריקט די האַנט, און אים געזאָגט:

— איצט וועט נעמען אַ סוף צו דער מלחמה! . . .

— אַזוי ווייזט אויס, — האָט דער קיפּער געזאָגט — אָבער אויך מיטן סוף פונעם קייזער . . .

— אַנדערש קען דאָס ניט זיין, — האָט צייטלין געענטפערט.

— און אייגנטלעך, וואָס ווילן מיר געווינען? . . . האָט דער קיפּער גע־פרעגט.

דער קיפּער איז געווען אַ „יענקי‟ און האָט באַלאַנגט צו דער „קו קלוקס קלען‟ . . . ער האָט זייער פיינט געהאַט די אימיגראַנטן, איבערהויפּט האָט ער פיינט געהאַט די איטאַליענער און שוואַרצע מער פון די יידן . . .

— איטאַליענער זיינען די נידעריקסטע, — פלעגט ער זאָגן. — אפילו

אין תפיסה קענען זיי דיר אַריינשטעכן אַ מעסער אין האַרצן . . .

קיפֿער דראַקולאַ איז געווען הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן מיט דיקע ברעמען, גראָבע ליפּן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מולאַט, אַ געמישטער ניגער. אין פֿראָנט זיינען ביי אים געווען צוויי גרויסע ציין, און פֿלעגט רעדן האַרט און טרעטן שווער.

פֿאַר אים האָבן אַלע מורא געהאַט. ער האָט זעלטן זיך געחברט מיט די אַרעסטאַנטן. פֿון דעסטוועגן האָט ער געהאַנדלט מיט קאַקעין און שנאַפּס . . . ער האָט געריסן וויפֿל ער האָט נאָר געקענט . . . ער האָט געהאַט איינעם פֿון די אַרעסטאַנטן, וואָס האָט פֿאַר אים פֿאַרהאַנדלט דעם קאַקעין און דעם שנאַפּס. דער אַרעסטאַנט אַליין איז געווען אַ קאַקעין־געברויכער און אַ גרויסער שיכור . . .

ווען אברהם איז צום ערשטן מאָל געבראַכט געוואָרן אין די טומס, און ער איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, פֿאַרטראַכט, האָט אים דער אַרעסטאַנט צוגעבראַכט אַ פּיל מיט אַ ווייסן פּודער, און האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— פֿאַרזוך, עס, וועסט פֿאַרגעסן דיינע צרות . . .

ווען דער אַרעסטירטער איז פֿון אים אַוועק, לאָזנדיק דעם פּיל אויפֿן ראַנד פֿון דער גראַטע, האָט אברהם מיטן גרעסטן האַס דאָס צעשאָטן איבערן דיל.

— די זעלבע „בודל־ביזנעס“, ווי אין רוסלאַנד מיט שנאַפּס . . . וואו שטראָף — דאָרט איז פֿאַרברעכן! — האָט ער געטראַכט, — מען שטראָפֿט און מען באַגייט פֿאַרברעכנס . . .

דער קיפֿער האָט ניט גערן געוואָלט האָבן אברהמען אין תפיסה. ער האָט פֿאַר אים פּשוט מורא געהאַט:

— ער קען נאָך אַרויסגעבן דעם אַרעסטאַנט, און אַלצדינג וועט אויפֿגע־דעקט ווערן. — ער האָט געוואונטשן, אַז מען זאָל אים באַפֿרייען.

האָט טאָקע דער קיפֿער דראַקולאַ איבערטראַנספֿערירט דעם אַרעסטאַנט אויף אַן אַנדער שטאָק, ווייל יענע „קיפֿערס“ האָבן אויך מורא געהאַט. איינער האָט געשריגן אויפֿן אַרעסטאַנט, פֿאַרוואָס ער איז ניט פֿאָרזיכטיק מיט די „דראָגס“ און שטופּט צו יעדן איינעם, ניט איבערקלייבנדיק.

אָט דער קיפֿער איז געוואָרן אַ ביסל אַ ראַדיקאַלער, האָט מיט אברהמען גערעדט וועגן פּאָליטיק און ראַדיקאַליזם . . . אין האַרצן אָבער האָט ער גע־טראַכט: ווען וועל איך שוין פֿון די פּטור ווערן? ער האָט געזאָגט, אַז די רוסן דאַרפֿן ערשט איצט זען, אַז אויך אין דייטשלאַנד זאָל דער קייזער גיין . . . די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן איצט די מאַכט, — האָט ער געזאָגט . . .

— נאָר די דייטשן זיינען וויכט, ניט ווי די רוסן, — האָט דער קיפֿער געזאָגט. — זיי האַלטן דעם קייזער פֿאַר אַ גאָטס־פֿאַרטרעטער . . . ביי זיי איז גאָט און דער קייזער איינס! . . . און מיינט איר, אַז דאָס איז נאָר ביי דעם אומזיניקן קלאַס? כ'מיין ביי די פּויערן? . . . אויך ביי זייערע גרויסע דענקער און פֿילאָזאָפֿן . . . איך געדענק ווי אין הײַ־סקול האָט מיין לערער, אַ דייטש, זיך אויסגעדריקט, אַז דער דייטשער קייזער איז ווי אַ ליבלעכער פֿאָטער צום דייטשן פֿאָלק . . . ווי לעכערלעך דאָס קלינגט מיר איצט, ווען איך הויב אָן טראַכטן, ווי דער ליבלעכער פֿאָטער פֿון דייטשן פֿאָלק קוילעט זיי אויס אין דער איצטיקער מלחמה . . . איך זאָג אייך, מיסטער צייטלין, — האָט דער קיפֿער פֿאַרגעזעצט — אַז קעניגן זיינען אַן איבעריקע זאַך . . . אָט זיינען די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָן אַ קעניג, און זי ווערט רעגירט פֿון פֿאָלק! . . .

— אַזוי האָט געדאַרפט זיין! — האָט אברהם געענטפערט.

* * *

מיט אומגעדולד האָט אברהם צייטלין דערוואַרט די צייט, ווען לידא האָט זיך באַוויזן. ער האָט פון גליק און אויפרעגונג ניט געקענט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט; ער האָט געפילט, אַז טרערן שטיקן אים אין האַלדז; אַז ער וועט באַלד אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין.

לידא האָט פאַרשטאַנען, ווי טיף אברהם איז פאַרקלעמט. זי האָט אויסגע־שטרעקט צו אים די הענט און אים געקושט . . . זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ ליבע און מיטלייד . . .

— פאַרוואָס דאַרף אַזאַ גוטער מענטש ליידן? — האָט זי געמורמלט. — אַזאַ גוטע נשמה . . . אַ מאַרטירער, אַ מאַרטירער . . . . האָט זי אין זיך גערעדט.

— איך בין אַזוי גליקלעך, — האָט ער צו איר געזאָגט. — ווען איך בין איצט פריי, לידעטשקאָ! . . .

— וועסט באַפרייט ווערן, אַברהם, און מיר'ן פאָרן קיין רוסלאַנד. רוסלאַנד דאַרף דיך איצט האָבן . . . יאָ, רוסלאַנד נייטיקט זיך איצט אין אַזוינע ווי דו . . . זיי דאַרפן דיך איצט.

— איך דאַרף רוסלאַנד, ווי איך דאַרף די לופט צום לעבן! — האָט אברהם געזאָגט.

מאַקארקאַ האָט אים געקושט, ווי אַ פאָטער קושט זיין ליבלינג־קינד, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָט ער זיך געווישט די אויגן . . .

— פאַרוואָס קומט אַזאַ מענטשן צו ליידן? קריסטוס האָט אַזוי פיל ניט געליטן, — האָט מאַקארקע געזאָגט צו לידאַן . . .

דעם צווייטן טאָג נאָך דער נייעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט גאַנץ ניו יאָרק אויפגעקאָכט. אַ סך רוסישע בירגער־קוואַרטאַלן און אַזוי מענטשן, וואָס האָבן געבענקט נאָך רוסלאַנד, נאָך זייערע עלטערן, נאָך זייערע קינדער־דעראינערונגען, נאָך די זאָרגלאָזע טעג; רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געבענקט נאָך רוסלאַנד מיט זייער לייב און נשמה, און האָבן דערזען אַז די פרוכט פון זייער אַרבעט איז פאַרטיק און זיי קענען געניסן פריי פון זייער זיג . . .

רוסלאַנד איז פריי! . . . דער צאַר איז אַרעסטירט! . . . אַ רעפּובליק אין רוסלאַנד! . . . אַהיים, אַהיים! . . . האָבן פילע געוועזענע רעוואָלוציאָנערן זיך געגרייט אין וועג.

דאָס יידישע קראַנקע און צעבראָכענע האַרץ האָט גענומען קלאַפּן מיט פרייד:

— גאָט האָט זיך פאַר אונדז אָנגענומען, — האָט אַ פרומער ייד געהאַלטן אַ רעדע אין אַ שול — גאָט האָט באַצאָלט אונדזער גרעסטן שונא מיט זיינע נאָכשלעפּער . . .

געשעפטסלייט, וואָס צוליב זייער יידישן גלויבן האָבן זיי געמוזט פאַר־לאָזן רוסלאַנד, האָבן איצט גענומען אויפגעבן די געשעפטן אין אַמעריקע און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין, קיין רוסלאַנד, וואו דער מענטש פילט, אַז ער איז אַ מענטש, און איז ניט פאַריאָגט נאָכן דאָלער, ווי ער איז דאָ . . . דאָרטן ווייסט מען ניט פון קיין סלעק אָדער בייזי . . . אַלע טעג די זעלבע צייט צו

דער אַרבעט און די זעלבע צייט פון דער אַרבעט . . . אַזוי דער אַרבעטער, אַזוי געשעפטסמאַן — יעדער האָט זיין צייט. ניט געלאָפן, ניט געשפּרונגען, ניט מיט אַמאָל רייך צו ווערן און אויך ניט מיט אַמאָל אָרעם צו ווערן . . . ווערן אַ בעטלער . . .

אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען, געשיקט טעלעגראַמעס קיין רוסלאַנד, גראַטולירנדיק דאָס רוסישע פאָלק מיטן זיג פון דער רוסישער רע־וואָלוציע . . .

אויף איין פאַרזאַמלונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז אַ קאָ־מיטע זאָל אויסגעקליבן ווערן, וואָס זאָל גיין צום דיסטריקט אַטוירני, ער זאָל אַרויסוואַרפן די קייס קעגן אברהם צייטלין, און זאָל לאָזן רוסלאַנדס גרעסטן אַרבעטער־דיכטער צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו מען וואַרט אויף אים מיט אומגעדולד.

דער דיסטריקט אַטוירני האָט זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט צו ריידן וועגן פריילאָזן אברהמען.

— אויב מיר׳ן פריילאָזן אברהם צייטלין, דאַרפן מיר לאָזן פריי אַלע פּאָ־ליטישע פאַרברעכער, — האָט דער דיסטריקט אַטוירני דערקלערט. — ער מוז פריער זיין שטראָף באַצאָלן און דערנאָך קען ער פאָרן וואו ער וויל! . . . מיר ווילן סיי־ווי־סיי ניט אַזוינע רעוואָלוציאָנערן. גוט פאַר רוסלאַנד! ניט פאַר אַמעריקע! . . . איך וועל זען, אַז ער זאָל קריגן אַ היפּשע עטלעכע יאָר . . . — האָט דער דיסטריקט אַטוירני פאַרענדיקט מיט בייזקייט. — דאָס וועט זיין מיין גרעסטע אַמביציע! — האָט ער בייז געוואָרפן מיט די הענט.

דער דיסטריקט אַטוירני איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, אַ דאַרער, אַ הויכער, מיט אַ האַלבן קאָפּ גרויע האָר, מיט גרינע, וואַסערדיקע אויגן, מיט אַ שניט אויפן פנים.

מען האָט געזאָגט, אַז אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ ריכטער, האָט אים אַן אַרעסטאַנט צעשניטן אַ באַק, ווייל ער איז געווען דער ערגסטער פון אַלע ריכטער.

דיסטריקט אַטוירני סוואַנסאָן איז געווען אַן עגאָאיסט, האָט ליב געהאַט כבוד און ניט פיין געהאַט קיין מתנה. ווען מען האָט אים עפּעס צוגעשיקט, האָט ער עס צוגענומען . . . ער האָט צו אַלעמען געשמייכלט פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט געקריצט מיט די ציין. ער פלעגט אָננעמען איינלאַדונגען פאַר אַלע אונטערנעמונגען: פאַר סאָסייעטיס־רעספּעפּשאַנס, קאַמפּיינס, פאַר טשאַריטיס און אַזוי ווייטער. פלעגט רעדן און לויבן די אָדער יענע געזעל־שאַפט . . . און אַז ער פלעגט קומען אַהיים צו זיך פלעגט ער שרייען צום ווייב:

— וואָס האָבן זיי צו מיר? נעמען צו מיין צייט און מאַכן מיך צו רייסן מיין האַלדז . . . איך האָס זיי אַלעמען, — פלעגט ער שרייען — איך האָס זיי ווי די שפּינען . . .

— טאָ ווער הייסט עס דיך? — פלעגט דאָס ווייב אים פרעגן.

— מיין אַמט, מיין שטעלע! — האָט ער געענטפערט.

— דו ווילסט צופיל כבוד . . . דאָס איז די צרה מיט דיר . . . אומעטום ווילסטו זיין, און דאַן האָסטו טענות . . . דו ווילסט עס אַליין! . . . דו ווילסט שיסן, טאָ שמעק פולווער, — פלעגט זי אים זאָגן.

נאָך אַזאַ ענטפער פלעגט ער אַנטלויפן אין קלוב אַריין, וואו ער פלעגט פאַרברענגען עטלעכע שעה ביי אַ קערטל ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, דער־נאָך אין דער זייט צו אַ מיידל מיט אַ גלעזל ווייַן . . .

נאָך אַזאַ נאַכט פלעגט ער קומען אויף צומאָרגנס אין גערעכטהויז אַ ניט־אויסגעשלאָפענער . . . אַ צערייצטער פלעגט ער אַריינלייגן זיינע קרבנות אין דער ערד . . . אומשולדיקע פלעגט ער אין תפיסה פאַרשיקן, און דאָס האָט גע־הייסן, אַזי ער איז אַ גרויסער קענער, וואָס ניט יעדער קען זיך מיט אים פאַר־גלייכן . . . דאָס הייסט אין געזעץ! . . .

אַ סך אַדוואָקאַטן האָבן אים געהאַסט פאַר זיין זוכן כבוד; זיי האָבן אים ניט געהאַסט פאַר זיין שלעכטסקייט קעגן זיי, נאָר פשוט פאַר זיין זוכן, מען זאָל זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַ קענער, אַ שפּיצקאָפּ, אַ קלוגער! . . .

און נאָך אַזאַ נאַכט, וואָס דער דיסטריקט אַטוירני האָט פאַרבראַכט ביזן פולן מאָרגן ניט אויסגעשלאָפן און ניט דערגרייכנדיק די פרוי, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער אַזוי צערייצט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַפילו ניט צוגעלייגט אָפּרוען, זוכנדיק פלענער, ווי אַזוי איר געליבטן צו פאַרהאַקן אין תפיסה, אַז זי זאָל דאַרפן צו אים אָנקומען, און דאַן — דאַן וועט ער זי שוין קריגן . . . און וועט זי קריגן, די קאַץ . . .

און אין דעם פרימאָרגן האָט דאָס די קאָמיטע געקראָגן דעם ענטפער פון אים וועגן אברהם ציטלין, און זיין גאַנצן צאָרן האָט ער אַויסגעלאָזן אויף דעם שוצלאָזן ציטלינען, וואָס איז ווירקלעך געווען אין זיינע הענט . . .

עלפטער קאַפּיטל

עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן פונעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר, אַז אברהם ציטלין זאָל אַרויסגעשיקט ווערן קיין רוסלאַנד. דער דיסטריקט אַטוירני האָט געטענהט, אַז אברהם ציטלין איז אַן אַמעריקאַנער בירגער, און אַז רוסלאַנד קען קיין דעה ניט זאָגן וואָס צו טאָן מיט אַמעריקאַנער בירגער.

— ער האָט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און ער מוז באַקומען זיין שטראָף! . . .

אַמעריקאַנער ציטונגען זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דיסטריקט אַטוירני פאַר זיינע שאַרפע רייד קעגן דער נייער רוסישער רעגירונג, וואָס איז גלייך אנערקענט געוואָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אנערקענען זי פאַר די עלייעס פאַרבינדעטע, און אַז דער דיסטריקט אַטוירני דאַרף זיך אַזוי ניט צע־שרייען! . . . ער איז ניט אַמעריקע! . . .

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער דיסטריקט אַטוירני האָט געזיגט. ניט קיין פולער זיג. אָבער אברהם ציטלין איז פאַרשיקט געוואָרן אין תפיסה אויף זעקס חדשים.

זיין אורטייל האָט אָנגעמאַכט אַ טומל. אין רוסלאַנד איז דער טומל געווען נאָך גרעסער. זיינע אָנהענגער דאָ אין לאַנד האָבן געמאַכט פּראָטעסטן, דעמאָנ־סטראַציעס, און פאַרדאַמט דעם דיסטריקט אַטוירני פאַר זיינע מעטאָדן . . . מען האָט אָפן געזאָגט, אַז אין די נעקסטע וואַלן וועלן די דעמאָקראַטן פאַרלירן, און אַז דער דיסטריקט אַטוירני וועט פאַרלירן זיין פּאָליטישע קאַריערע . . . ער וועט אינגאַנצן ניט קענען לויפן פאַר קיין אַמט, ווייל דאָס וועט זיין לעכערלעך פאַר זיין פּאַרטיי אַרויסצושטעלן אַזאַ קאַנדידאַט ווי ער.

די פאַראורטיילונג פון אברהם ציטלין האָט אין רוסלאַנד אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש. די לינקע האָבן געטענהט, אַז די רעגירונג האָט גענומען ווייניק מאַכט צו באַפרייען אברהם ציטלין. זיי האָבן געטענהט, אַז ווען די רעגירונג וואָלט מער געפאָדערט און וואָלט אַפילו סטראַשן, אַז זי וועט זיך צוריקציען

פון די עלייעס, אויב מען וועט אים ניט באַפרייען, וואָלט מען אים דאַן באַ־פרייט . . .

דער שטורעם איז געוואַקסן אין גאַנץ רוסלאַנד. מען האָט דעמאָנסטרירט קעגן אַמעריקאַנער קאָנסול; מען האָט מיט שטיינער באַוואָרפן דאָס הויז פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר און מען האָט געשריגן:

— נידער מיט אַמעריקע! נידער מיט אירע קאַפּיטאַליסטן! . . . לאַנג לעבן זאָל דער מאַרטירער אברהם ציטלין, אונדזער אַרבעטער־פּאָעט! . . . מיר ווילן אַן אַרבעטער־רעגירונג, אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג! נידער מיט די קאַ־פּיטאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט! . . .

איינער פון דער מאַסע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ ליידיק פעסל פון הערינג און אויסגעשריגן:

„קאַמעראַדן! הערט זיך צו צו מיינע ווערטער. צו וואָס דאַרף מען די גאַנצע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס? דאָס וועט אונדז ווייניק וואָס ברענגען, בלויז בלוט־פאַרגיסונג . . . ווי איר זעט, איז אונדזער רעגירונג ניט בעסער ווי אַלע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, מעגן זיי זיין רעפּובליקאַנער . . . אַמעריקע איז אַ רעפּובליק און ווערט אין נאָמען רעגירט פון פאָלק, אָבער אין דער אמתן — ווער זיינען זייערע פאַרטרעטער, וואָס דאָס פאָלק דערווילט זיי? מיליאָנערן . . . פאַרטרעטער פאַרן גרויס־קאַפּיטאַל, פאַר די קוילן־באַראָנען, קופּער־ און שטאָל־טראָסטס, פאַר די אויל־קעניגן . . . איר האָט ניט קיינע אַרבעטער־פאַרטרעטער, ניט אין קאָנגרעס, ניט אין סענאַט! . . . אַפילו אין דער לאָקאַלער פאַרטרעטער־שאַפט זיינען אויך ניטאָ קיין אַרבעטער־פאַרטרעטער. די מאַכט איז דער דאָ־לער! . . . און הערט, קאַמעריאַדן, אונדזער רעפּובליק וועט אויך ניט זיין בעסער. זי גייט אין די אַמעריקאַנער וועגן . . . די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, און אַנ־דערע, פראַנצויזישע און אויך ענגלישע, הויבן אָן צו פאַרכאַפּן אונדזערע גרעסטע אינדוסטריעס, און אונדזער צייטווייליקער פּרעזידענט, קערענסקי, גיט די קאַ־פּיטאַליסטן קאָנצעסיעס, וואָס וועלן פאַרשקלאַפּן אונדזער פאָלק אונטערן איי־זערנעם קנאַפּל פון די אויסלענדישע און אינערלעכע קאַפּיטאַליסטן . . ." זיין שטימע האָט פאַרהילכט די לופט און פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס פון די צו־הערער צו זיינע רייד:

„און אָט וואָס מיר דאַרפן טאָן, קאַמעראַדן. די מאַכט אין אונדזערע הענט נעמען . . . מיר אַרבעטער זיינען דערווירקלעכער פאַקטאָר פון לעבן . . . מיר בויען, מיר שאַפן. ווען מיר ווילן, קענען מיר אַלץ דערגרייכן, ווייל יעדע זאַך ווערט פון אונדז געשאַפן: פאַרוואָס זאָלן מיר שאַפן דאָס שענסטע אין לעבן פאַר די פּאַראַזיטן, וואָס טוען גאָרניט און צאָלן אונדז אַ בעטלער־לוין און טוען מיט אונדז וואָס זיי ווילן, און מיר מיט אונדזערע ווייבער און קינדער זיינען קיינמאָל ניט זאַט און קיינמאָל ניט גאַנץ באַקליידט . . ." אַלע זיינען געשטאַ־נען מיט אָפענע מיילער פון די נייע רייד . . .

— גערעכט, גערעכט, — האָט אַן אַלטער פויער אויסגערופן. — גערעכט, חבר!

און דער רעדנער האָט פאָרגעזעצט:

— נעמען דאַרפן מיר אַרויסטרייבן די פּאַראַזיטן. די סאָלדאַטן וועלן גיין מיט אונדז . . . ווייל איר, סאָלדאַטן, — האָט ער זיך אָפּגערופן צו עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען — איר זייט דאָך אויך פויערן אָדער אַרבעטער און, נאָכאַלעמען, וועט איר דאָך מוזן גיין אין שפּאַן געשמיסן צו ווערן

פון נויט, הונגער און מלחמות . . . ווער דאַרף מלחמה? . . . פרידן דאַרפן מיר . . . אָבער ווען דער אַרבעטער וועט רעגירן, וואָס זוכט באַר צו לעבן און געניסן פון דער אַרבעט, דאַן וועט קיין מלחמה ניט זיין. און שרעק פאַר מלחמה וועט קיינמאָל ניט זיין! . . . פרידן וועט הערשן אויף דער וועלט! . . .

— אַנטלויפט! — האָט איינער אויסגעשריגן. — קאָזאַקן, קאָזאַקן . . .

אָבער דער רעדנער איז ניט אַראָפּ. ער האָט אויסגעשריגן:

— מעגן זיי שיקן קאָזאַקן? חברים, לאָמיר זיי ציינן אונדזער מאַכט! מאַכט באַריקאַדן! . . .

און ווי אַ צויבער וואָלט אַלעמען באַהערשט, האָט דער עולם אָנגעוואָרפן וועגענער, ברעטער, קאַסטנס, אַ טראַמוויי אָפּגעשטעלט און געמאַכט באַריקאַדן. מען האָט זיך געשטעלט קעגן די קאָזאַקן, און אין אַ האַלבער שעה שפּעטער, באַוואָרפן פון שטיינער, זיינען די קאָזאַקן אָפּגעטראָטן . . .

די זיגער האָבן אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן און מען האָט געמאַרשירט צו דער הויפּט־קוואַרטיר, וואו די רעגירונג האָט רעגירט . . .

די קערענסקי־רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט נייע פאָלקן סאָלדאַטן און מען האָט די רעוואָלוציאָנערן צעטריבן . . .

אָבער אַ נייע פייער האָט אָנגעצונדן רוסלאַנד! . . .

דער רעדנער איז געווען אַ באָלשעוויק. זיין נאָמען איז געווען בענין. ער איז דער ערשטער עפנטלעך אַרויסגעגאַנגען צו אַגיטירן קעגן דער רעגירונג . . .

דאָס, וואָס קערענסקי, דער צייטווייליקער פּרעזידענט פון רוסלאַנד, האָט ניט געקענט באַפרייען אברהם צייטלין, האָט זיי געגעבן די גוטע געלעגנהייט צו באַווייזן דעם רוסישן פאָלק, אַז די נייע רעגירונג איז ניט בעסער ווי די די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט זייער ליבלינג פאַרשיקט אין תפיסה . . .

די רעגירונג האָט געוואוסט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די באָלשעוויקעס, און מען האָט זיי גענומען זוכן און אַרעסטירן.

די באָלשעוויקעס אָבער האָבן שטיל און גיך געאַרבעט. די אַרבעט האָט זיך מער פאַרשפּרייט צווישן דער אַרמיי און דעם פּלאָט . . . זיי האָבן געוואוסט, אַז מיט די אַרבעטער וועט קיין שוועריקייטן ניט זיין. האָט מען דערפאַר זיך פריער גענומען צום מיליטער. עס איז דעם מיליטער פאַרשפּראָכן געוואָרן, אַז ווי נאָר זיי וועלן אַריין אין מאַכט, וועט פרידן איינגעשטעלט ווערן אונטער וועלכן עס איז פּרייז! . . .

מיר דאַרפן קיין מלחמה ניט פירן, — איז דעם מיליטער געזאָגט גע־וואָרן. — מיר ווילן פרידן און אַרבעט .. מיר ווילן לעבן! . . .

דאָס האָט פאַר זיי געוואונען צענדליקע טויזנטער אָנהענגער . . . זיי האָבן געוואָרט אויף דער בעסטער געלעגנהייט צו פאַרכאַפּן די רעגירונג . . . זיי האָבן געהאַט גרויסע אַרמייען אויף זייער זייט אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, וועלכע האָבן געוואָרט אויף זייער רוף . . . זיי האָבן אָנגעפאַנגען מער און מער צו ריידן אויף אָפענע פאַרזאַמלונגען און אַגיטירן אָפּן קעגן דער קערענסקי־רע־גירונג . . . דער הונגער און נויט, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט, האָט זייער גרינג געוואונען אָנהענגער פאַר פרידן און ברויט! . . . טויזנטער אַגיטאַטאָרן האָבן די באָלשעוויקעס צעשיקט איבער די גרויסע שטעט און האָבן זיך צוערשט פאַרזיכערט מיט דעם מיליטער אויף זייער זייט. ווייטער איז אַלץ געגאַנגען גלאַט ווי געשמירט . . . ווי אַ ראָד אונטער דזשעגעכץ . . .

די באָלשעוויקעס האָבן ביי זיך שוין איינגעפירט אַ רעגירונג מיט מי־ניסטאָרן. יעדער אויף זיין אַמט, און אַלץ איז געווען פּאַרטיק פאַר דעם רוף פון דער רעוואָלוציע.

די קערענסקי־רעגירונג האָט זיך געגרייט אויף אַ גרויסן איבערפאַל אויף די דייטשן. דאָס האָבן די עלייעס אַזוי געוואָלט . . . אָבער די באָלשעוויקעס האָבן וועגן דעם אויסגעפונען, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איצט איז די בעסטע צייט צו מאַכן אַ תל פון דער קערענסקי־רעגירונג . . .

אַלץ איז געווען פאַרטיק. אויף יעדן אָפיצער זייערן איז געווען אָנגעגרייט אַ באָלשעוויסטישער, און אַזוי ביז אַ גענעראַל. אומעטום זיינען געווען אָנגע־גרייט נייע פירער, וואָס זאָלן גלייך פאַרנעמען די אַלטע, און אין יעדן אָפּטייל זיינען געווען אָנגעגרייט באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער. אַלץ איז געווען פאַר־טיק צוגעגרייט . . .

די מאַנעווערס זיינען דורכגעפירט געוואָרן און אַלץ האָט געאַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין, און בענין, דער פירער, האָט באַשטימט די צייט אין דער באַשטימטער נאַכט! . . .

נאָך צוועלף אַזייגער זיינען קערענסקי מיט אַלע זיינע מיניסטאָרן אַרעס־טירט געוואָרן. אַלע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַקעגן, זיינען גלייך אַרעסטירט אָדער דערשאָסן געוואָרן. אַ קריגס־צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרן און שטרענגע דיסציפּלין אין איינגעפירט געוואָרן.

אויף צומאָרגנס האָט די באָלשעוויסטישע רעגירונג געאַרבעט אין די צווי גרעסטע שטעט — אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, אַזוי ווי קיין רעוואָלוציע וואָלט גאָר ניט פאָרגעקומען, און קיין בלוט איז ניט פאַרגאָסן געוואָרן . . .

די נייע רעגירונג האָט טאַקע גלייך גענומען האַלטן איר פאַרשפּרעכן. האָט אָנגעהויבן צו קאָנפיסקירן די גרויסע אינדוסטריען, און גענומען זוכן וועגן איינ־צושטעלן פרידן אונטער יעדן פּרייז! . . . אין די גאַסן האָבן סאָלדאַטן גערופן: מיר ווילן פרידן! מיר ווילן לעבן! . . .

אין אַ קורצער צייט איז רוסלאַנד געוואָרן אַ באָלשעוויסטישע רעגירונג, וואָס איז רעגירט געוואָרן פון אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער־קלאַסן . . .

די נייעס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט . . .

אברהם האָט געפּשרונגען פון פרייד. זיין פּאָעמע איז אָם פּלאַץ . . . זיין פּאָעמע האָט מען שוין אין רוסלאַנד איבערזעצט און מען האָט זי צעשפּרייט אין מיליאָנען קאָפּיעס . . .

זיין חלום וועגן פרידן־פּלאַן האָט ער איבערגעגעבן צו לידאָן, און אין זעלבן טאָג האָט גרישקאָ פאַרלאָזן אַמעריקע. אין אַ וואָך אַרום האָט ער געבראַכט צייטלינס פּלאַן פאַר פרידן . . . די מאַסן האָבן שוין געהערט, אַז גרושקאָ האָט געבראַכט אַ פרידנס־פּלאַן פון אברהם צייטלין.

בענין האָט גערופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג, און צייטלינס פּלאַן איז אָנ־גענומען געוואָרן אונטער די טענער פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" . . . די פרייד אין די גאַסן האָט פאַרקלונגען די לופט.

און אַזוי ווי אין זיין חלום, אַזוי האָט אויך געאַרבעט די ווירקלעכקייט . . .

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז געווען אין איר העכסטן שרעק. אַמעריקע האָט גענומען אָנשטעלן ספּעציעלע שפּיאָנען אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, מען האָט געשמעקט, געני‌שטערט! . . .

דער אַרבעטער האָט פּלוצלינג מאָדנע אויפגעוואַכט — אַ נייער טענדענץ אין לעבן . . . ער האָט זיך דערזען, אַז ער איז אַ ריז, וואָס וועט צעטרייסלען דעם קאַפּיטאַליסטישן בנין . . .

ער האָט גענומען אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס אין סימפּאַטיע מיט די באָלשעוויקעס. אָבער ס'איז דאָ ניט געגאַנגען ווי אין רוס־לאַנד. דאָ האָט די פּלוטאָקראַטיע פאַרכאַפּט דעם וועג מיט איר געהיים־פּאָליציי, און דער ערשטער אַרויסטריט, אויף וואַשינגטאָן־סקווער, האָט באַוויזן איר דורכפאַל, ווען בלויז עטלעכע טויזנט אַרבעטער האָבן גענומען מאַרשירן, און ווען די רויטע פאָן האָט זיך באַוויזן, האָבן די אַמעריקאַנער קאָזאַקן גענומען שפּאַלטן קעפּ און רייסן שטיקער, און דער עולם האָט גענומען לויפן אין אַלע עקן וועלט . . . הונדערטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זיי צעשיקט אין די תּפיסות, און די פאַרוואונדעטע אין די שפּיטאָלן . . .

די רעאַקציע אין אַמעריקע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ . . .

אַמעריקע האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף יעדער באַוועגונג פון ראַ־דיקאַלן פון אַרבעטער־קלאַס. אומעטום האָט זי געהאַט אירע שפּיאָנען, ווי דער צאַר אין די אַלטע גוטע צייטן . . . די פּאַלמער אַכראַנקע! . . .

צוועלפטער קאַפּיטל

אַברהם צייטלין האָט אין תּפיסה געאַרבעט ביי שאַרן קוילן. זיינע לונגען האָבן דערפון פיל געליטן. ער האָט אָבער ניט פּראָטעסטירט, ווי אַנדערע אַרעס־טאַנטן . . . ער איז געווען שטיל; האָט געטאָן זיין אַרבעט ווי אַן אויטאָמאַט, אָן שווערקייט, ווי אַ מאַשין. ווי אַ זייגער וואָלט געקלאַפּט, האָט ער דעם שאָפל געהויבן און אַרונטערגעלאָזן . . . ניט מער, ווען ער האָט געדאַרפט אָפּווישן דעם שווייס, פלעגט ער אָפּלאָזן דעם שאָפל . . . ער איז פיל דאַרער געוואָרן פאַר די עטלעכע וואָכן . . . מיט קיינעם האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט . . . ניט קיין צייטונג געלייענט . . . כּסדר געווען פאַרטראַכט . . . זיין פּנים האָט אויסגעקוקט אָנגעשטרענגט בייז — די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט. אויך געגעסן האָט ער ווייניק . . . עפּעס האָט אין אים זיך געענדערט — אַ מעלאַנכאָליע . . .

ביינאַכט פלעגט ער ליגן, קוקן אויפן באַלקן און טראַכטן, טראַכטן . . . פלעגט ניט קענען שלאָפן. זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ערשט צו מאָרגנס פלעגט ער איינדרימלען, אָבער ער פלעגט מוזן גלייך אויפשטיין ביים קלינגען פון גלאָק . . . אין סערענע! . . .

אַלע אַרעסטאַנטן האָבן אויף אים געקוקט מיט רעספּעקט, אַחוץ די אַלטע פאַרביסענע אַרעסטאַנטן פלעגן צו אים זאָגן:

— ניט געדאַגהט, וועסט זיך צוגעוואוינען. מיר זיינען שוין דאָ יאָרן. פון אָנפאַנג זיינען אַלע אַזוי. ניט געדאַגהט, ברודער . . . נעם זיך ניט שטאַרק צום האַרצן . . .

אברהם צייטלין פלעגט אַ שמייכל טאָן צו זיי און שוייגן . . . אין אַלגע־מיין האָט אַ שווייגעניש פאַרנומען דעם לעבעדיקן צייטלין. זיין רעוואָלוציאָנע־רער גייסט האָט אין אים געשלאָפן . . . ווי עפּעס אַ נייער מענטש איז ער געוואָרן. ער פלעגט ניט רעדן לאַנג צו אַ מענטשן און פלעגט ניט האָבן קיין געדולד, אַז אימעצער האָט צו אים גערעדט אַ ביסל לענגער . . .

לידאַ האָט פאַרבראַכט אירע טעג אין וויינען. זי האָט געפילט, אַז דער

מענטש וועט עס ניט אַריבערטראָגן. האָט זי איינמאָל באַשלאָסן צו גיין צום פּאַרדאָן־קאָמיטע. אָבער אברהם האָט איר דאָס פאַרבאָטן צו טאָן. ער האָט אַפילו מיט לידאַן ווייניק גערעדט . . . ער האָט אַפילו פיל מאָל לידאַן ניט געפרעגט, ווי זי פילט, ווי דאָס קינד פילט . . .

— אברהם, איך זע אַז דו ביסט קראַנק, — פלעגט זי צו אים רעדן. — דו אַליין זעסט ניט וואָס פון דיר איז געוואָרן . . . פאַרוואָס זעסטו ניט, אַז מען זאָל דיר געבן אַ גרינגערע אַרבעט? . . .

— שוין דריי חדשים אַוועק, — האָט ער איר איינמאָל געזאָגט — צוליב וואָס בעטן גרינגערע שטראָף? . . .

— מאַרטירער, פלעגט זי צו אים זאָגן און קושן זיינע דאַר געוואָרענע הענט — וואָס פון דיר איז געוואָרן . . . — און אַוועקגיין, וויינען און וויינען . . .

די פּאַרדאָן־קאָמיטע האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין אָפיס, אָבער אברהם האָט זיך אַנטזאָגט זיי צו באַזוכן. ער וויל קיין פּאַרדאָן ניט. ער וויל זיצן זיין שטראָף, האָט ער זיי געענטפערט.

מאקארקא איז צו אים געקומען מיט דער גרויסער שמחה, אַז רוסלאַנד האָט געשלאָסן פרידן, פרידן נאָך זיין פּלאַן! . . . מען האָט אַ האָר ניט אַרונטער־געלאָזן . . .

— אַזוי ווי דו האָסט געשריבן, אַזוי האָט עס דייטשלאַנד געמוזט אָנ־נעמען . . .

— יאָ? — האָט אברהם אַרויסגעקרעכצט — שוין פרידן? . . . — אַזוי ווי פאַרחלומט, און אַ טרער האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן . . . אַ שמייכל האָט געבויגן זיינע ליפּן.

אברהם האָט גענומען אַ ביסל לייענען, זיך פאַראינטערעסירט מיטן גאַנג פון רוסלאַנד און מיט דער מלחמה אין אַלגעמיין . . . ער האָט געוואוסט, אַז מיט דעם פרידן פון רוסלאַנד, וועלן די עלייעס מוזן אויך שליסן פרידן און אַ סוף צו דער מלחמה וועט מוזן קומען. דאָס האָט אין אים אַריינגעבלאָזן ביי לעבן . . . און ער האָט גענומען אַן אנטייל אין אַלץ וואָס סע קומט פאָר אין דער וועלט.

ער האָט געוואוסט, אַז די רוסן וועלן מער אויפטאָן פאַר די עלייעס מיט איר פרידן, ווי די רוסן וואָלטן געשטאַנען מיט די עלייעס אין זייער מלחמה: ווייל די דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט פרידן־געפילן, און האָבן שוין אין מלחמה מער ניט געוואָלט גיין. טאָמער זיינען זיי געגאַנגען, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן געמוזט, אָבער ביי דער בעסטער געלעגנהייט האָבן זיי זיך געלאָזט נעמען געפאַנגען פון די עלייעס סאָלדאַטן . . .

זיי האָבן איצט פאַרשטאַנען אַז זייער פאָטער־קייזער איז פאַר זיי אַ מלאך־המות . . . אַז ער וויל ווערן אַ צווייטער נאַפּאָלעאָן, און ער ברענגט זיי אום, שטעלנדיק זיך קעגן דער גאַנצער וועלט . . . אַרומגערינגלט מיט שונאים פון דער גאָרער וועלט . . .

אויך צווישן די דייטשן האָבן זיך באַוויזן באָלשעוויקעס. אויך אונגאַרן גרייט זיך מיט אַ רעוואָלוציע אויף דעם זעלבן וועג ווי אין רוסלאַנד . . . טערקיי האָט זיך אָפּגעריסן און פאַרגעשלאָגן אַ באַזונדער פרידן. עסטרייך, אַ צעשלאָ־גענע, אַ צעטרייסלטע, אַ צעריסענע, האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן. נאָר דייטש־לאַנד האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפן אויף אַלע פראָנטן, ווי אַ געקוילעטער האָן . . . וואָס וואָרפט זיך איידער ער פאַלט! . . .

אברהם האָט שוין אָנגעהויבן שרייבן אין די פרייע פּאָר שעה. ער האָט קיינעם ניט געזאָגט וואָס ער שרייבט. ניט לידא און ניט מאקארקא האָבן געוואוסט.

אים איז געווען קלאָר, אַז די צייט וואָס ער האָט ניט געשריבן, האָט בייגעטראָגן צו זיין ווייטאָג: עס האָבן זיך אָנגעקליבן אין זיין קראַנק האַרץ די אַלע ניט־געשריבענע זאַכן, און איצטער שטראָמט אין זיינע געפילן און אין זיינע געדאַנקען וועבן זיך לידער, אַ סך לידער, און אַלע אַזעלכע שטורעמדיקע, וואָס וועקן און רופן צו נייע וועלטען, ליכטיקע און פרייע . . . זון און לעבן! . . .

מאקארקא האָט זיין בוך פאַרענדיקט, דאָס הייסט זיין ביאָגראַפיע. זיבן יאָר האָט עס ביי אים גענומען. דאָס איז געווען אַ בוך פון איבער פינף טויזנט זייטן. און מאקארקא האָט פאַר דעם אָנגעגרייט 10 טויזנט דאָלער, צו פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק.

דער אַלטער מאקארקא האָט דאָס בוך נאָך ניט געוואָלט דרוקן, ווייל דאָס איז געווען אַ „קאָנפעסיאָן"־בוך, ווידוי. עס האָט אַנטהאַלטן דעם גאַנצן אמת פון זיין לעבן. ווי אַן אמתער קינסטלער האָט ער יעדע זאַך באַשריבן. ער האָט יעדע זינד, וואָס ער האָט באַגאַנגען קעגן מיידלעך און פרויען, באַשריבן אין ווירקלעכן געשטאַלט . . . לויט ווי ער שרייבט, איז ער באַגאַנגען פאַרברעכנס קעגן מיידלעך נאָר אין אַ שיכורן צושטאַנד. בעת ער איז געווען שיכור האָט אים קיין זאַך ניט אַזוי אויפגערעגט ווי אַ פרוי . . .

צו דרייצן יאָר האָט ער פאַרגוואַלדיקט אַ קליין מיידעלע פון 9 יאָר און האָט זי אָנגעשראָקן, אַז אויב זי וועט אימעצן דערציילן, וועט ער איר אָפּשניידן דעם קאָפּ . . . און זי האָט טאַקע קיינעם ניט דערציילט. נאָר אין אַ חודש שפּעטער איז זי געשטאָרבן.

ער האָט צוויי מאָרדן באַגאַנגען קעגן פרויען און צענדליקע פרויען און מיידלעך פאַרגוואַלדיקט. אָבער נאָכן פאַרברעכן פלעגט ער זיך אויסניכטערן און וויינען און קלאָגן פאַר זיינע קרבנות . . .

ער באַשרייבט אַזאַ אינצידענט: ווען ער איז אַרויס פון מיליטער־דינסט, האָט ער דאָן באַגעגנט איינע אַ פויער־מיידל, און האָט זי געפרעגט צי זי וואָלט מיט אים געהייראַט. ער האָט זי ליב . . . זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט אַ חתן און אַז זי דאַרף אין גיכן הייראַטן.

— האָסטו אים ליב? — האָט ער זי געפרעגט.

— געוויס! אַז ניט וואָלט איך מיט אים ניט וועלן הייראַטן, — האָט זי געזאָגט. — אָבער איך בין זייער אָרעם, און ער איז אויך אָרעם.

— איך בין רייך, — האָט איר מאקארקא געזאָגט. — איך האָב אָפּגעדינט דעם קייזער, האָב מיט מיר חתונה . . .

זי האָט זיך אַנטזאָגט.

ער האָט זי דערנאָך געהיט, האָט געוואָלט זיך מיט איר טרעפן אין דער שטיל.

איינמאָל איז ער אַ האַלב שיכורער געגאַנגען פון דאָרף אין שטאָט אַריין און זי אָנגעטראָפן אין וועג.

ער האָט זיך דערפרייט, דערזעענדיק זי.

— וואו גייסטו? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן.

— אין שטאָט, אייער פאַרקויפן, — האָט זי געענטפערט.

— וויפיל האָסטו? — האָט ער געפרעגט.
— פינף טוצן.
— וויפיל ווילסטו פאַר זיי?
— צוויי פאַר אַ פּיטאַקל. יאָ, צוויי פאַר פינף קאָפּיקעס.
ער האָט איר געהייסן אַרויסלייגן אַ האַנט אויף אַ האַנט און צודריקן צום ברוסט, און ער וועט איבערציילן די אייער אויף אירע אָרעמס.
זי האָט אַזוי געטאָן. ער האָט געציילט די אייער און אַרויפגעלייגט אויף אירע אָרעמס אַזוי, אַז זי האָט געמוזט זייער פאָרזיכטיק זיין, ווייל אַ שלעכטער קער פון איר זייט וואָלטן די אייער אַראָפּגעפאַלן . . .
ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן איר און זי באַטראַכט.
— הער זיך איין, — האָט ער צו איר געזאָגט — האָב מיט מיר חתונה.
— ניין, איך האָב אַ חתן, — האָט זי אים געענטפערט.
זי איז געווען אַזוי אָרעם, אַז זי האָט אַפילו קיין העמד ניט געהאַט אויף זיך, האָט געטראָגן אויף זיך בלויז אַ בלוזקע מיט אַ דיק קלייד, פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריקעלע . . .
ער האָט איר אָפּגעבונדן דאָס שטריקעלע. דאָס קליידל איז איר אַראָפּגעפאַלן און איר נאַקעטקייט האָט אַנטפּלעקט איר געשלעכט . . .
זי האָט אירע אויגן פאַרמאַכט און געוויינט. מיט די הענט האָט זי ניט געקענט אַ ריר טאָן, ווייל די אייער וואָלטן זיך צעשאָטן און צעבראָכן געוואָרן. זי האָט דערפאַר מורא געהאַט, דעריבער איז זי געשטאַנען און געוויינט, אַ פאַרשעמטע, אַ דערשלאָגענע . . .
— זי איז פאַר מיר געשטאַנען און געוויינט, — שרייבט ער — און איך האָב אויף איר געקוקט און צו איר גערעדט:
— האָב מיט מיר חתונה. פאָלג מיך, האָב מיט מיר חתונה! . . .
— ניין, — האָט זי געזאָגט, און איז ווייטער געשטאַנען פאַר מיר אַ נאַקעטע מיט אַ פאַרברענט פנים . . . און די אויגן אַלץ פאַרמאַכט.
איך בין צו צו איר.
— די אייער! — האָט זי געשריגן. — דאָס איז דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן אין הויז, און די מאַמע איז קראַנק! . . .
איך האָב געגלעט איר קערפּער, די היפּטן, די שיינע פיס, און זי האָט געוויינט און איז פון אָרט ניט אָפּגעטראָטן. איך האָב זי געקושט אויף די פאַרטרערטע באַקן, וואָס האָבן געברענט ווי פייער . . .
— האָב מיט מיר חתונה! — האָב איך זיך ביי איר געבעטן. — איך בין רייך.
— ניין, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.
— אַזוי? . . . — זאָג איך, זייענדיק פאַרשיכורט פון איר קערפּער.
איך האָב פון הינטן אַראָפּגעקנעפּלט איר בלוזקע און פון הינטן איז זי פאַר מיר געשטאַנען אינגאַנצן נאַקעט. אָבער זי האָט די אייער ניט אָפּגעלאָזן.
איך האָב זי אַ כאַפּ געטאָן אין מיינע שטאַרקע אָרעמס. זי איז אין מיינע הענט געווען ווי אַ קינד . . .
די אייער האָבן גענומען פאַלן . . . איך האָב נאָר געהערט אירע געשרייען:
— די אייער, די אייער! . . . — — — —
ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זי דערווישט וויינענדיק, און דאָס געוויין איז געווען נאָר וועגן די אייער . . .

זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען זיך אָנטאָן, קוקנדיק מיט געיאָמער אויף דעם באַרג צעבראָכענע אייער.

— די אייער צעבראָכן! . . . די מאַמע איז קראַנק . . .

איך האָב זיך ערשט אַרומגעקוקט:

— וואָס האָב איך דאָ געטאָן? . . .

איך האָב אַרויסגענומען עטלעכע רובל און איר דערלאַנגט.

זי האָט אויף מיר געקוקט און געפרעגט:

— איז דאָס פאַר די אייער?

איך האָב אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— יאָ, פאַר די אייער . . .

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די עטלעכע זילבערנע רובל און גענומען לויפן מיטן קערבל אין האַנט.

איך האָב איר נאָכגעקוקט, ווי זי פאַרשווינדט פון מיינע אויגן, און אין האַרצן איז מיר געווען אַזוי פּוסט און פאַרדראָסיק . . . פאַר מיינע אויגן אָבער איז איר קערפּער ניט פאַרשוואונדן ביז איך בין אַריין אַ שענק . . .

פון זיין באַשרייבונג אין בוך ווערט מען אויך געוואויר, אַז איין פרוי האָט ער דערוואָרגן, די צונג אַרויסגעביסן; איינע האָט זיך דערטרונקען; 5—6 האָבן פון אים קינדער געהאַט . . .

זיין לעבן איז געווען אַ קייט פון „פרויען און ווײַן און געלעכטער״ . . .

כמעט איבערן גאַנצן בוך דערציילט זיך אַלץ פון אַזאַ לעבן, ביז ער האָט זיך באַקענט מיט אברהם צייטלין, און זיין לעבן האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג, אַ נייעם וועג . . .

די לעצטע צייט האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי זאָל ער פאָרן קיין רוסלאַנד, אָדער זאָל ער פאַרבלייבן און וואַרטן אויף אברהמען? . . .

היינט האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו אברהמען און אים זאָגן, אַז זיין בוך איז פאַרטיק און ער וואַרט אויף אים, ער זאָל דאָס בוך רעדאַקטירן, ווייל ער וויל עס אַרויסגעבן ביי זיין לעבן. זאָל עס זיין וואָס עס זאָל זיין! . . .

די צייט, ווען ער האָט געדאַרפט באַזוכן אברהמען, איז געקומען. מאַקאַרקאַ האָט זיך געאײַלט צו קומען וואָס גיכער צו אברהעמען. ער האָט אים ניט געזען אַ גאַנצן חודש און ער האָט זייער געבענקט נאָך אים . . .

לידאַ האָט אים געזאָגט, אַז אברהם איז זייער דאַר געוואָרן און האָט גענומען ווידער הוסטן . . . די אַלטע קרענק איז ווידער געקומען . . .

ער האָט אים געוואָלט בעטן, אַז ער זאָל זיך ניט נעמען אַזוי צום האַרצן און האָט אים געוואָלט איינריידן, אַז ער זאָל דאָך גיין צו דער פאַרדאָן־קאָמיטע; אַז ער טוט נאָר אָפּ זיך, ניט זיי . . . ער זאָל ניט זיין קיין נאַר.

מאַקאַרקאַ איז שוין גוט אַלט געוואָרן. ער איז אַריין אין די אַכציקער און האָט שוין גוט דערפילט זיין עלטער . . .

די צרות פון אברהמען האָבן אים מער צעבראָכן ווי אברהמען אַליין. ער האָט שוין פיל ניט געקענט גיין און האָט שוין ניט גוט געהערט. די אויגן האָבן אים אויך גענומען וויי־טאָן . . . ער פלעגט אַ סך מאָל טראַכטן, אַז דער סוף איז צו אים שוין געקומען . . . דער סוף פון דעם גאַנצן לעבן . . . ער פלעגט פילאָזאָפירן:

— דער זייגער וועט באַלד בלייבן שטיין! . . .

נאָר אים האָט ניט געאַרט. זיין אַרבעט, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען, איז געווען צום סוף, און ער איז אויף אַלעם געווען גרייט . . .

ער האָט געהערט ווי אימעצער רופט, אָבער ער איז געווען פאַרטיפט אין זיין טראַכטן . . . ער האָט דערפילט, אַז אימעצער האָט אים אַ שטופּ געטאָן. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָג אין זייט און אַ צעטומלעניש אין מוח . . . אַ קרעכץ האָט פון אים זיך אַרויסגעריסן און ווייטער האָט ער ניט געדענקט און ניט געהערט . . .

ער האָט זיינע אויגן געעפנט און פאַר זיך דערזען מענטשן אין ווייסן אָנגעטאָן. ער האָט געקרעכצט. אַ שניידנדיקער ווייטאָג האָט אַרומגענומען זיין גאַנצן קערפּער . . . ער האָט געפילט, אַז ער קען ניט אָטעמען און קען ניט רעדן . . . ער האָט גערעדט מיט די געדאַנקען און די געדאַנקען זיינען ביי אים פאַרקילט געוואָרן . . .

אימעצער איז צו אים צוגעגאַנגען און נאָכגערעגט ביי אים זיין נאָמען און דעם אַדרעס וואו ער וואוינט . . .

מאַקאַרקאַ האָט ניט געקענט ענטפערן. ס'איז אים געווען שווער צו ריידן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און אין האַרצן האָט געכריפּעט . . . ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל פאַרשרייבן וואָס ער וויל.

די קראַנקען־שוועסטער איז צוגעגאַנגען און האָט פאַרשריבן זיין נאָמען און וואו ער וואוינט. אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט גיט ער איבער צו אברהם ציטלין.

מיט צוויי שעה שפּעטער האָט מאַקאַרקאַ פאַרשלאָסן זיינע אויגן אויף אייביק. דער מלאך־המות פון ציוויליזאַציע — אַן אויטאָמאָביל — האָט אים דערהרגעט . . .

דרייצנטער קאַפּיטל

אין מאָרג זיינען געקומען הונדערטער מענטשן צו זען מאַקאַרקאַן.

לידאַ און לייצע זיינען געפאַלן אין חלשות, ווען זיי האָבן דערזען דעם טויטן קערפּער פון מאַקאַרקאַן. זיין קאָפּ איז געווען פאַרבונדן מיט באַנדאַזשן.

ווען מען האָט זיי אָפּגעמונטערט, האָט מען לידאַן דערציילט, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן פון אַ קאַר . . . פון אַ גרויסן רייכן אויטאָמאָביל . . .

אברהם האָט פון זיין טויט ניט געוואוסט, ווייל דאָס וואָלט אים אינגאַנצן צעבראָכן, און עס איז געבליבן ביי אַלעמען, אַז מען זאָל אים גאָרניט דער־ציילן . . .

נאָך מאַקאַרקאַס וואונטש, האָט מען זיין קערפּער פאַרברענט . . .

און אַזוי האָט אָפּגעלעבט אַ פויער אַ לעבן אין קליינע שטעט און דערפער ביז ער איז געקומען אין דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט און איז דער־הרגעט געוואָרן . . . און נאָר וואָס פון אים איז איבערגעבליבן — אַ טעפּעלע אַש ! . . .

די רעאַקציע האָט גענומען הערשן אין אַמעריקע. דער „קו קלוקס קלען" האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אונטער מאַנטל פון פּאַטריאָטיזם איז ער באַגאַנגען די גרעסטע אומרעכטן קעגן געזעץ און קעגן דער קאָנסטיטוציע . . .

זיי האָבן מענטשן געמאָרדעט, געהאַנגען, פאַרברענט, איינגעשמירט אין

סמאַלע און באַשאָטן מיט פעדערן, אַזוי מענער, ווי פרויען . . . ראַדיקאַלן אַרויס־געשיקט צעהרגעטע, צעביילטע. קיין מענטש איז אין יענער צייט פון זיי ניט געווען זיכער און, אונטער דעם אויסרייד פון באָלשעוויזם, זיינען זיי באַפאַלן רעדאַקציעס, בוך־געשעפטן, רעסטאָראַנען, געבראָכן, געריסן און געגעבן קלעפּ . . .

דער קו־קלוקס־קלען איז געוואָרן נאָך אַ שווערערע געזעץ־ברעכערישע באַנדע, ווי די שוואַרצע־מאה׳דיקע רוסן זיינען געווען אין רוסלאַנד . . .

אויף וועמען זיי האָבן געוואָרפן אַן אויג, און אויב ער, אָדער זי, איז זיי ניט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי די יעניקע שוין געגעבן דעם וועג מיט סטראָשונקעס אָדער מיט טאָטן . . . דאָס הייסט מיט קלעפּ.

אונטער די „הוטן״־מאַסקעס האָבן אַ סך פאַרברעכער זיך געפונען באַשיצט. די לעצטע האָבן פאַר זיי געטאָן, ווי מען רופט עס אין אַמעריקע: „דהי דוירטי וואָירק״! . . .

דאָס געזעץ האָט גאָר ווייניק מיטלען אָנגענומען קעגן זיי. דער שרעק פאַר באָלשעוויזם האָט אַלעמען משוגע געמאַכט! . . . מען האָט שוין געמיינט, אַז אָט קומען די באָלשעוויקעס און פאַרכאַפּן אַמעריקע; פירן דאָ איין דעם באָלשעוויזם, און אַ סוף . . .

אָ, ניין, אַמעריקע קען ניט ווערן באָלשעוויסטיש . . . דאָ איז דער אַרבעטער אַליין אַ שטיקל באַלעבעסל, מיט קאַפּיטאַליסטישע געדאַנקען, מיט אַ פולן מאָגן, מיט אויטאָמאָבילן, מיט אַ רייכן לעבן, וואָס ווילן, אַז מען זאָל דעם אימיגראַנט טאָקע ניט אַריינלאָזן: טאָמער וועט יענער אָפּבייסן אַ שטיקל ברויט פון זיין גרויסן לעבל־ברויט . . .

אַ זאַטער, אַ צופרידענער קען ניט טראַכטן וועגן באָלשעוויזם . . . אַ גאָמפערס וועט זיך אויפהייבנגען איידער שטיין אונטער אַ רויטער פאָן . . .

אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם אַלעם? מען האָט דערזען פאַר זיך אַ פעטן ביסן און מען האָט אָנגעמאַכט אַ געטומל. פּראָוואָקאַטאָרן, שפּיאָנען און גלאַט גענגסטערס האָבן געזען, אַז מען קען קריגן אַ שטעלע ביי דער רעגירונג, האָט מען אַליין פּראָדוצירט באָמבעס און פּראָקלאָמאַציעס, כלומרשט, אַז דאָס זיינען באָלשעוויסטישע, און די רעגירונג האָט אָנגעשטעלט שטאַרקע פאַר שפּיאָנען, וואָס דאָס האָט געמיינט מער קלעפּ־געבער ווי גערעכט־זוכער . . . און די האָבן געזען, אַז זיי זאָלן האָבן אַרבעט . . . זיי האָבן פּראָדוצירט אין געהיים כל׳ערלייע פאַלשע דאָקומענטן פון דער רויטער געפאַר . . . דאָס פּייער מער און מער צעברענט . . .

ווער עס האָט נאָר געזאָגט אַ גוט וואָרט פאַר רוסלאַנד, דער איז גערופן געוואָרן „באָלשעוויק״ — אַ רויטע געפאַר, הייסט עס. מען האָט אים פאַרפאָלגט, אָדער אַרעסטירט . . . פילע האָט מען פון לאַנד אַרויסגעשיקט . . . און צעבראָכען פאַמיליעס, און באַסטאַ! . . .

די באָלשעוויקעס האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער וועלט מיט זייער שליסן אַ שלום . . . זייער אויפטו פאַר דער וועלט איז מער ווי די פון אַמעריקע מיט איר הילף צו די עלייעס . . . ווייל די באָלשעוויקעס האָבן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע פאַראַליזירט די דייטשע אַרמיי! . . .

די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע פאַר שלום, פאַר לעבן, האָט פאַראַליזירט די דייטשע אַרמיי . . . די אַרמיי האָט זיך מער ניט געוואָלט שלאָגן . . . זיי האָבן געוואָלט לעבן . . . זיי האָבן אין דעם רוסישן שונא דערזען אַ פריינט,

אַ זיכערן, מיט פרייהייט! . . . זיי האָבן פיל געלערנט פון רוסלאַנד מכוח הלכות־רעוואָלוציע . . .

דער קייזער האָט עס דערשמעקט, אַז די שטריק פאַרציט זיך ביסלעכווייז אַרום זיין האַלדז . . . און ער האָט זיך גענומען אַפּטראָגן . . .

ער האָט אָפּגעדאַנקט, ווי דער רוסישער צאַר. אויך ער, דער צאַר, האָט זיך אויך גיך אָפּגעטראָגן.

דאָס דייטשע פאָלק האָט פאַרלאַנגט שלום . . . שלום אונטער יעדן פּרייז, און זיי האָבן אַוועקגעלייגט די וואָפן, וואָס עס זאָל ניט זיין . . . וואָס עס זאָל זיי ניט דערוואַרטן! . . .

די וועלט איז משוגע געוואָרן פון פרייד! . . .

וואָפן־שטילשטאַנד איז דערקלערט געוואָרן! . . .

אַ צויבער־וואָרט איז דאָס געווען . . . מענטשן האָבן פאַר פרייד געוויינט און געטאַנצט אין די גאַסן . . .

אַלעמען האָט די פרייד אַרומגענומען: מוטערס, פאָטערס, ברודער, שוועס־טער . . . עס האָבן זיך געפרייט אַזעלכע, וואָס האָבן קיינעם ניט געהאַט אין דער מלחמה, און מיטן שלום וועט מען שוין קיינעם פון זייערע באַענטע ניט אַוועקנעמען, צו שיקן אין פייער; אַנדערע האָבן געוויינט אויף זייערע פאַרלוי־רענע זין אָדער ברידער . . . אויף דער גאָרער וועלט . . .

דייטשלאַנד האָט דורך איר פאַרלירן אויך אַ סך געוואונען: זי איז פּטור געוואָרן פון איר גרעסטן שונא, דעם קייזער . . . ער, דער פון גאָט אַליין גע־גאַלבטער דעספּאָט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „סופּער־מאַן“, האָט גע־וואָלט באַזיגן די וועלט, און ער ליגט איצט אונטערן קנאַפּל . . . יאָ, אַ באַ־זיגטער, ווי זיין גאָט — מאַרס! . . .

— ווי שווער עס זאָל אייך ניט זיין דער יאָך, דייטשן — די צוקונפט וועט אייך באַלוינען . . . ווייל איר זייט פרייע בירגער, וואו יעדער פון אייך קען דערגרייכן דאָס, וואָס ער וואָלט פריער ניט געקענט . . . ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן אין יענער צייט, אַז אַ היטלער וועט קומען: ימח שמו וזכרו! . . .

גאָלדענע און זילבערנע שטערן. דער סימבאָל פון גאָלד און זילבער . . . ווער האָט דאָס צוגעטראַכט? — אַ טייוול־וויץ . . . פאַר די טויטע און פאַר־וואונדעטע סאָלדאָטן . . .

מען האָט אָנגעפאַנגען ברייגנען קיין אַמעריקע די פּרוכט פון דער מלחמה: צעקריפּלטע, אָן הענט און אָן פיס . . . שטיקער פלייש אויף דעם אָרט, וואו עס איז פריער געווען אַ פּנים; בלינדע, טויבע, משוגענע . . .

— צוליב וואָס איז דאָס אַלץ נויטיק געווען? — האָבן אַ סך געפרעגט. — וואָס האָבן מיר אויפגעטאָן פאַר דעם? — — —

— דעמאָקראַטיע! . . .

— אַ ליגן! — — —

— גערעטעוועט די וועלט! . . .

— אַ גרעסערער ליגען! — — —

די רעאַקציע האָט ניט דערלאָזן דעם דענקענדן מענטשן אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען, ניט אין רעדן, ניט אין שריפטן! . . .

נאָכן וואָפן־שטילשטאַנד האָט די רעאַקציע געקערט וועלטן, נאָך מער ווי בעת דער מלחמה . . .

ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן האָט מען פאַרפאָלגט פאַר באָלשעוויקעס . . . פאַר געזעצלאָזע בירגער . . . יעדער לומפּ האָט זיי געקענט שלאָגן, באַליידיקן, און אַפילו דער טויט האָט פילע געטראָפן.

דער „פייער־צלם" האָט זיי געזאָגט, אַז דער מיטלאַלטער האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַמעריקע, און אַז דער „הוט" און טערקוואָמאַדוס זיינען געגאַנגען אין איין וועג . . .

די צעקריפּלטע סאָלדאַטן האָט מען פאַר דער וועלט ניט אַרויסגעוויזן: מען האָט זיי אויסערן שטאָט באַזעצט — זאָלן זיי זיך ניט צופיל וואַרפן אין די אויגן. דער קאַפּיטאַליזם האָט דאָ אין דער הינזיכט געהאַט זיין באַגריף, אַז די פאַרקריפּלטע זאָלן זיך ניט ווייזן אין די אויגן . . . דאָס פאָלק קען נאָך קומען צום פאַרשטאַנד און אָנהויבן פרעגן קשיות . . . און אויגן האָבן אַ טבע — זיי עפענען דעם מוח . . .

די רייכע אַמעריקע קען זיך פאַרגינען אויסצוהאַלטן אַ הונדערט טויזנט סאָלדאַטן, אָבער אייראָפּע, וואו דער דלות שלאָגט פון אַלע ווינקעלעך — דאָרט זעט מען זיי, די פאַרקריפּלטע, אויף שריט און טריט! . . . דאָרט זיינען איצט די רעגירונגען באַנקראָט — צעטראָטן, בעטלערס! . . .

דאָרט וואו די אָרעמקייט הערשט, פרעגט מען ניט קיין קשיות . . .

דאָרט קען מען די אויגן ניט פאַרבלענדן . . . דאָרט, אין רוסלאַנד, האָט מען זיי געזען אויף שריט און טריט . . . און דער צאַר האָט דערפאַר באַצאָלט! . . .

מען האָט אויך געזען אין דייטשלאַנד, און דאָס מיינט, אַז דאָרט קען אַ רעוואָלוציע קומען . . . און פאַרבלייבן . . . און דער קייזער האָט דאָרט אויך באַצאָלט . . .

(סוף פון צווייטן טייל)

דריטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

— פאַרוואָס קומט ניט מאַקאַרקאַ? — האָט אברהם געפרעגט ביי לידאַן. זי האָט אים גלייך ניט געענטפערט.

— ער איז מסתמא פאַרנומען מיט זיין שרייבן.

קומענדיק אַהיים, האָט זי פאַר זיך ניט געפונען קיין אָרט . . . ווי זאָל זי אברהמען דערציילן פון דעם אומגליק מיט מאַקאַרקאַן? . . . זי האָט ביי קיינעם קיין עצות ניט געפרעגט און קיינעם ניט דערציילט, אַז אברהם בענקט נאָך מאַקאַרקאַן . . . און אַזוי זיצנדיק איז צו איר געקומען דער געדאַנק: זי וועט אים שרייבן, אַז מאַקאַרקאַ איז קראַנק געוואָרן און מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים צווייפלען צי ער וועט די קראַנקהייט אַדורכטראָגן צוליב זיין גרויסער עלטער . . .

זי האָט דאָס באַשלאָסן צוליב איין זאַך: צוצוגרייטן אים צו דעם טויט פון מאַקאַרקאַן . . .

— עס וועט אים אַזוי אַרום גרינגער זיין איבערצוטראָגן די טרויעריקע ידיעה וועגן מאַקאַרקאַס טויט.

און לידא האָט געשריבן אברהמען אַ בריוו, ווי זי האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט.

אברהם איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ משוגענער. עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט נאָך פריער:

— מאַקאַרקאַ האַלט ביים שטאַרבן און ער קען ניט שטיין ביי זיין בעט און זען זיין טויטן פּנים . . . ער וועט אַפילו ביי זיין לויה ניט קענען זיין . . .

אַ שווינדל אין קאָפּ איז אים געוואָרן פון טראַכטן. זיין אָפּגעשוואַכטער קערפּער האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט דערפילט אַ שפּל'דיקייט און ער איז אומגעפאַלן . . .

אַזוי איז עס תמיד געווען מיט אברהמען: ער האָט זיך קיינמאָל ניט גע־וואָלט אונטערגעבן . . . דאָס איז געווען זיין כאַראַקטער — אַ רעוואָלוציאָנער, ביז די פיס זיינען אים געפאַלן אונטער זיין גוף . . . ביז ער האָט זיך געמוזט לייגן אין בעט.

ער האָט געטראָגן אַ קליינעם בלוטשטורץ. מען האָט אים געמוזט צונעמען אין שפּיטאָל.

דער בלוטשטורץ איז געקומען פון זיין האַרץ און ניט פון די לונגען, ווי די דאָקטוירים האָבן פריער געדענקט . . .

ער האָט געדאַרפט שטילע רו; ער האָט דאָס אָבער איצט ניט געקענט האָבן, ווייל מאַקאַרקאַ האָט זיין מוח פאַרנומען און האָט זיין קראַנק האַרץ און זיין לעבן געשטעלט אין געפאַר.

לידאַן האָט שוין פאַרדראָסן אויף איר בריוו, וואָס זי האָט אים געשריבן, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפן, זי האָט דאָס געמוזט טאָן, ווייל ער האָט דאָך איר אַלע מאָל געפרעגט אויף מאַקאַרקאַן: פאַרוואָס קומט ער ניט? . . . וואָרום קומט ער מיך ניט זען? . . .

איצט האָט איר פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט אים ניט געזאָגט, אַז מאַ־

קארקא איז אַרעסטירט געוואָרן און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד . . . דאָס וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך . ' . .

היינט, אַז אברהם האָט איר געפרעגט: וואָס מאַכט מאקארקא? האָט זי געענטפערט, אַז ער בעסערט זיך . . .

— מאקארקא וויל, אַז דו זאָלסט זיך ניט ערגערן וועגן אים, — האָט זי אים געזאָגט . . . — ער וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיך ערגערן און קלערן צופיל וועגן אים . . .

איינמאָל, אַז אברהם האָט דאַן שוין געפילט גוט און איז אַרומגעגאַנגען צו ביסלעך, האָט זיך אים געחלומט אַ שרעקלעכער חלום.

ער האָט געזען מאקארקאן . . .

אָבער ווי נאָר ער האָט אים דערזען, אַזוי גיך איז ער פון זיינע אויגן אַנטלאָפן און פאַרשוואונדן . . . ניט געוואָרן! . . . .

אברהם האָט אים געזוכט . . . אָט זעט ער אים לויפן פון איין וועג צו אַ צווייטן . . . אָט האָט ער אים געזען און ער קען אים ניט געפונען . . . ער רופט אים ביים נאָמען און זיין האַרץ קלאַפּט אים פאַר שרעק . . .

און אַזוי לויפנדיק האָט אברהם דערזען פון דערווייטן אַ געשטיי פון מענטשן און אַן אַמבולאַנס . . .

אברהם האָט זיך אַריינגערוקט צווישן די מענטשן, אַ קוק געטאָן, וואָס דאָרט איז געשען, און ער האָט דערזען מאקארקאן, מיט אַ צעקלאַפּטן קאָפּ. בלוט האָט זיך געגאָסן פון אים, און צווישן זיינע קרעכצן האָט זיך דערהערט זיין קול, רופנדיק אין רוסיש: „אַבראַשקאַ! . . . אַבראַשקאַ! . . .“

אברהם איז צו אים צוגעפאַלן מיט ווילדע געשרייען:

„מאקארקא, מיין מאקארקא! . . . ווי, וואָס? . . . ווי אַזוי? גאָט — מאַקארקא! . . .

— ניט וויין, מיין קינד, עס מאַכט ניט אויס . . . איך האָב מיין בוך געענדיקט . . . דו וועסט עס אַרויסגעבן? זאָגסט מיר צו, אַבראַשקאַ? . . . דאָס געלט איז צוגעגרייט . . . עס איז גוט אַזוי . . . יאָ, עס איז גוט אַזוי . . . אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין . . . בעסער פאַר מיר . . . ניט וויין, מיין קינד, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן . . .

די דאָקטוירים האָבן אים באַנדאַזשירט און צוגענומען אין שפּיטאָל . . .

אברהם איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן . . . און מאקארקא האָט אין עטלעכע מינוטן שפּעטער זיינע אויגן פאַרמאַכט . . .

אברהם האָט געוויינט . . . זיין האַרץ האָט אים געריסן, ווי מען וואָלט דאָרט געשטאָכן מיט מעסערס.

ווען ער האָט דערוואַכט, האָט ער זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון עטלעכע דאָקטוירים. אַ שוויס האָט זיך פון אים געגאָסן און ער האָט שווער געאָטעמט . . .

— ער איז טויט?! — האָט ער געפרעגט די דאָקטוירים. — ער איז טויט, יאָ? . . .

— ווער איז טויט? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— מאקארקא, — האָט ער געענטפערט, און געוויינט.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט.

— עס האָט זיך אייך געחלומט, — האָבן זיי געזאָגט.

— ליגט רואיק, — האָבן אים די דאָקטוירים גע'עצה'ט.

ווען לידא האָט אים באַזוכט האָט ער אַ זאָג געטאָן:
— מאַקאַרקאַ איז טויט! — און האָט זיך צעוויינט.
זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:
— ווער זאָגט עס?
— דו ווייסט, אַז ער איז טויט... דו באַהאַלטסט פון מיר!...
— דו רעדסט זיך איין...
— ניין, טייערע, — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן — איך האָב אים שוין באַוויינט. ער איז צופרידן... ער האָט זיין לעבנסווערק פאַרענדיקט, האָט ער מיר געזאָגט...
לידא האָט אויף אים געקוקט און געשוויגן. — ווי אַזוי ווייס ער, אַז ער האָט זיין ווערק פאַרענדיקט?

אַרום תפיסה זיינען פול געווען מיט רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפירערס, און אַפילו „מואווינג־פּיקטשור" מאַשינען און הונדערטער אויטאָמאָבילן פון פריינט און פיינט פון אברהם צייטלין.
צען אַזייגער אין דער פרי וועט אברהם צייטלין פריי און אַלע וואַרטן אויף אים... אָנקוקן דעם מאַרטירער — פאַר פריינט, און דער שנאה, פאַר אַזוינע ווי די „קו־קלו־קלעניקעס", און נאָך אַזעלכע.
אויסגעשטעלט פון אַלע זייטן זיינען געשטאַנען די פאָטאָגראַפירערס, פאַרטיק אַרונטערצוכאַפּן אים ווי גיך זיי וועלן אים נאָר דערזען... ווי ער וועט זיך נאָר באַווייזן. און הויך אויף אַ גרויסן טראַק איז געשטאַנען די „מואווינג־פּיקטשור"־מאַשין, אויך פאַרטיק צו דער אַרבעט; די רעפּאָרטערס מיט בליי־פעדערן אין די הענט האָבן אויך געוואַרט, פאַרטיק אָנצוואוואַרפן זייער באָאָבאַכטונג פון אברהם צייטלין.
אברהם האָט זיך באַוויזן אין דער באַשטימטער צייט. ער האָט זיך צעקושט מיט לידאַן און מיט דעם קליינעם זון ליאָ. ער האָט אים געדריקט צו זיין קראַנק האַרץ.
אַ טרויעריקן שמייכל האָט ער געהאַט צו אַלע רעפּאָרטערס און צו די אויסגעמישטע אויסגעשרייען פון זיינע פיינט און פריינט...
ער האָט צו קיינעם ניט גערעדט, איז אַריין אין אַ אויטאָ, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט און איז אַוועק אַהיים. געציילטע פון זיינע פריינט האָט מען צו אים צוגעלאָזן. ער האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט רעדן וועגן זיינע ווייטערדיקע פּלענער. ער האָט געוואָלט רו... און זיין לעבן, זיין ווייב און קינד.
די פילע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען, האָט לידא פריער געלייענט, און בריוו, וואָס זיינען ניט וויכטיק געווען, האָט זי אַליין געענטפערט, אָדער גאָר־ניט געענטפערט, ווי איר פאַרשטאַנד האָט איר דיקטירט.
לידא האָט שווער געאַרבעט, אָבער זי האָט עס געטאָן מיט ליבע, מיט איבערגעבנקייט, אַבי צו העלפן אברהמען... זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט פאַר אים, אַז זי איז מיד!
לייצע האָט איר פיל געהאָלפן.
ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבןביידע פרויען געלייענט און געשריבן ענטפערס, כדי אברהם זאָל רוען.
אַזוי זיינען אַוועק צוויי וואָכן.
אברהם איז געקומען צו זיך, אָבער דער הוסט האָט אים ניט פאַרלאָזן. ער

האָט באַקומען אַ כראָנישן הוסט, וואָס פלעגט פאַרגיין, ווי אַ קייכהוסט . . .

ווען דער הוסט איז אים באַפאַלן, פלעגט ער הוסטן דריי אָדער פינף מינוטן, ביז ער פלעגט אָנכאַפּן דעם אָטעם. דער הוסט האָט אים אָפּגעטריבן פון געזעלשאַפט . . . ער האָט זיך פאַרשעמט. ווען ער פלעגט זיך פאַרהוסטן, פלעגט ער קרעכצן מער פאַר שאַנדע, ווי פאַר שמערצן . . . דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז דער הוסט וועט פון אים אַוועקגיין ווען ער וועט אַוועק אויף עטלעכע מאָנאַטן אין „קאַנטרי". זיי זאָגן, אַז דאָס איז אים געקומען פון דעם קוילן־שטויב, וואו ער האָט געאַרבעט אין תפיסה.

לידא האָט אין קאַנטרי גענומען אַ קליינע באַנגאַלאָו פון דריי צימערן. זיי האָבן זיך אַהין אַריבערגעקליבן.

לייצע האָט זייער געוויינט, ווען לידא האָט זיך מיט איר געזעגנט. איר האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען אויף דער גוטער לידאַן. ווי דער שלים־מזל יאָגט זיך נאָך איר און גיט איר קיין רו ניט . . .

די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין אַמעריקע, האָט זי געוואוינט ביי די צייטלינס, און איצט האָט זי געמוזט זיך איבערקלייבן אין אַ צימער ביי פרעמדע מענטשן . . .

לידא האָט זי געטרייסט, אַז אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום וועלן זיי צוריקקומען קיין ניו־יאָרק . . . און זי וועט צוריקקומען לעבן מיט זיי ווידער צוזאַמען.

אין קאַנטרי האָט לידא געדאַרפט שלעפּן וואַסער עטלעכע בלאָק פון באַנגאַלאָו, ווייל עס איז געווען אַן אַלטע באַנגאַלאָו אויף אַ הויכן באַרג אין די „מאָונטיינס", ביי אַן אַלטן פאַרמער, וואָס האָט גאָר קיין „אימפּרואוומענטס" ניט געהאַט, אַלץ פּרימיטיוו.

אייגנטלעך איז דאָס ניט געווען קיין באַזונדערע באַנגאַלאָו, נאָר אַ שטיק פון דעם פאַרמערס איינצימערדיק הויז, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ ווענטל . . .

לידא האָט איר קאַנטרי־וואוינונג באַהייצט מיט האָלץ. אַ נאַפט־לאָמפּ האָט געדינט אויף צו באַלייכטן — אָט ווי אין דערהיים אין רוסלאַנד . . .

אברהם האָט זיך דאָ טאַקע גענומען פילן בעסער . . . ער פלעגט יעדן טאָג אַרומגיין אויף אַ פּאָר שעה . . . עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער וואַלד, וואָס האָט פאַרנומען מער ווי הונדערט אַקער . . . פלעגט אַזוי אַרומגיין טראַכטן, טרוימען, אָנקלייבן געדאַנקען און פלעגט זיי אָנוואַרפן אויף פּאַפּיר.

געווען איז דאָס אַרום מערץ, ווען זיי זיינען אַהין אָנגעקומען. דער שניי איז געווען זייער טיף און האָט געקנאַקט אונטער די פיס, ווי סקריפּנדיקע שיך.

אברהם האָט זיך דערמאָנט אָן רוסלאַנד, אָן די טיפע שנייען . . . אין ניו־יאָרק האָט ער דאָס ניט געזען, ווייל אין עטלעכע שעה שפּעטער, נאָכדעם ווי אַ שניי לייגט זיך אָן, כאַפּט מען אים צו פון דער גאַס, ער פאַרשווינדט אויף וועגענער, און ווידער אַ האַרטע, שטיינערנע ערד . . .

אברהם פלעגט מיטנעמען דעם קליינעם ליאָן, און זיי פלעגן ביידע מיטנעמען דעם פאַרמערס גרויסן „קאָלי"־הונט, זשיפּי, און אַרומקריכן אין דעם שנייאיקן וואַלד. אַהיימקומען פלעגן זיי מיט רויטע אָפּגעפרוירענע באַקן און מיט גוטע אַפּעטיטן צום עסן . . .

אין קאַנטרי האָט אברהם געגעסן דריי מאָל אַזוי פיל ווי אין שטאָט. און לידא פלעגט אַלע ווייליע אים אונטערטראָגן אַ גלאָז פרישע מילך, אַ פרישׁ איי

אויסצוטרינקען . . . זי האָט אים קיינמאָל ניט געפרעגט, צי ער וויל וואָס עפּעס, נאָר זי האָט אים צוגעטראָגן, אים געהייסן עסן אָדער טרינקען.

איינמאָל האָט אברהם אויפגעבויט אַ שליטל און, ווי אַ קינד, האָט ער זיך געלאָזן באַרג־אַראָפּ, און זיין קלענער זון ליאָ האָט געקוואַלן ווי דער גרויסער טאַטע לאָזט זיך אַראָפּ פון באַרג און פאַרשווינדט ווייט, ווייט הינטערן שטאָל, וואו מען האַלט די בהמות . . . און שפּעטער געטאַנצט פאַר פרייד, ווען ער האָט געזען דעם פאָטער ווידער אַרויפקומען אויפן באַרג, איינגעשמירט אין שניי . . .

לידא האָט זיך איינמאָל אַרויפגעזעצט פון הינטן אויפן שליטל, האַלטנדיק זיך אָן אברהמען, און זיך צוזאַמען מיט אים אַראָפּגעגליטשט פון באַרג . . . דאָס שליטל האָט זיך איבערגעקערט. אברהם איז געבליבן ליגן אונטן, לידא אויף אים און דאָס שליטל אויף זיי ביידן . . . האָט ליאָ זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און זיך אַ לאָז געטאָן גליטשן באַרג־אַראָפּ און זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין אברהמען מיט לידאן. דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי פּלוצלינג און מיט אַזאַ האַסט, אַז אַלע דריי האָבן זיך צעשפּרייט אויף באַזונדערע ערטער.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך אויפגעהויבן און אַ כאַפּ געטאָן דעם קליינעם ליאָן, איינער פאַר די הענט, דער אַנדערער פאַר די פיס, אים אַריינגעוואָרפן אין אַ הורבע שניי און אַלע האָבן זיך גליקלעך צעלאַכט . . . און ליאָ האָט גאָר ווי אַ פוקסל אויף אַלע פיר זיך צוגעשאַרט צו די עלטערן. לידא האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, צוגעפּרעסט אים צו איר ברוסט און אים באַדעקט מיט קושן . . .

צווייטער קאַפּיטל

פאַר די צוויי וואָכן, וואָס אברהם איז געווען אין דער קאַנטרי, האָט אים פיל גוט געטאָן. ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט די געשעענישן פון טאָג. ער האָט גענומען לייענען עטלעכע שעה יעדן טאָג. האָט אויך צוביסלעך געשריבן. ער האָט זיך אויך גענומען איבערקוקן מאַקאַרקאַס שריפטן.

אברהם האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּוואונדערן, ווי שיין ס׳האָבן געקלונגען די פּראָסטע ווערטער פון דעם אומוויסנדן פּויער: אַ טאַלאַנט! . . . וואָכן האָט געדוירט פאַר אים איבערצולייענען און רעדאַקטירן דעם ערשטן טייל, וועלכער פאַרנעמט איבער טויזנט זייטן . . . אָבער אברהם האָט עס געטאָן מיט ליבשאַפט, מיט פאַרגעניגן . . .

ער האָט אייגעלאַדן איינעם פון די גרעסטע בוך־פאַרלעגער און מיט אים פאַרהאַנדלט וועגן אַרויסגעבן די ביכער.

עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן צום דרוקן דער ערשטער טייל פון דעם ווערק. דורך דער צייט, וואָס דער ערשטער טייל איז געדרוקט געוואָרן, האָט אברהם צוגעגרייט אַ צווייטן טייל, און אַזוי אין אַ קאַרג יאָר איז דאָס גאַנצע ווערק פאַרטיק געוואָרן. אַלע 4 טיילן זיינען דערשינען, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן צוזאַמען ביי אַ קאַרגע 5 טויזנט זייטן.

סעפּטעמבער־צייט, ווען אברהם האָט פאַרלאָזן די קאַנטרי, איז דער ערשטער טייל פון די פיר ביכער פאַרטיקע געוואָרן.

— דאָס איז אויסגעטראַכט, — האָבן אַ סך קריטיקער געשריבן.

מאַכט אַ סענסאַציע, ווי דער ענגלישער בוך־אַרויסגעבער האָט דערוואַרט. די פּרעסע האָט ניט געקענט גלויבן אַלצדינג, אַז דאָס האָט געשריבן אַ פּויער און אַז דאָס אַלץ איז מעגלעך געווען אין לעבן . . .

— דאָס איז אויסגעטראַכט, — האָבן אַ סך קריטיקער געשריבן.

— דאָך האָבן זיי צוגעגעבן, אַז דאָס בוך איז אַ געווינס פאַר דער ליטע־ראַרישער וועלט . . . אויב ס'איז אמת אָדער ניט!

איבער הונדערט טויזנט קאָפּיעס האָבן זיך פאַרקויפט פון דעם ערשטן טייל פון דער ענגלישער אויסגאַבע . . .

די מאָראַל־היטער פון ניו־יאָרק האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, אַז דאָס בוך איז ניט מאָראַליש און פאַרפירט די יוגנט. ס'איז געוואָרן אַ געטומל . . .

מען האָט קאָנפיסקירט עטלעכע טויזנט ביכער. אָבער דער ריכטער האָט דאָס בוך גענליינט שוין פריער און האָט די קייס אַרויסגעוואָרפן פון געריכט. דאָס האָט נאָך מער אַנאָנסירט דאָס בוך, און ווען דער צווייטער טייל איז דער־שינען, איז ער נאָך מער צעכאַפּט געוואָרן ווי דער ערשטער, און אַזוי איז געווען אויך מיט דעם דריטן און פערטן טייל.

איבער אַ מיליאָן ביכער האָבן זיך פאַרקויפט פון די פיר ביכער איבערן יאָר . . . די אָריגינעלע רוסישע אויסגאַבע האָט זיך אויך פאַרקויפט אין די צענדליקע טויזנטער.

די גרויסע פּראָפיטן האָט אברהם אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד צו דער באָל־שעוויסטישער רעגירונג און די רוסישע רעגירונג האָט עס מיט דאַנק אָנגע־נומען . . .

דורך דער שווערער אָנגעשרענגטער אַרבעט איז אברהם ווידער קראַנק געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. די דאָקטוירים האָבן דאָס מאָל געזאָגט, אַז דאָס קומט פון די לונגען און אַז זיין לינקע לונג איז שטאַרק אָנ־געגריפן . . . די עצה איז געווען, אַז ער מוז גלייך פאַרלאָזן די שטאָט און ווידער גיין אין דער קאָנטרי, איבערהויפּט ער זאָל אויפהערן זאָרגן, און מען קען אים נאָך העלפן געזונט צו מאַכן.

לידא איז געווען אין טויט־שרעק פאַר אברהמס לעבן . . . איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָס וועט אַזוי גלאַט ניט אַוועק, ווי די צוויי פריערדיקע מאָל . . . דער אינסטינקט פון אַ מוטער איז ביי איר געווען, נאָך מער ווי פון אַ פרוי, ווי פון אַ געליבטער! . . . זי האָט געפילט, אַז איצט האָט זי אים נאָך מער ליב ווי פריער, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערקענט און זיך אין אים פאַרליבט . . . זי האָט געפילט, אַז איר גאַנצער גליק העננט אָפּ פון זיין לעבן . . . וואָס מער צרות זי האָט דורך אים געליטן, אַלץ מער האָט זי אים ליב געהאַט . . . איר ליבע איז געווען אַ צווייאיקע: אי אַ געשלעכטלעכע, ווי אַ פרוי, אי אַ פלאַטאָנישע, ווי אַ מוטער . . . און די מוטער־ליבע איז געווען שטאַרקער . . . ווי אַ מוטער האָט זי שטאַרק געזאָרגט פאַר זיין געזונט, פאַר זיין וואוילזיין . . .

בעת איז אַ געשלעכטלעכן פאַרקער מיט אים, אַפילו, אין אַזאַ צייט, איז זי אויך געווען מוטערלעך צו אים, ווייל זי האָט זיך כסדר באַמיט ער זאָל זיך צופיל ניט אָנשטרענגען און ער זאָל דאָך אויך זיין אַ באַפרידיקטער . . .

די לעצטע צייט האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן אויף רומאַטיזם און אויף זיין רוקן־ביין . . .

לידא האָט דאָס אויגעטייטשט, אַז דאָס קומט אפשר פון צו אָפט פאַר־קערן . . .

דער דאָקטאר האָט איר ווידער געהייסן וואָס גיכער אים צונעמען פון

שטאָט, אויב זי וויל אַז ער זאָל קומען צו זיך . . . ער מוז לעבן אין קאַנטרי!

לידא האָט זיך ניט צוגעהערט צו אברהמס פראָטעסטן, האָט זיך פאַר־פאַקט צו פאָרן אין קאַנטרי. זי האָט ווידער געקראָגן דאָס זעלבע הייזל ביים אַלטן פאַרמער און זיך אַריינגעקליבן אַהין.

דאָס איז געווען אין חודש אַפּריל. עס האָט דאַן גערעגנט און דאָס וועטער איז געווען זייער ניט גינסטיק פאַר אברהמען . . . דער רומאַטיזם האָט אים געמאַטערט און דער הוסט האָט אים געשטיקט. די נאַסע פרילינג־לופט האָט אים געמאַטערט. ער האָט געקראָגן אַ קליינעם שטענדיקן פיבער. און לידא איז געווען אין איין שרעק פאַרן פיבער . . .

אברהם האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. דערצו נאָך פלעגט ער ניט קענען שלאָפן . . . ער פלעגט זיך למשל אויפכאַפּן אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט און דערנאָך שוין ניט קענען איינשלאָפן ביז דריי אָדער פיר אַזייגער אין דער פרי . . . און אַזוי פלעגט ער ניט קענען שלאָפן יעדע נאַכט, ביז עס איז געקומען דער חודש מאַי . . .

דער חודש מאַי האָט געבראַכט אַן אַנדער וועטער . . . עס איז געוואָרן טרוקן. די ערד האָט געגרינט . . . בלומען האָבן זיך באַוויזן, ביימער האָבן גע־נומען בליען, די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט די אָנגעזאַפּטע ערד . . . די פייגל האָבן פאַרהילכט די לופט . . .

אברהם האָט זיך געפילט שוואַך, אָבער די זון האָט אים אויפגעפרישט, אויסגעוואַרעמט זיינע רומאַטישע ביינער . . . ער איז כמעט געזעסן דעם גאַנצן טאָג אויף אַ וויגשטול און זיך געוואַרעמט אונטער דער זון . . .

די שיינקייט פון דער נאַטור האָט צעוואַרעמט זיין פּאָעטישע נשמה און ער האָט אין זיך פילע לידער געדיכטעט . . . ניט אויפן פּאַפּיר. ער האָט בלויז געדיכטעט אין געדאַנק . . .

— לידעטשקאַ, — האָט ער די פרוי זיינע גערופן — טו מיר אַ טובה און פאַרשרייב מיר מיינע געדאַנקען . . . אַזוינע שיינע לידער . . . אַ שאָד, זיי זאָלן ניט פאַרשריבן ווערן.

— איך בעט דיך, אברהם, — האָט לידא זיך געבעטן — דו זאָלסט איצט ניט טראַכטן, ווייל דאָס מאַכט דיך נערוועז און אויפגערעגט . . . וואָרום פאָלגסטו מיך ניט?

— וואָס קען איך העלפן, — האָט ער געטנהט — אַז אַלץ איז אַזוי שיין, אַזוי רייצנדיק און ס׳קריכט אין האַרץ און אין מוח, צי די ווילסט צי ניט . . . — און ער האָט אַרויסגעזאָגט:

„זע, עס בליט, זע, עס שיינט, ס׳רייכט זיך די נאַטור.
די בלום, זי בליט אין פילע פאַרבן;
די וועלט ווערט ניי, די וועלט ווערט יונג —
ס׳איז שיין די וועלט — צו יונג צו שטאַרבן . . .“

לידא האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און אָפּגעווישט אַ טרער . . .

— זיי ניט אַזוי פּעסימיסטיש, מיין טייערער, — האָט זי געזאָגט — וועסט ווידער געזונט ווערן און מיר׳ן נאָך פאָרן דעם זומער קיין רוסלאַנד . . . שטעל זיך פאָר, — האָט זי פאַרגעזעצט — מיר׳ן פאָרן אין אַלע שטעט, וואו מיר זיינען אַמאָל געווען פאַר דער רעוואָלוציע, אַפילו סיביר וועלן מיר ווידער באַ־זוכן . . .

— וואו איך האָב מיין קראַנקהייט געקראָגן, — האָט ער סאַרקאַסטיש

געזאָגט. — זיסע דראַינערונגען . . . . יאָ, זיסע דראַינערונגען לייגסטו מיר פאָר . . .

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דו האָסט דאָרטן געקראָגן דיין קראַנקהייט? אפשר אין פעטערבורג, וואו דו ביסט געווען אַרעסטירט? אָדער ביים עטאַפּ? — האָט זי געזאָגט.

— דו ווייסט פאַרוואָס איך וויל לעבן? — האָט ער איר אַ פרעג געטאָן. — צום ערשטן, צוליב דיר און צוליב ליאָלען. איר זייט מיינע טייערסטע אויף דער וועלט . . . דו ביסט מיין מאַמע, מיין שוועסטער, מיין ווייב און מיין חבר, און אַז מען האָט אַזאַ אוצר ווי דו, ווי זאָל זיך וועלן פאַרלאָזן די וועלט? אַפילו די וועלט איז ניט קיין גוטע, ניט קיין שיינע . . . אָבער ווען איך קוק אויף דיר און טראַכט פון דיר איז מיר די וועלט ליכטיק און ליב . . .

— טראַכט ניט פון טויט, טייערער, — האָט זיך לידא געבעטן — דו טאָרסט ניט טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן! איך און ליאָלע דאַרפן דיך . . . אָבער ניט נאָר מיר, נאָר גאַנץ רוסלאַנד דאַרף דיך און בענקט נאָך דיר. מען דערוואַרט, אַז דו זאָלסט געזונט ווערן און זיך אומקערן צו זיי . . . דו וועסט און מוזט געזונט ווערן צוליב אונדז, צוליב אַלעמען . . .

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי מיד אָדער האָפנונגסלאָז, ווי איך פיל איצט, זייט מאַקאַרקאַס טויט . . . זייט ער איז געהרגעט געוואָרן, זע איך אים זייער אָפט אין חלום און ער טענהט מיט מיר איין, אַז דאָרטן איז ניט שלעכט, אַז דאָרטן איז אַ וועלט פון שלום . . . דער ענדציל פון אַלע קאַמפן! . . . די באַלויננג פאַר אונדזער נישטיקער וועלט, וואו מען דאַרף קעמפן פאַר יעדן טראָט, וואָס מען טרעט, פאַר יעדן שטיקל ברויט, און איבערהויפּט פאַרן אמת . . . מאַקאַרקא זאָגט, אַז קיין אמת אויף דער וועלט איז ניטאָ! . . .

— ווייל דו טראַכטסט פון אים, דערפאַר חלומט ער זיך דיר, — האָט לידא געזאָגט. — יעדן מענטש חלומען זיך אַזוינע זאַכן . . . און אפשר זיינען דאָס דיינע אייגענע געדאַנקען, וואָס וועבן זיך ביי דיר ביינאַכט? . . . „וואָס בייטאָג מען טראַכט, חלומט זיך ביינאַכט,“ — האָט זי געזאָגט.

— אָט הער זיך איין, — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן — נעכטן האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיר גייען זיך באָדן אין אַ טייך . . . וואו דער טייך איז ווייס איך אַליין ניט . . . און אָט באָדן מיר זיך. מיר לאַכן און מיט אַמאָל דערזעען מיר אַ וואונדערלעכע שיף פול מיט זעגלען אָנקומען. אויף דער שיף דערזע איך מיין טאַטן. דערנאָך דערזע איז מיין מאַמען . . . איך לאָז זיך שווימען צו דער שיף און פיל אַז די כוחות גייען מיר אויס, אָבער וואָס גיכער איך שווים, אַלץ ווייניקער דערגענטער איך זיך צו דער שיף. איך דערזע מרימען . . . זי שווימט צו דער שיף . . . זי האָט די שיף פריער דערגרייכט . . . דער טאַטע האָט זי אַרויפגענומען . . . און זי פרייט זיך און קושט זיך מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען, און איך וואַרף זיך און שווים און שטיי אויף איין אָרט . . . „לאָז מיך,“ זאָגט מאַקאַרקא, און ער הויבט אָן שווימען . . . און ער דערגרייכט די שיף . . . און ווי זיי האָבן זיך עס דערפרייט מיט אים . . און מיר ווילט זיך דערגרייכן די שיף און איך קען ניט . . . און שווים און שווים . . . און דו פון הינטן שלעפּסט מיך צוריק . . . און מרים האַלט אין איין לאַכן, נאָר מיט טרערן . . . עס גיסט זיך פון איר טרערן ווי וואַסער פון אַ קראַן . . . און פלוצלינג — די שיף איז פאַרשוואונדן מיט זיי . . .

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. דיין קאָפּ איז געלעגן אויף מיין ברוסט און איך האָב קוים געאָטעמט . . .

לידא האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און געזאָגט אין רוסיש: „טשעפּוכאַ!‟ נאַרישקייטן, הייסט עס. אָבער אין האַרצן האָט איר אַ ריס געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן מרימען . . .

— יאָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט — ווי איך פיל איז מרים אויך טויט . . . אָט דאָס איז געבליבן פון אונדזער פאַמיליע . . . — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און זיך צעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אָ, זיי ניט קיין נאַר, אברהם, נאַר דו רעדסט זיך איין זאַכן און דו גלויבסט אין חלומות . . . — אָבער אין זיך האָט זי געפילט, אַז יעדער חלום זיינער איז אמת . . .

— איך גלויב, אַז אַ חלום האָט צו טאָן מיט צוקונפט אָדער מיט פאַר־גאַנגענהייט . . . אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן האָב איך געזען אין חלום . . . אַפילו, אַז דו האָסט געדאַרפט ווערן מיין פרוי, האָט זיך מיר אויך געחלומט . . . אַז מאַקאַרקאַ איז דערהרגעט געוואָרן — און עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ וועגן מרימען . . .

— קום, מיר'ן עסן וועטשערע, — האָט לידא געזאָגט. — שוין צייט עסן. און זי איז אַוועק צוגרייטן דעם טיש.

דריטער קאַפּיטל

דער פאַרמער האָט געבראַכט צו די צייטלינס אַ בריוו „ספּעשל דעליווערי‟.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן, — האָט לידא אַ טראַכט געטאָן.

זי האָט דעם בריוו אויפגעעפנט פאַר זיך. אפשר דאַרף זי אים ניט וויזן אברהמען: אַ נייער אומגליק? זי איז שוין אַזוי געוואוינט צו אומגליקן, אַז זי דערוואַרט זיי שוין. ווער ווייסט? און אפשר אַ „סורפּרייז‟? . . . אויך אַ סור־פּרייז קען מען אברהעמען ניט וויזן מיט אַמאָל . . . זיין קראַנק האַרץ קען דאָס נאָך פאַרשאַטן.

לידא האָט אַלעמאָל ביי זיך אויסגערעכנט, וואָס עס קען אברהעמען פאַר־שאַטן אפשר! . . .

אין קיך, ביים צוגרייטן דאָס עסן, האָט זי דעם בריוו אַדורכגעלייענט. איר פּנים האָט אויפגעשיינט, און מיט אַ גליקלעכן שמייכל איז זי אַריין צו אברהמען.

— מיין מאַן, מיר גייען האָבן געסט.

אברהם האָט זיך דערפרייט.

— ווער גייט צו אונדז קומען? . . .

— וועסט קיינמאָל ניט טרעפן, — האָט לידא געזאָגט — אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט פאָרט טרעפן, — האָט זי אים ניט געוואָלט זאָגן.

אברהם האָט זיך באַמיט צו טרעפן. ער האָט דערמאָנט אַ צאָל נעמען פון באַקאַנטע שרייבער . . . אפשר זיינע פאַרלעגער? איינער האָט דאָך געוואָלט, אַז ער זאָל אים פאַרקויפן זיינע שריפטן, און זאָל נאָך פאַר אים שרייבן אַ בוך!... און אפשר איז גרישקאַ נאָך אים געקומען?

גרישקאַ האָט אים אַמאָל געשריבן, אַז אויב ער פאָרט ניט קיין רוסלאַנד, וועט ער צוריקקומען און מיט געוואַלד אים אַהין נעמען.

— איך וועט דיר, אַז איך וויס, — האָט ער געזאָגט צו לידאן.

— נו, לאָמיך הערן, — האָט זי זיך מיט אים גערייצט. — ווערסט ניט טרעפן . . .

— ווערסט זען, אַז איך וועל יאָ טרעפן!

— נו, ווער? . . .

— גריקאָ! ניט אמת? . . .

— ניין, ניט געטראָפן, — האָט זי קאָקעטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— ווער קען דאָס זיין? — האָט ער זיך ווידער פאַרטראַכט, און צום סוף אַ שמייכל געטאָן: — איך גיב זיך אונטער . . . כ'קען ניט טרעפן . . . זאָג, ווער איז עס?

— דאָקטאר לעווין. וועט דאָ באַלד זיין מיט קאַטיאַן און מיט זייערע צוויי קינדערלעך, — האָט לידא אויסגעזאָגט. נו, וואָלסט געטראָפן? . . . ער קומט, ער וויל זיך מיט דיר זען, איידער ער פאָרט אָפּ קיין רוסלאַנד.

— פאָרט דאָקטאר לעווין קיין רוסלאַנד? — האָט זיך אברהם געוואונ־דערט. — באַלד וועט רוסלאַנד איבערנעמען דעם פּלאַץ, וואָס אַמאָל האָט עס אַמעריקע פאַרנומען . . . כ'מיין, פרירער זיינען די רוסן געלאָפן פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, און איצט פאָרן די אַמעריקאַנער קיין רוסלאַנד . . . אַזוי איז עס דאָך . . . די צייטן בייטן זיך! . . .

— יאָ, אברהם, מיר וועלן נאָך אויך פאָרן, — האָט לידא געזאָגט. — ווערסט נאָר געזונט ווערן . . . איצט קום עסן, מיר'ן גיין דערנאָך באַגעגענען די געסט.

— זיינען זיי שוין אַרויסגעפאָרן? — האָט אברהם געפרעגט.

— געוויס. דערפאַר האָבן זיי געשיקט אַ „ספּעשל־דעליווערי"־בריוו . . .

מאַן און ווייב זיינען אַרויסגעגאַנגען און פון דעם זייער הויכן באַרג האָט מען פאַר מיילן ווייט געקענט זען די באַן־סטאַנציע.

— אַ באַן איז אָנגעקומען.

— מיט אָט דער באַן זיינען זיי זיכער געקומען, — האָט לידא געזאָגט.

— הייס דעם פאַרמער איינשפּאַנען זיין וועגעלע, — האָט אברהם געזאָגט.

— אויף זיין וועגל צו פאָרן איז ניט פאַר קיין געסט. עס וועט זיי די קישקעס אויסטרייסלען; זיי וועלן שוין נעמען דאָרט אַ מאַשין, — האָט לידא געזאָגט.

— אפשר זאָלן מיר פאָרן אַנטקעגן? — האָט אברהם אַ פרעג געטאָן.

— אָל־רייט, — האָט לידא צוגעשטימט. — וועל איך הייסן דעם פאַרמער גרייט מאַכן זיין וועגל.

אַברהם האָט איצט געטראַכט פון זיין קרענק; געפילט, אַז עס וועט אים זיין שווער אַרויסצוקריכן דערפון. און גראָד איצט וואָלט ער זייער געוואָלט זיין געזונט . . .

דער פאַרמער האָט נאָך דאָס וועגל ניט געהאַט פאַרטיק געמאַכט, ווען פון ווייטן האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער אויטאָמאָביל.

— אָט קומען זיי, — האָט אברהם אָנגעוויזן לידאַן אויף דעם אָנקומענ־דיקן אויטאָמאָביל.

דער פאַרמער האָט אַ שפּיי געטאָן מיט אַ פולן מויל שפּיי־טאַבאַק און האָט געגנומען שילטן:

— אַ וועלט געוואָרן מיט די אויטאָמאָבילן. דו האָסט ניט קיין צייט זיך אַ קער צו טאָן און זיי זיינען דיר דער טייוול ווייסט וואו . . .

ער האָט גענומען דאָס פערדל און עס צוריק אַריינגעפירט אין שטאַל.

לידא האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט קאַטיאַן און זיי האָבן זיך צעקושט. ד״ר לעווין האָט דערלאַנגט אברהמען זיין לאַנגע, גרויסע האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— חבר, מיר דאַרפן אייך! . . . זייט אַ מאַן! איר זייט פון דער קרוין פון רוסישן פאָלק. איר פאַרשטייט וואָס איך רעד צו אייך? . . .

זיי זיינען אַריין אין הויז.

לידא האָט צוגעגרייט עסן. ביים עסן האָט מען ווייניק גערעדט. נאָכן עסן זיינען אַלע אַוועק אין וואַלד. די קינדער האָבן זיך געשפּילט . . .

די לעווינס האָבן געהאַט צוויי מיידעלעך,ביידע געראָטן אין דער מוטער: שיינע, בלאָנדע קינדערלעך, גוט דערצויגענע. האָבן זיך אויפגעפירט נאָכן בליק פון די עלטערן . . .

קאַטיאַ איז געוועזן אַ ביסל פעטער, אָבער זי האָט זיך גאָר ניט געענדערט, און זי האָט זייער שטאַרק געליבט לעווינען . . . ער איז זייער גוט צו איר. איך אַלגעמיין פאַרשטייט ער זי. גיט איר די פרייהייט ווי זי וויל אַליין זיך אויפצופירן. און זי פירט זיך אויף ווי זי פאַרשטייט.

די קינדער האָט ער איבערגעלאָזן צו איר דערציאונג. ער האָט איר קיינמאָל קיין פאָרוואורף ניט געמאַכט, אַז זי טוט עפּעס קרום.

— איך בין זייער גליקלעך מיט מיין יידישן מאַן, — האָט זי צום סוף געזאָגט. — איך בין זיכער ביי מיינע קריסטלעכע עלטערן. איך מיין, מיין אַריסטאָקראַטישער פאָטער האָט אַזוי העפלעך ניט באַנומען צו מיין מוטער, ווי ד״ר לעווין צו מיר.

— ווייל דו ביסט עס ווערט, — האָט ד״ר לעווין געענטפערט. — דו ביסט גייסטיק אַנטוויקלט נאָך מיין געשמאַק, און איך קען זיך מיט דיר ניט שעמען. איך קען מיט דיר שטאָלצירן . . . דו ביסט ווערט מיין ליבע און אַכטונג . . .

— דענקט איר, — האָט אברהם געזאָגט — אַז איר וועט זיך קענען צופרידנשטעלן אין רוסלאַנד? ביי די איצטיקע באַדינגונגען, ווען דאָס לאַנד איז כמעט חרוב נאָך די קאָנטער־רעוואָלוציעס? . . .

— מיר פאָרן נאָר אויף אַ באַזוך אויף עטלעכע חדשים . . . צו ווינטער וועלן מיר זיין צוריק. ווייל ניט קאַטיאַ און ניט איך ווילן פאַרלאָזן די פאַראייניקטע שטאַטן. עס איז טאַקע אמת, אַז דאָ האָט גענומען הערשן די רעאַקציע . . . אָבער עס וועט זיך מוזן בייטן אויף אַ פריי לאַנד, ווי געווען. מען איז ניט איינגעוואוינט צו לעבן אין באַצווינגונג . . . די צייט וועט זיך בייטן, — האָט ער געזאָגט.

— דעם אמת זאָגנדיק, איז עס זייער שווער צו לעבן אין רוסלאַנד פאַר מענטשן, וואָס לעבן זיך דאָ איין, — האָט לידא געזאָגט — איבערהויפּט פאַר דער פרוי, וואָס האָט זיך דאָ צוגעוואוינט צו די הויז־באַקוועמלעכקייטן . . . אָט נעמט למשל דאָ אין קאַנטרי: איך דאַרף שלעפּן וואַסער, טראָגן האָלץ און ברענען דעם נאַפט־לאָמפּ . . . איר ווייסט דאָך ווי שווער און אומבאַקוועם דאָס איז! . . . נו, געוויס מוז איך עס איצט טאָן, ווייל עס איז צוליב דעם געזונט פון אברהמען . . . אָבער עס איז דאָך פאַרט שווער. דאָס איז גוט פאַר די בור־

זשואַזע מענטשן, וואָס האַלטן דינסטן, אָבער אַזוינע ווי מיר, וואָס האַלטן ניט קיין דינסטן, איז פאַר אונדז די גרויסע שטאָט זייער באַקוועם . . .

— איך האָב יאָ אַ דינסט, — האָט קאַטיאַ געענטפערט כמעט מיט שטאָלץ.

— און איך וועל קיין דינסט ניט האַלטן, — האָט לידא געזאָגט — סיידן איך וועל קראַנק זיין, דאַן וועט מיר אימעצער מוזן העלפן . . .

— אַהאַ, עס האַלט שוין באַלד ביי קלעפ, — האָט לעווין געלאַכט. — צוליב וואָס איז דער גאַנצער איבעררייד? מיר זיינען געקומען צו פריינט! . . . לידא האָט אַ לאַך געטאָן.

— ווער קריגט זיך? . . . וואָס פאַלט אייך איין?!

— חבר צייטלין, — האָט לעווין געזאָגט — איך בין געקומען צו אייך, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ בריוו צו דער רוסישער רעגירונג, אַז מען זאָל מיך פריי אַריינלאָזן און אַרויסלאָזן . . .

— יאָ, חבר צייטלין, — האָט קאַטיאַ זיך אַריינגעמישט — איך וויל באַ־זוכן מיין פאָטער און אפשר אים אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

אברהם האָט זיי אָנגעקוקט און שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— ווי דענקט איר, האָב איך דאָס רעכט אַזאַ זאַך צו טאָן? . . . איך ווייס דען וואָס דאָרט קומט פאָר? אָדער וועלן זיי זיך דען דאָרט צוהערן צו מיינע רייד? . . .

— געוויס, — האָט קאַטיאַ געזאָגט. — גרישקאַ האָט אונדז געשריבן, אַז אייער וואָרט איז כמעט ווי אַ געזעץ אין רוסלאַנד! . . .

— און איך ווייס גאָרניט פון דעם, — האָט אברהם געלאַכט.

— איר ווייסט טאַקע ניט? — האָט קאַטיאַ אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי, מיסעס לעווין? — האָט אברהם אַ פרעג געטאָן.

— חבר צייטלין איז ברוגז, — האָט ד״ר לעווין באַמערקט.

— פאַרוואָס ברוגז? — האָט לידא זיך אַריינגעמישט.

— ווייל ער רופט זי מיסעס לעווין און ניט חברטע קאַטיאַ, — האָט לעווין געזאָגט. — איך דעם ליגט פרעמדקייט אָדער רוגז . . .

— און צי ווייסט איר, חבר צייטלין, — האָט זיך קאַטיאַ אָפּגערופן — אַז איר גייט ווערן רוסלאַנדס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן?

אברהם האָט זיך צעלאַכט:

— אַלצדינג ווייסט זי . . . אָבער איך אַליין ווייס גאָרניט!

— איר מאַכט פון אונדז שפּאַס, חבר צייטלין . . . — האָט קאַטיאַ גע־זאָגט. איר ווילט אונדז ניט געבן קיין בריוו, מאַכט איר זיך תמ׳עוואַטע.

— ווען איך וויל ניט געבן קיין בריוו, וועל איך ניט געבן, און ווען איך וויל יאָ געבן, וועל איך יאָ געבן; אָבער פון די זאַכן, וואָס איר דערציילט מיר, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס אַן אַמבאַסאַדאָר קיין וואַשינגטאָן, דאָס הער איך ערשט פון אייך . . . די סאָוועטישע רעגירונג האָט מיר וועגן דעם גאָרניט געשריבן און איך ווייס פון גאָרניט וואָס צו זאָגן. פאַרשטייט איר?

— גרישקאַ האָט אונדז געשריבן, אַז ווען מיר וועלן דערהאַלטן דעם בריוו, וועט אברהם צייטלין שוין באַשטימט ווערן אַלס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

— דערוויילע נאָך ניט! — האָט לידא געלאַכט. — ער האָט סיי־ווי־סיי קיין כוח ניט פאַר דעם . . .

— מאָדנע! — האָט קאַטיאַ געזאָגט. — גרישקאַ האָט געשריבן, אַז איר

זיינט באַשטימט צו פאַרהאַנדלען מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג וועגן אנער־קענען רוסלאַנד און איר ווערט דער אַמבאַסאַדאָר.

— ווי לאַנג זייט איר דאָ? — האָט זיך ד״ר לעווין אָפּגערופן.

— איבער זעקס וואָכן, — האָט לידא געענטפערט.

— דאָס קען זיין די אורזאַך. אפשר איז דאָ פאַר אייך אַ בריוו? אָדער מען זוכט אייך אַרום? . . . ווייסט אימעצער, אַחוץ לייצע, אייער אַדרעס? — האָט ד״ר לעווין געפרעגט.

— ניין, קיינער ווייסט ניט, ווייל כ׳האָב ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים שטערן, — האָט לידא געזאָגט.

— דאַן גלויב איך, אַז דער בריוו מוז פאַר אים ערגעץ וואַרטן . . . און איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אין אָט דעם בריוו ווערט אייך אָנגעבאָטן די שטעלע אַלס אַן אַמבאַסאַדאָר, — האָט ד״ר לעווין געזאָגט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. און דער אויסדרוק אין לעווינס אויגן איז געווען ווי ער וואָלט זאָגן: איר זעט, איך זאָג אייך ניט קיין ליגן!

לידא האָט פאַרטראַכט געזאָגט:

— אפשר, ווער ווייס? . . .

פערטער קאַפּיטל

די זון האָט זיך געגומען אַרונטערלאָזן. דער הימל האָט זיך געפאַרבט אין אַ פּורפּור־קאָליר. די וואָלקנס האָבן אַזוי שיין אויסגעזען קעגן דער זון, ווי שטיקער פערלמוטער. אַ רויזקייט האָט באַדעקט די גרינע בלעטער און אויף די פּרוכט־ביימער איז נאָך געלעגן די בליאונג.

דעם פאַרמערס גרויסער הונט איז אַרומגעלאָפן נאָך די פייגעלעך, געבילט אויף זיי און זיי געיאָגט פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. די לופט איז געווען קיל און עס האָט גוט געשמעקט מיט ליילאַק . . .

דער פאַרמער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער איז פאַרטיק מיטן וועגל. דער וואָגן האָט אויבן געהאַט עטלעכע ברעטער צום זיצן. דאָס איז געווען אַ וואָגן פון היי, און אַז מען פלעגט פאַרן פלעגט ער אַרויסטרייסלען די נשמה מיט די קישקעס צוזאַמען . . .

די לעווינס האָבן זיך געזעצט אין פראָנט און די קינדערלעך זיינען געשטאַנען אַרום זיי. פאַר די קינדער איז דאָס געווען אַ „סורפּרייז״. זיי האָבן דאָס אין ניו־יאָרק ניט געזען. פון הינטן האָבן זיך געזעצט די צייטלינס.

דער פאַרמער איז לאַנגזאַם אַרויפגעקראָכן, האָט אויסגעשפּיגן אַ פול מויל מיט קיי־טאַבאַק, פאַרריסן דאָס בערדל און געהייסן די פערד גיין . . .

— הילא . . . „יו לייזי באָג״, — האָט ער געשריגן.

דאָס פערד האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזן באַרג־אַראָפּ. דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט און זיי געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, ווי אויף אַ שיף. די קינדער האָבן געלאַכט און זיך געפרייט פון דעם „פאָן״, וואָס זיי האָבן געהאַט פון דעם „ראַיד״ . . .

אַדורכפאָרנדיק אַ קליין טייכל, וואָס האָט באַלאַנגט צום פאַרמער, איז דאָרט געשטאַנען אַ בלויער צלם . . .

— פאָפּ, — האָט זיך אברהם אָפּגערופן — וואָס איז דאָס פאַר אַ צלם?

— האַ? . . .

דער פאַרמער האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן, אויסגעשפּיגן אַ שטיק קיי־טאַבאַק און אַ לאַנגן זיפץ געטאָן.

— מיין זון! — האָט ער געזאָגט, און זיין שטימע איז געוואָרן הייזע־ריק. — מיין זון איז דאָ באַגראָבן שוין 20 יאָר . . . דערטרונקען געוואָרן . . .

ער איז אַראָפּ פון באַרג צום גלייכן וועג, האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד, ער זאָל אַ ביסל גיכער גיין, און דער וואָגן האָט זיך גענומען וואָרפן הין און צוריק.

די קינדער האָבן זיך געהאַלטן אָן די עלטערן, הנאה געהאַט און געלאַכט . . .

די באַן האָט זיך געהערט אָנקומען. די רעלסן האָבן געררישט, ווי אַ טע־לעפאָן־דראָט, און אַזוי האָט זיך באַוויזן פון וויטן די ליכט פון דעם לאָמפּ אויפן לאָקאָמאָטיוו, אַ פּאַרע האָט געשלאָגן, אַ שוואַרצער רויך האָט זיך געהויבן צום טונקל־ווערנדן אָוונט . . .

אַ פייף האָט פאַרציטערט די קינדער און זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן די עלטערנס פּאָלעס . . . אַ שרעק איז געלעגן אויף זייערע פּנימלעך.

די לעווינס האָבן זיך געזעגנט מיט די צייטלינס. לידא האָט זיך צעקושט מיט קאַטיאַן. די לעווינס זיינען מיט די קינדער אַריין אָן וואַגאָן.

— געדענקט, מיר דערוואַרטן אייך נעקסטן שבת אין ניו־יאָרק, אַלס אונ־דזערע געסט, — האָט קאַטיאַ געזאָגט דורכן פענצטער פון וואַגאָן.

— אָל־רייט, — האָט לידא געענטפערט, פאָכנדיק מיטן נאָזטיכל „גוד־ביי".

די באַן האָט אַ זשיפּע געטאָן און זיך גענומען רירן. לידא האָט אַ מאַך געטאָן ווידער מיטן נאָזטיכל און די באַן איז פאַרשוואונדן פאַר די אויגן . . .

ס'האָבן זיך שוין באַוויזן שטערן. די צייטלינס האָבן זיך געזעצט אין וועגל. דער פאַרמער האָט ווידער אויסגעשפּיגן אַ פול מויל מיט קיי־טאַבאַק, האָט גע־נומען די לייצעס אין די הענט און דאָס פערדל איז אַוועק.

אברהם האָט געטראַכט: וואָס פאַר אַ טעם האָט עס דער אַלטער פון זיין קייען טאַבאַק? און שפּייען שפּייט ער דאָך מיט אַ גאַנצער בלאָטע . . .

— פּאַפּ, איר האָט מיר פריער אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם צלם, וועגן אייער זון, — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן. — עפּעס מוז דאָ זיין אומ־געוויינלעכעס, ווי איך פאַרשטיי . . . וואָלט איר מיר אפשר דערציילט אַ ביסל מער וועגן דעם?

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? — האָט דער פאַרמער געשטאַמלט און ווידער אויסגעשפּיגן. — איך ווייס, אַז איר זיינט אַ שרייבער . . . פאַר אייך וואָלט עס געווען אַ גוטער מאכל, זאָג איך אייך . . .

— דערציילט עס מיר, — האָט אברהם פאַרלאַנגט. — איך בין נייגעריק עס צו הערן, ניט אַזוי אַלס שרייבער, ווי אַלס מענטש . . .

— איך וואָלט עס קיינעם ניט דערציילט, — האָט דער פאַרמער זיך אַ קער געטאָן צו אברהמען — אייך אָבער וועל איך עס דערציילן . . . צו אייך האָב איך צוטרוי . . . איר זייט אַ וואוילער יונגערמאַן . . .

— איך דאַנק אייך וואָס איר האַלט פון מיר, — האָט אברהם געזאָגט.

דאָס פערד איז זיך רואיק געגאַנגען. עס האָט אַליין געוואוסט דעם וועג. דער פאַרמער האָט זיך געזעצט מיט איין פוס אויף איין זייט קאָזלע און מיט דעם צווייטן אין וואָגן, האָט אויסגעשפּיגן און אָנגעפאַנגען:

„מיט 23 יאָר צוריק איז מיין ערשטע ווייב מיר געשטאָרבן. זי האָט מיר איבערגעלאָזן דריי קינדער: איין זון און צוויי טעכטער. אַלע געראָטענע קינדער, שיינע, געזונטע און קלוגע. מיין זון איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 20, געווען הויך און שטאַרק ווי אַ ריז, אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן. אַלע מיידלעך פון דער געגנט זיינען פאַר אים אויסגעגאַנגען.

ער האָט געאַרבעט אין פעלד, געזייעט, היי געשניטן, קאָרן געריסן. האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף שווערער אַרבעט, אָדער אויף מידקייט . . .“

דער פאַרמער האָט ווידער אויסגעשפּיגן, אָפּגעווישט די וואָנצעס און פאַרגעזעצט:

— איך האָב חתונה געמאַכט מיינע צוויי טעכטער. איינע האָט אַ פאַרם ניט ווייט פון דאַנען און איז זייער רייך; די צווייטע וואוינט אין ניו־יאָרק און לעבט אַ קלאָגנדיק לעבן. האָט אַ מאַן אַ שיכור און איך מוז איר אָפּט צושיקן פון מיין פאַרם אויף אויסצוקומען . . .

— ניט ווייט פון דאַנען, — האָט ער פאַרגעזעצט — האָט געוואוינט אַן אָרעמער פאַרמער, האָט ער געהאַט אַ טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר 28, ניט קיין איבעריק שיינע, נאָר אַ געזונטע, מיט ברייטע פּלייצעס . . . איך האָב זיך דורכ־גערעדט מיטן פאַרמער . . . דאָס מיידל האָט אויך איינגעשטימט . . . און אין אַ צוויי יאָר נאָך מיין ווייבס טויט האָב איך אין אַ גוטער שעה מיט איר חתונה געהאַט . . .

ער האָט ווידער אויסגעשפּיגן און פאַרגעזעצט:

— זי האָט אָנגעהויבן צו פירן די פאַרם אויף איר שטייגער, אַלץ מיט אַ ברייטער האַנט, אָבער איך האָב איר גאָרניט געזאָגט. אַזוי זיינען אַוועק זעקס חדשים . . . זי האָט אָנגעשטעלט אַ שוואַרצע, געקויפט נייע מעבל . . . אָנגע־הויבן לעבן ווי אַ פּריצטע, ווי אַן אַריסטאָקראַטקע . . . טראַכט איך: ווי קומט עס צו איר, אַזאַ אָרעמע? ביי אירע עלטערן האָט זי דאָס ניט געהאַט און ניט געזען . . . ווי קומט עס צו איר ? . . .

עס האָט מיר אָנגעהויבן צו פעלן געלט צו באַצאָלן מיין „מאָרטגיידזש“ . . . און איך האָב געדאַרפט גיין באָרגן געלט . . . איך האָב זי גענומען שטראָפן, אַז זי פאַרשווענדט צופיל און די פאַרם גייט ניט אַזוי גוט . . . ניט קיין געראָטן יאָר דאַן געווען.

זי האָט אויף מיר גענומען שרייען, אַז איך פויל זיך אַרבעטן און האַלט אַ מענטשן, און פאַרלאָז גאָר די אַרבעט אויף מיין זון דזשאָן . . .

דזשאָן האָט אויך צוגעשטימט, אַז זי איז גערעכט, אַז איך דאַרף ניט דעם אַרבעטער ווען איך זאָל נאָר וועלן אַ ביסל אַליין צואַרבעטן . . .

איך האָב דערשפּירט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט! . . .

איך האָב זי קיינמאָל ניט געהיט און גאָרניט איבערגעקלערט . . . איצט האָב איך זי אָנגעהויבן היטן . . . זיך אָרומקוקן, וואָס אַרום מיר קומט פאָר . . . און אַז מען זוכט געפינט מען: כ'האָב דערזען, אַז מיין ווייב איז ניט אַזוי גלייכ־גילטיק צו מיין זון . . . און מיין זון אויך צו איר . . . .

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט. אָבער איך האָב אויף זיי געהאַלטן אַן אויג.

איינמאָל כאַפּ איך זיך אויף אין מיטן פון דער נאַכט, איך זע: מיין ווייב איז ניטאָ . . . ניטאָ אין בעט, און זי איז איך אויך ניטאָ אין הויז! . . .

איך וואַרט אַ האַלבע שעה און זע: זי אַלץ ניט קומען. באַשליס איך צו גיין זי זוכן . . . איך בין זי געגאַנגען זוכן, און וואו האָב איך זי געטראָפן? . . .

ער איז שטיל געבליבן און האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ.

— וואָס האָט איר אויפגעהערט דערציילן, — האָט אברהם געפרעגט. — ווארום ענדיקט איר ניט? . . .

ער האָט ווידער אויסגעשפּיגן און ניט ווילנדיק פאַרגעזעצט:

— כ׳האָב זי געטראָפן ביי מיין זון אין הייזל איינגאַנצן אַ הוילע . . . איך האָב געהאַלטן אין מיין האַנט אַ שטעקן, האָב איך אים דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ פון הינטן, אַזש ער האָט זיך צוזאַמענגעדרייט . . . זי איז אַרויסגעלאָפן און זיך פאַרבאַהאַלטן . . .

איך בין אַרויסגעגאַנגען זי זוכן . . . איך האָב זי געזוכט די גאַנצע נאַכט . . . איך וואָלט זי דערהרגעט, אָבער אויף דער גאַנצער פאַרם האָב איך זי ניט געפונען . . . איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען ביידע ערגעץ אַוועק . . . אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מיין אַרבעטער אַריינגעלאָפן צו מיר מיט אַ געשריי, אַז מיין דזשאָן ליגט אַ דערטרונקענער ביים ברעג פון טייך . . . ער האָט אים דערזען שווימען איבערן וואַסער און האָב אים אַרויסגעצויגן . . .

איך האָב געהייסן דעם אַרבעטער אויסגראָבן אַ גרוב, בין אַוועק צום שעריף פאַר אַ סערטיפיקאַט און האָב אים אָן צערעמאָניעס באַגראָבן . . . אָט דאָס איז אין קורצן די מעשה פון דעם צלם . . .

— און וואו איז זי? — האָט אברהם געפרעגט.

— ניט איך ווייס און ניט קיינער ווייס וואו זי איז אַהינגעקומען . . . דאָס פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי זיינען אַלע אַראָפּ . . .

דער אַלטער איז רואיק אַריין אין שטאַל, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פערד אויף זיין פּלאַץ, דעם וואָגן אין זיין ווינקל, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן מיטן גרויסן הונט הינטערן הויז . . . צו געבן וועטשערע די חיות.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער פאַרמער ווידער געבראַכט אַ בריוו פאַר אברהם צייטלין.

דער בריוו איז געווען פון דער רוסישער רעגירונג.

עס איז טאַקע געווען אמת, אַז אין בריוו האָט די רוסישע רעגירונג געבעטן ביי אברהמען, אַז ער זאָל אָננעמען די פאַרטרעטערשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן . . . און אויב ער נעמט אָן, וועט מען אים צושיקן די נייטיקע קרעדענשלס אַלס סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר.

אברהם איז געווען צעטומלט: עס איז דאָך טאַקע אמת וואָס ד״ר לעווין האָט אים געזאָגט . . . אָבער ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעפונען זיין אַדרעס?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן קאָנווערט און האָט געזען דעם אַלטן און אויך דעם נייעם אַדרעס.

— ווער האָט דאָס געקענט טאָן? — האָט אברהם געפרעגט לידאַן.

— איך דענק, אַז ד״ר לעווין, — האָט לידא געענטפערט. — ער האָט דאָס געמוזט טאָן. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן דערהאַלטן דעם בריוו.

— איך בין אויף אים קיין האָר ניט ברוגז, — האָט אברהם געזאָגט.

— אויף אים קען מען ניט זיין ברוגז, — האָט לידא געזאָגט — ווייל וואָס ער טוט, אייגנטלעך, קומט קיינמאָל פון דעם קיין שלעכטס ניט אַרויס . . .

— אַ וואונדערבאַרער מענטש איז ער, — האָט אברהם צוגעגעבן. —

— בלויז איר כאַראַקטער איז אַ בורזשואַזנער, — האָט לידא באַמערקט. —

ווי זי שטאָלצירט: „איך האָב אַ דינסט! . . .״ אַ וואונדער, ווי וואָלט זי איצט געלעבט אין רוסלאַנד? . . .

לידא האָט געלאַכט.

— איך דענק, אַז איך וועל אָננעמען, — האָט אברהם געזאָגט.

דאָ האָט זיך לידא אָפּגערופן מיט שרעק:

— אָבער, אברהם, דו ביסט קראַנק, דו ביסט נערוועז . . . דו קענסט עס איצט ניט אָננעמען? דו הרגעסט זיך אַליין אַוועק! . . .

— טייערע, — האָט ער איר געזאָגט — דו וועסט מיר העלפן . . . דו ווייסט, אַז רוסלאַנד מוז איצט האָבן ערלעכע קעמפער, וואָס זאָלן זיי אויף די פיס שטעלן . . . זע וויפיל קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָט פון אינער־ווייניק און פון אויסנווייניק . . . זע פראַנקרייך, זע ענגלאַנד . . . ווי רוסלאַנד רייסט זיך אין שטיקער . . . .

— אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דו טאָרסט זיך ניט אָנשטרענ־גען, — האָט לידא אים דערמאָנט . . .

— אָבער לידא! . . .

— דו ווייסט, אַז איך האָב דיר קיינמאָל ניט געשטערט . . . אָבער איצט, ווען עס האָט צו טאָן מיט דיין געזונט, מיט דיין לעבן . . . ניין, אברהם! דו טאָרסט ניט אונטערגיין צוליב אונדז, צוליב מיר, צוליב ליאָלען . . . מיר דאַרפן דיך ביידע האָבן . . .

— אָבער דאָס איז עגאָאיסטיש, מיין טייערע, — האָט אברהם פּאַראיבל געהאַט. — ביסטו דען מיר ניט טייער ווי איך זיך זעלבסט? . . . איז דען ליאָ ניט אַ שטיק פון מיין איך? האָב איך זיך דען אַליין פיינט? וויל איך דען ניט לעבן און געניסן פון לעבן? . . . אָבער, אַז מען איז ניט עגאָאיסטיש, מיין טייי־ערע, זעט מען גליק אין דעם צווייטנס גליק אויך . . . און בפרט אין דעם גליק פון אַ פאָלק, פון אַ גאַנצער וועלט פון פעלקער . . . פאַרשטייסטו, טייערע? . . .

— וואָס בין איך? . . . אָדער וואָס ביסטו? . . . אָדער ליאָלע? . . . אָדער מיר אַלע דריי, אין פאַרגלייך מיט דעם גליק און עקסיסטענץ פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן? . . . לידא, נשמה מיינע . . . . — האָט ער אויסגעשריגן און פאַרגעזעצט:

— זיבן חלקים פון די אַכט פון מיר, פאַרנעמסטו ביי מיר . . . אָבער איך קען מיט דיר היינט ניט איינשטימיק זיין, אַז מיין לעבן דאַרף בלויז באַלאַנגען צו צוויי מענטשן . . . זע, טייערע, קוק און זע מיט מיינע אויגן, ווי הונדערטער מיליאָנען מענטשן בעטן זיך ביי מיר . . . עס בעטן זיך אויך ביי מיר הונגעריקע פנימער: — חבר, פיר אונדז . . . דו ביסט דער ערלעכער וועגווייזער . . . מיר קומען זיך פאַרטרויען צו דיר, אַז דו זאָלסט אונדז אין דעם פינצטערן מדבר פירן צום ציל! . . .

און לידא האָט געענטפערט:

— אָבער אויך צוליב זיי, טייערער, דאַרפסטו געזונט ווערן, כוח האָבן צו קעמפן פאַר זיי . . .

— אין קאַמף בין איך קיינמאָל ניט שלאַף! . . . אין קאַמף פאַרן פאָלק בין איך אַ ריז! . . . איך פיל ניט קיין קראַנקהייט, מיין מידקייט . . . דער ווילן באַזיגט יעדע שטערונג . . . דאָס גליק פון דער מענטשהייט מאַכט מיך אויך גליקלעך . . . דער שמייכל, וואָס באַגעגנט דיך, מאַכט דיך אויך שמייכ־לען און פילן גוט . . . אין אַ וועלט פון גליק פילסטו זיך אויך גליקלעך . . .

— אָ, מיין פּאָעט, מיין טרוימער, — האָט אים לידא צוגעדריקט צו זיך און געקוקט אַרויף צו אים . . .

און אברהם האָט ווייטער גערעדט:

— קראַנק און אומגליקלעך בין איך נאָר דאַן, ווען די וועלט איז קראַנק און אומגליקלעך . . . אָבער איצט, ווען רוסלאַנד בעט מיין הילף . . . ווען דאָס פאַרשמאַכטע, פאַרשקלאַפּטע פאָלק דאַרף מיך, זאָל איך דאַן קלערן געגן אַ שטיקעלע מער פלייש אויף זיך? . . . וואָס האָט מיין לעבן פאַר אַ ווערדע קעגן אָט די דאָזיקע מענטשנס גליק? . . . קום, מיין טייערע, דו ביסט ביז איצט געווען מיין פאַקל אין מיין קאַמף קעגן פינצטערניש . . . זיי עס אויך איצט! . . . פאַרלאָז מיך ניט! . . . אָן דיר וועט די נאַכט נאָך שוואַרצער זיין! . . .

לידא איז געווען אינגאַנצן אונטער זיין מאַכט:

— איך גיי מיט דיר . . . איך גיי מיט דיר . . . וועסטו זיגן, וועל איך זיגן מיט דיר! . . . ווערסטו אונטערגיין, גיי איך מיט דיר אונטער! . . . — האָט זי געזאָגט . . .

— מיט דיר וועל איך קיינמאָל ניט אונטערגיין! — האָט אברהם אויס־געשריגן. — דו ביסט מיין פאַקל־טרעגער! . . . — און האָט זי צוגעדריקט צו זיך און איר אַ קוש געטאָן! . . .

אברהם האָט דערהאַלטן די קרעדענשלס פון דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז ער פאַרטרעט דאָס רוסישע באַלשעוויסטישע לאַנד . . . ער האָט געעפנט אַן אָפיס אין וואַשינגטאָן, אָבער ער האָט זיך מער געפונען אין ניו־יאָרקער אָפיס, וואו ער האָט פאַרהאַנדלט מיט די אַמעריקאַנער באַנקירן און מיט גרויסע פירמעס מכוח אַלערליי געצייג, אויך ערד־מאַשינען און אַנדערע נויטיקע זאַכן, וואָס זיינען געווען וויכטיק אין דער חרובער רוסלאַנד, וואו עס איז גאָרניט געוועזן איבערגעבליבן פון דער שרעקלעכער מלחמה־צייט.

רוסלאַנד האָט אויף באָרג גאָרניט געקראַגן, און פאַר אַלץ געמוזט צאָלן מיט מזומן, און עס איז ווירקלעך געווען שווער פאַר דער נייער רעגירונג פאַר אַלץ צו צאָלן מיט באַרע געלט . . .

רוסלאַנד האָט אָבער געשיקט געלט, דימאַנטן, פיל פּוטערוואַרג און ווערט־פולע אַרטיקלען און פאַר דעם געקויפט מאַשינען, באַנען, געצייג . . .

אין פאַרלויף פון דער צייט, וואָס אברהם צייטלין האָט געלאָזט וויסן דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַז קערענסקיס אַמבאַסאַדאָר פאַרטרעט מער ניט די איצטיקע רוסישע רעגירונג און אַמעריקע זאָל אים מער ניט אנערקענען, און זאָל אים מער ניט געבן קיין קרעדיט, ווייל רוסלאַנד וועט ניט צאָלן . . . פּשוט ניט צאָלן, מען זאָל ניט געבן אויף דער רעכענונג פון די סאָוועטן.

האָבן אָבער די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן געגעבן צענדליקע מיליאָנען דאָלאַרן צו דעם אַמבאַסאַדאָר פון דער אַלטער, מער ניט־עקסיסטירנדיקער רע־גירונג, וועלכער האָט פאַרשווענדט, רעכטס און לינקס, אויף בעלער און לוקסוס, און פּויער, כדי צו צאָלן חובות דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

עס האָבן ניט געהאָלפן קיין פּראָטעסטן פון דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז זי וועט ניט צאָלן די חובות און דאָס האָט אויך געטריבן דערצו, אַז רוסלאַנד האָט זיך גאָר אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן די צאַרסקע חובות, וואָס די אַלטע רעגירונג איז שולדיק געבליבן דער גאַנצער וועלט! . . .

און זי האָט ניט געצאָלט! . . .

מיט בלוט און מיט שווייס איז איר אַנגעקומען יעדער ביסן ברויט . . . אָבער קעמפער זיינען רוסן! . . . זיי האָבן געוואוסט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען וועלן אַזוי גרינג ניט נאָכגעבן, עס וועט זיין אויסצושטיין פון זיי זייער אַ סך, גאָר אַ סך, אָבער די אַרבעטער־רעגירונג האָט אויף אַלץ זיך געגרייט: זי וועט ניט צאָלן! זי וועט ניט פאַרשקלאַפן דעם באַפרייטן אַרבעטער און פויער, כדי צו צאָלן חובות דער קאַפּיטאַלסישער וועלט . . .

אַמעריקע האָט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די רוסן . . . שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס זיינען צוגעגרייט געוואָרן . . . אַמעריקע האָט זיך איינגעשאַפט די געוועזענע רוסישע „אָכראַנקע״ מיט אַלע קונצן ווי: שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטרן און אַזוי ווייטער . . . און פאַר געלט האָט מען דאָס געקראָגן — סיי פאַלשע, סיי אמתע . . .

אברהם איז פאַרפאָלגט געוואָרן אויף שריט און טריט . . . קיין קרומע וועגן האָט ער ניט געפירט, ווי די פּראָוואָקאַטאָרס האָבן דאָס איבערגעגעבן. ער איז געווען ערלעך. ער האָט בלויז געזוכט פרידן, און אַז זיין לאַנד, וואָס ער האָט פאַרטראָטן, זאָל קריגן אירע עקאָנאָמישע נוצן . . . ער האָט אַפילו קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר „קאָמוניזם״ ניט געפירט, ער האָט נאָר געזוכט, אַז זיין לאַנד זאָל קריגן נוצלעכע ווירטשאַפט־געצייגן . . .

די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי קומט פון רוסלאַנד פילע מיליאָנען און עס ווייזט זיך זיי אויס, אַז זיי וועלן דאָס געלט פאַרלירן, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ גוואַלד, אַז מען זאָל אַרויסשיקן פון לאַנד דעם פאַרטרעטער פון די באָלשעוויקעס — אברהם צייטלין מיט זיין גאַנצן סטעף . . .

די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט זיך ניט געאיילט, און געוואַרט צו זען וואָס עס וועט זיין . . . אפשר וועלן די סאָוועטן בייטן זייער שטעלונג . . .

דערווייל האָט רוסלאַנד געקויפט סחורות מיט גאָלד . . . מיט מזומן . . .

אין וואַשינגטאָן האָט מען געמיינט, אַז אין רוסלאַנד וועט מען דאָך נאָכגעבן, און מען האָט געוואַרט, אַז רוסלאַנד זאָל קומען בעטן קרעדיט און וועט דאָך באַצאָלן די חובות . . . עס איז אָבער ניט געווען אַזוי ווי וואַשינגטאָן האָט דערוואַרט, ווי זי האָט געמיינט . . .

רוסלאַנד האָט טאַקע געזאָגט: גיב קרעדיט, אויב דו ווילסט גרויסן מסחר, אָבער די אַלטע חובות זאָלסטו פאַרגעסן . . . מיר צאָלן אונדזער חוב, אָבער ניט דעם צאַרס, אויך ניט קערענסקיס, וואָס איז פאַרשווענדט געוואָרן קעגן אונדזער רעגירונג.

וואָל סטריט האָט ניט גערוט: איר געלט, איר געלט . . . סטייטש . . .

די רעגירונג האָט אָנגעהויבן זיך דורכרעדן מיט אברהם צייטלין וועגן די חובות. זי האָט געהאַט אַ האָפענונג, אַז אברהם צייטלין וועט ווירקן אויף רוסלאַנד און די לעצטע וועט באַלד נאָכגעבן . . . זי וועט, הייסט עס, נעמען און באַצאָלן וואָס עס קומט וואָל סטריט פון דער צאַרסקער הערשאַפט, דער געוועזענער פינצטערער רעגירונג! . . .

אָבער רוסלאַנד האָט זיך קאַטעגאָריש אָנטזאָגט צו באַצאָלן אָט די דאָזיקע חבות, וואָס זי האָט געגעבן צו די צאַרסקע און קערענסקיס אַמבאַסאַדאָרן.

רוסלאַנד האָט פריער געוואָרנט, אַז זי וועט ניט באַצאָלן, און איצט דאַרף רוסלאַנד זיי דאָס דערמאָנען . . .

דער רייכער און זאַטער פעטער „סעם״ האָט ניט געקענקט פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך צו דעם הונגעריקן קבצנישן רוס אַזאַ חוצפה! ווי וואַגט עס

אָט דער קבצן צו שטעלן זיך אַנטקעגן דער וועלט און קעגן אים אַליין, דעם רייכן „אַנקל־סעמען״! . . .

דער אַרבעטער־קלאַס דאָ האָט אויך ניט גערוט, געלאָזט הערן פון זיך: מען האָט גענומען דערוויילן אַרבעטער קאָנגרעסלייט צום קאָנגרעס. אין דער אַסעמבלי זיינען שוין געווען פיל אַרבעטער־פאַרטרעטער . . . אין אַלע שטעט האָבן אַרבעטער געפאָדערט, אַז מען זאָל אָנערקענען רוסלאַנד.

די פּלוטאָקראַטיע אין אַמעריקע האָט דערשמעקט אַ געפאַר, האָט מען געמאַכט אַ גוואַלד, אַז די באָלשעוויקעס ווילן פאַרכאַפּן אַמעריקע! . . .

די קליינע און די גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך ווירקלעך געשראָקן, אַז באַלד קומט זייער שטראָף . . . אַז אָט וועלן זיי באַלד זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט, אָדער זיי וועלן זיך דאַרפן אָפּטראָגן אין אַנדערע לענדער מיט די עט־לעכע דאָלאַרן, וואָס זיי פאַרמאָגן . . . ווי עס האָט געטאָן די רוסישע בורזשו־אַזיע . . .

מען האָט געקראָגן פּראָוואָקאַטאָרס, ליגנערס מיט געפאַלשטע דאָקומענטן, אַז די רוסישע רעגירונג פּלאַנעוועט אַ באָלשעוויסטישע איבערקערעניש אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אַז די רוסן דאָ אין אַמעריקע זיינען גרייט זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, און אַז די רוסישע רעגירונג שיקט איבער אַהער מיליאָנען פאַר די נוצלעכע צוועקן . . .

מען האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן די רוסן מאַסנווייז, און אויך די ראַדיקאַלן. די ראַדיקאַלן האָט מען פאַרשפּאַרט אין די טורמעס און די אַרעסטירטע רוסן האָט מען צוריקגעשיקט קיין רוסלאַנד.

הגם די מלחמה איז שוין געווען אַריבער און איבער דער גאַנצער וועלט האָט מען געגעבן אַמנעסטיע צו פּאָליטישע פאַרברעכער, האָט מען ערשט דאָ אין אַמעריקע גענומען שלעפּן פּאָליטישע פאַרברעכער אין די געריכטן, צו פאַר־אורטיילן זיי און צו פאַרשפּאַרן זיי דערנאָך אויף לאַנגע טערמינען אין די תפיסות . . .

און אַזוי איז אין אַמעריקע געטאָן געוואָרן . . .

אויך די פירערס פון די אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבן זיך דערשראָקן פאַר די ראַדיקאַלע געדאַנקען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין די יוניאָנס . . . די פאַרקויפטע פירערס האָבן דערשמעקט אַ גרויס געפאַר. די גאַר גרויסע פירערס האָבן די שרעק נאָך מער איבערגעלעבט: אָט וועלן זיי אפשר מוזן פאַרלירן זייערע גוט־באַצאָלטע שטעלעס, און זיי האָבן געמאַכט אַ גוואַלד:

— די באָלשעוויקעס! — — —

— מען דאַרף די באָלשעוויקעס פאַרטרייבן פון אַמעריקע! — — —

דער נאָמען „באָלשעוויק״ איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ שימפוואָרט. ווען איינער האָט אימעצן געוואָלט באַליידיקן, האָט ער יענעם אַ רוף געטאָן: „באָל־שעוויק! . . .

קינדער אין די שולן האָבן געמיינט, אַז אַ באָלשעוויק איז אַזאָ ווילדע זאַך, איז אַזאָ מין דראַגאָן, אָדער אַן אַנדער מאָנסטער, וואָס מען דאַרף דערפאַר מורא האָבן. אַזוי פיל האָבן זיי זיך אָנגעהערט, די קינדער, אויסטערליש מכוח די דאָזיקע רוסישע העלדן . . .

איז אימעצער געווען אין סימפּאַטיע מיט די באָלשעוויקעס, האָט מען אים דערפאַר פאַרפאָלגט. דער דאָזיקער האָט געמעגט זיין אַ פּראָפעסאָר אָדער אַ מיליאָנער . . .

אויך רעגירונגס־לייט האָבן ניט גלאַט אָפּגעשניטן, ווען אויף זיי איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי זיינען אין סימפּאַטיע מיט די באָלשעוויקעס . . .

מען האָט קאָנגרעסלייט אַרויסגעטריבן פון קאָנגרעס, פון זייערע דערווײלטע פּלעצער; מען האָט אַרויסגעטריבן אַסעמבלילייט און אָלדערמען . . . די אַלע גזעצלעך־דערווײלטע זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע דערווײלטע עמטער פאַר דעם מינדסטן קלאַנג, אַז זיי זיינען באָלשעוויקעס! . . .

— זיי זיינען באָלשעוויקעס! דערווײלטע פון אַרבעטער . . .

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אַמעריקע זאָלן אַרבעטער דערווײלן פאַרטרעטער, וואָס זאָלן פאַר זיי זיך אָננעמען? . . .

— ניין, דאָס טאָר מען ניט צולאָזן! . . . .

— אין קאָנגרעס און אין סענאַט פלעגן זיצן אייגענע מענטשן: די קופּער־מאַגנאַטן, די אייזנבאַן־מאַגנאַטן און קוילן־באַראָנען, און אַזוי ווייטער . . . אַלץ אייגענע מענטשן . . .

— אַרויסוואַרפן דאַרף מען אָט די שלעפּער, אַרויסוואַרפן! . . .

— זאָלן זיי טאַקע גיין! . . .

— גייט! ווער דאַרף אייך דאָ?

און מען האָט זיי טאַקע געוואָרפן, געטריבן, אַרויסגעשיקט . . .

דערמיט איז דעם קאַפּיטאַליסט אַלץ ניט לייכטער געוואָרן . . . ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אין שרעק . . .

זעקסטער קאַפּיטל

עס האָט פּאַסירט איינמאָל, בעת אברהם איז געזעסן און פאַרהאַנדלט מיט איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער פירמעס מכוח איבערשיקן קיין רוסלאַנד אַ באַשטעלונג, וואָס וואָלט באַטראָפן אַ 50 מיליאָן דאָלאַרן מיט גאַראַנטיעס צוצושטעלן צו דער קאָמפּאַניע די דאָזיקע סומען געלט אין מזומן — האָט זיך די טיר פלוצלינג געעפנט און אַרום 50 דעטעקטיווס מיט פּאָליציי, מיט זייערע עלטסטע זיינען אַריינגעקומען אין אָפיס.

אַלע אין אָפיס זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער אַרעסט . . . עס איז דערביי דורכגעפירט געוואָרן אַ זוכן און נישטערן . . . מען האָט צעבראָכן שטולן, טישן, אַלמערס, אַלץ וואָס ס'איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט האָט מען צעבראָכן, געריסן שטיקער . . .

איבער הונדערט אָנגעשטעלטע האָט מען אַרעסטירט, און געפּאַקטע פּאַטרול־וואַגאָנען זיינען געבראַכט געוואָרן און אַלעמען איבערגעפירט אין די פּאָליס סטיישאַנס.

— וואָס מען האָט געפונען, ווייסט איין גאָט . . . סיידן דער גאָט פון די קאַפּיטאַליסטן, אָדער שאָוויניסטן, וואָס האָבן געבושעוועט ווי ווילדע חיות — אפשר ווייסן זיי? — האָט אברהם געטראַכט.

אברהם ציטלין איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אונטער 50,000 דאָלאַר בייל, ביז ער וועט ליקווידירן די געשעפטן. מען האָט ביי אים צוגענומען זיינע בירגער־פּאַפּירן, און ער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין אַ קורצער צייט . . .

די איבעריקע פון די אָנגעשטעלטע, וועלכע זיינען ניט געווען קיין בירגער, האָט מען גלייך אַרויסגעשיקט קיין עליס איילאַנד. די אַמעריקאַנער ווידער האָט

מען געשטעלט אונטער באַנד, ביז מען וועט וועגן זיי עפּעס אויסגעפינען .. מען וועט זיי אונטערזוכן . . .

אברהם צייטלין האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס האָט מען ביי אים געפונען און פאַרוואָס האָט מען אים אין אַלגעמיין באַפאַלן? . . . ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך מיט קיין פּאָליטישע זאַכן ניט אָפּגעגעבן; ער האָט נאָר געטאָן געשעפט . . . ווייל ער האָט קיין זאַך ניט געוואָלט טאָן וואָס זאָל ברענגען שאָדן צו רוסלאַנד . . . ער האָט זיך דערפאַר נאָר אָפּגעגעבן מיט „ביזנעס", געשעפט! . . .

אויך האָט אברהם צייטלין ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיינען ניקיטין און כאַיקין יענעם טאָג ניט געווען אין אָפיס? פאַרוואָס האָט ניקיטין מיט אַ וואָך צוריק אים געפרעגט צי מען וועט אָנפאַנגען פּראָפּאַגאַנדע? . . .

איצט האָט זיך שוין אברהם דערמאָנט, אַז אַט דער כאַיקין האָט זיך אויך צופיל געדרייט אַרום זיין „דעסק" . . . פיל מאָל האָט ער אים געכאַפּט ביי זיינע פּריוואַטע בריוו. אָבער ער האָט דאַן די גאַנצע זאַך ניט גענומען אין אַכט . . . אַז דאָ איז עפּעס אויסערגעוויינלעכס, האָט ער אים ניט פאַרדעכטיקט, ווייל ער, אברהם צייטלין, האָט זיך מיט אַלעמען געהאַלטן פריינטלעך און ברידערלעך . . . חבריש! . . . ס'איז קיין זאַך אין געהיים ניט אָנגעגאַנגען.

וויסנדיק, אַז קיין לינקע ביזנעס, ווי מען זאָגט, פירט ער ניט; אַז ער האָט פון קיינעם גאָרניט וואָס צו באַהאַלטן, האָט אברהם צייטלין דערפאַר ניט גע־נומען אין אַכט דאָס, וואָס ער טרעפט אַזוי אָפט כאַיקינען ביי זיין דעסק . . .

דערווייל האָט שוין די פּרעסע געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט געפונען ביי אברהם צייטלין זייער וויכטיקע באָלשעוויסטישע פּלענער וועגן פּראָפּאַגאַנדע אין די פאַראייניגטע שטאַטן, און אַז מיט דעם אַרעסט, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן, וועט מען מאַכן צונישט די באָלשעוויסטישע „טריקס" צו שעדיקן אַמעריקע . . .

די מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס זיינען דעפּאָזיט געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען פון דער רעגירונג קאָנפיסקירט געוואָרן, און דאָס אַליין וועט שוין שעדיקן די באָלשעוויסטישע פּלענער . . .

אברהם האָט ניט געוואוסט פון וואָס צו זאָגן . . .

— וועגן וואָסערע פּלענער רעדן די צייטונגען? — האָט ער געטראַכט.

ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אַט דאָס אַלץ איז אַ „פּריים־אַפּ", אַ בלבול, אָדער בעסער: אַ פּראָוואָקאַציע! . . .

די קעגנער פון די באָלשעוויקעס האָבן דאָס אַלץ „געמאַשעניעוועט" . . . ער לייענט און הערט רייד, וואָס זיינען ניט געשטויגן, ניט געפלויגן . .

צו רעפּאָרטערס האָט אברהם אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז דער גאַנצער טומל, און דאָס אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, איז ניט מער ווי אַ רעזולטאַט פון אַ „פּריים־אַפּ" . . . אַלץ איז ליגן . . .

די צייטונגען האָבן אָבער וועגן דעם קיין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז דער באָלשעוויסטישער פאַרטרעטער לייקנט אָפּ אַלע באַשולדיקונגען, וואָס מען שרייבט אים צו . . .

עפּעס איז אין די צייטונגען יאָ געווען געמעלדעט וועגן דעם, נאָר עס איז געווען אַזוי פאַרדרייט, אַזוי אומקלאָר, אַז מען האָט גאָרניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך . . .

אברהם האָט שוין פאַרשטאַנען די קונצשטיק פון די קאַפּיטאַליסטן . . .

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז זייער אַרבעט קעגן דער באָלשעוויסטישער רעגירונג...

ער האָט גאָרניט געקענט טאָן; ער האָט נאָר געהאָפט, אַז זייענדיק אין רוסלאַנד וועט ער וויסן ווי צו האַנדלען מיט די פּראָייעקטע שטאָטן...

אברהם איז אַרומגעגאַנגען זוכן אַן ערלעכן מענטשן. ער האָט זיך דער־מאָנט אָן דיאָגיניס, וואָס איז מיט אַ לאָמפּ אַרומגעגאַנגען זוכן דעם ערלעכן מענטשן...

— יעדער מענטש וואָלט געווען ערלעך, ווען ניט דער דאָלער... — האָט אברהם געטראַכט. — דאָס הרגעט אפילו אַוועק די אידעאַליסטן...

דאָ איז לידא געקומען צו הילף:

— אברהם, — האָט זי געזאָגט — ווילסטו מיר פאַרטרויען צו פירן די געשעפטן?

אברהם איז געווען איבעררעאַשט:

— דו?

און זי האָט אים דערקלערט:

— איך האָב אויף זיך ניט קיין קלאָגע... איך קען אָנגיין מיטן גע־שעפט... איך וואָלט דיך אַליין ניט געוואָלט לאָזן פאָרן, — האָט זי צוגעגעבן — אָבער דיין פאַרצווייפלונג מאַכט מיך אַזוי צו האַנדלען... עס איז נאָר אויף עטלעכע חדשים און אַלץ וועט שטיל ווערן...

— ווילסטו קענען? — האָט ער זי שטיל געפרעגט.

— איך ווייס ניט, צי איך וועל עפּעס געווינען; אָבער פאַרלירן וועל איך זיכער ניט... — האָט זי געענטפערט.

אברהם האָט זיך ניט געאײַלט צו פאַרלאָזן אַמעריקע. ער האָט נאָך געהאָט פיל וואָס צו טאָן...

די גרויסע געשעפטסלייט, וועלכע האָבן געהאַט באַשטעלונגען, האָבן גע־פּועלט, אַז מען זאָל זיי לאָזן די באַשטעלונגען אָפּשיקן, אַניט וועלן זיי רואינירט ווערן... די אַרבעטן זיינען שוין פאַרטיק געווען...

די רעגירונג האָט פאַרזען וואָס אברהם איילט זיך ניט. עס זיינען דערווייל אַוועק אַ פּאָר חדשים און די רעגירונג האָט אברהמען ניט געיאָגט אָפּצופאָרן...

און אברהם פלעגט זאָגן:

— אַך, דער דאָלער!...

אין אַ טאָג זיינען דערשינען די צייטונגען מיט די נייעס:

„מאָרגן שיקט מען צוריק אַ שיף מיט רוסן און אַנדערע ראַדיקאַלן."

צומאָרגנס איז דאָס טאַקע אַזוי געווען.

דער פּיער איז געווען פול מיט מענטשן, פּאָליציי און דעטעקטיווס אָן אַ שיעור... פּאָליציי האָט געטריבן און געשלאָגן, מיט די פערד אַריינגעפאָרן אין דער מאַסע מענטשן... אַ סך זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. פילע זיינען אויפן אָרט באַהאַנדלט געוואָרן פון דאָקטוירים און פילע האָט מען צוגענומען אין די שפּיטאָלן... צו היילן זייערע וואונדן...

מען האָט זיך געצומען גרייטן:

די שיף איז געווען פול געפּאַקט מיט די באַגאַזשן צוזאַמען... עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט די שיף געדאַרפט אָפּגיין...

דער עולם האָט מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן די קעפּ, צו געבן דעם לעצטן קוק אויף זייערע פריינט און געליבטע . . .

די אויבערשטע דעק פון דער שיף איז פול געווען מיט מענטשן, אַ טייל פון זיי אָנגעטאָן אין אַרבעטער־קליידער. עס זיינען געווען אַ סך מיט ביכער אונטער די אָרעמס. געווען אויך צווישן זיי פרויען.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ פּייף פון דער סירענע, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט אויפּציטערן און דורכגענומען מיט שטומע ליידן . . .

מ׳האָט געזען ווי די מאַטראָזן אַרבעטן מיט שטריק. מען האָט אַרויפגעצויגן דעם אַנקער און די שיף, ווידער מיט אַ פּייף, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן פאַרשרייען דאָס אומרעכט, וואָס מען באַגייט קעגן אירע פּאַסאַזשירן, האָט זיך גענומען אָפּרוקן . . .

דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן רוישן און זידן און זיך באַדעקט מיט אַ ווייסן שוים . . . די ריזיקע שיף האָט זיך אָפּגערוקט ווייטער און ווייטער צום אָפענעם ים . . .

פון דעק אַראָפּ האָט זיך דערהערט אַ ווילדער אויסגעשריי:

— הוראַ!

— הוראַ פאַר דער סאָוויעטן רעפּובליק! — האָט זיך דערהערט אינעם אַלגעמיינעם הוראַ־געשריי.

אימעצער האָט אַרויסגעהאַנגען אַ רויט טיכל . . . מען האָט אָנגעהויבן זינגען די נייע רוסישע הימנע און דערנאָך דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

אַלע אויפן דעק זיינען הינגעריסן געוואָרן און האָבן אויך גענומען מיטזינגען . . .

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די פּאָליציי און מען האָט גענומען טרייבן און אויך שפּאַלטן קעפּ . . .

צווישן די פאַרוואונדעטע איז אויך געווען אברהם צייטלין. מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל, ניט וויסנדיק ווער ער איז.

אין שפּיטאָל איז ער געקומען צו זיך. ער האָט געהאַט פילע ביילן אין קאָפּ. אַ דאָקטאָר האָט אים באַהאַנדלט, פאַרבונדן די וואונדן און אים אָפּגעפירט אַהיים . . .

אויך לידא איז געווען ביים פּיער מיט אברהמען. אין טומל איז זי פאַרלוירן געגאַנגען און זי האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען, ביז מען האָט אים געבראַכט פון שפּיטאָל . . .

זינט אברהם האָט געקראָגן די ביילן אויפן קאָפּ, האָט ער זיך גאָר פאַרענדערט, ער איז געוואָרן מעלאַנכאָלישער, האָט זייער ווייניק גערעדט און נאָך ווייניקער גערעדט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מין שלאָף־קאָמאַ. ער האָט געהאַלטן אין איין שלאָפן . . .

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז בעסער פאַר אים. דאָס שלאָפן וועט אים אויסרוען און די ביילן וועלן פאַרגיין . . . און ער וועט געזונט ווערן.

לידא איז ווידער געווען אין איין שרעק און אויסגעמאַטערט . . . זי האָט געדאַרפט יעדן טאָג גיין אויף עטלעכע שעה אין אָפיס, צו קענען פירן די געשעפטן מיט די פאַבריקאַנטן און סעטלען בילס . . .

אין אָפיס, ווידער, האָט זי ניט געקענט איינזיצן, טראַכטנדיק פון איר קראַנקן מאַן . . .

לידא האָט געהאַט אַ גלויבן, אַז אברהם איז אַן איבערמענטש . . .

— ער איז אומגעווײנלעך . . . עפּעס געטלעכעס איז אין אים פאַראַן, — האָט זי געטראַכט. — אַ מאַרטירער פאַר דער מענטשהייט! . . . וואָס ער שטייט עס אויס! . . . קיין געלט ווירקט אויף אים ניט . . . זיין געזונט אַרט אים ניט . . און אַזוי אויך זיין לעבן . . . דאָס לעבן מיטן געזונט גיט ער אָפּ פאַרן צווייטנס גליק! . . .

— ער איז איבער מענטשלעך! ער איז איבער אונדזער קראַפט! — האָט זי געטראַכט . . .

לידא האָט אים ליב געהאַט, ניט נאָר מיט דער ליבע פון אַ פאַרליבטער פרוי, נאָר נאָך מיט אַ גרעסערער ליבע — די ליבע פון אַ מאַמען . . . ווי מיר האָבן דאָס פריער געזאָגט.

זי וואָלט אַלץ פאַר אים געטאָן, וואָס נאָר אַ מענטש קען זיך ניט פאָר־שטעלן.

געטאָן האָט זי אַלץ, וואָס ער האָט געליבט, אָדער וואָס אים איז געווען געפעלן. ער האָט איר אַפילו ניט געדאַרפט זאָגן, נאָר אָנמערקן, און זי האָט אים פאַרשטאַנען . . .

ער פלעגט זאָגן, אַז ער גלייכט ווי די פרוי קעמט די האָר. און לידא האָט אַזוי געטאָן . . .

ער האָט ליב דעם און דעם קאָליר פון יענעם קלייד און דעם פאַסאָן . . . — לידא האָט דאָס אַזוי נאָכגעטאָן . . .

און אַזוי איז געווען אין אַלצדינגג! . . . זי האָט געטאָן אים צופרידנ־צושטעלן . . .

אברהם האָט לידאן אויך פאַרגעטערט און זי געהאַלטן העכער פון יעדער פרוי . . . לידא האָט זיך קיינמאָל ניט געפּוצט פאַר קיינעם; זי האָט צו קיינעם אַזוי ליב ניט געשמייכלט, ווי צו אברהמען . . .

— דאָס מזל האָט מיט אָפּגעגליקט, וואָס קיין מענטש האָט עס ניט, — האָט אברהם געפלעגט זאָגן, אָנווייזנדיק אויף דער פרוי. — אָן דיר וואָלט איך שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען . . .

לידא האָט באַשטעלט דעם גרעסטן אָרדער און זיך געלאָזט גיין אַהיים. עס איז געווען איר גרויסער געשעפטס־טאָג. זי האָט אַרויסגעשיקט פאַר 5 מיליאָן רובל אויטאָמאָבילן, מאַשינען און לאָקאָמאָטיוון, און אַלץ איז געגאַנגען אַזוי גלאַט, אַז אין די דריי שעה, וואָס זי איז געווען אין אָפיס, איז די צייט אַדורכ־געלאָפן ווי עס וואָלט געווען 15 מינוטן . . .

די קראַנקן־שוועסטער איז איר אַנטקעגן געקומען און איר אָנגעזאָגט, אַז ער שלאָפט . . . אָבער דאָס איז גוט . . . די היץ איז נאָרמאַל, נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט אַ ביסל צו שטאַרק. דער שלאָף אָבער וועט אַלץ פאַרריכטן . . .

די קראַנקן־שוועסטער האָט אויך אָפּגעגעבן דעם דאָקטאָרס ראַפּאָרט, וועל־כער איז דאָ שוין געהאַט געווען, און אַוועקגייענדיק האָט ער געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן מיט דעם קראַנקנס צושטאַנד . . .

לידא האָט אַלץ אויסגעהערט, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום קליינעם ליאַ, וואָס איז געווען אַזוי רואיק, ווי אַ גרויסער. ער האָט פאַרשטאַנען זיין מוטער און פלעג שטיין לעבן דער קראַנקן־שוועסטער און פרעגן:

— וועט פּאַפּאַ באַלד געזונט ווערן?

— געוויס וועט ער באַלד געזונט ווערן, — פלעגט די קליינע קראַנקך שוועסטער ענטפערן.

וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געגעבן צו עסן און טרינקען האָט ער גענומען.

ליאָ איז געווען אַ רואיק קינד . . . ער האָט באַגריפן, אַז ער מוז פאָלגן אין אַזאַ צייט! . . .

— זונעלע מיינס, — האָט לידא אים צוגעצויגן צו זיך און איבער זיין פלייצע איז פון אירע פאַרטראַכטע אויגן אַראָפּגעפאַלן אַ טרער . . .

די קראַנקן־שוועסטער האָט גענומען דאָס קינד און איז מיט אים אַרויס אין גאַס.

לידא איז צוגעגאַנגען צו אברהמס בעט און שטיל, קוים באַרירט אַ קוש אויף זיין פאַרמעט־ווייסן שטערן . . .

זיבעטער קאַפּיטל

אברהם צייטלין איז צו זיך אַזוי גיך ניט געקומען . . . דער שלאָף איז פון אים נאָך ניט אַוועק. די דאָקטוירים האָבן איינגעזען, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מאָדנער קראַנקהייט . . . שוין דער פערטער טאָג ווי ער שלאָפט.

לידא איז שוין מער אין אָפיס ניט געגאַנגען. איצט איז זי געווען אַן עלנטע, אָן קיין פריינט אַרום זיך. די איינציקע פריינדין לייצע איז אויך אַוועקגעפאָרן מיט דער לעצטער שיף קיין רוסלאַנד.

— אַלע באַקאַנטע זיינען זיך צעפאָרן קיין רוסלאַנד, — האָט זי געטראַכט. אמת, מען האָט אויך אַ סך פון זיי דעפּאָרטירט, און איצט איז זי אַליין. אַליין . . .

לידא איז אַזוי געזעסן לעבן אברהמען פאַרצווייפלט. דער קליינער ליאָ איז געשטאַנען לעבן איר און מיט זיינע קליינע ליכטיקע אויגעלעך געקוקט אויף איר און געשוויגן . . . געקוקט מיט אַ פאַרקלעמט הערצעלע.

דער קליינער ליאָ איז שוין איינגעוואוינט צו זען זיין מוטער פאַרצווייפלט איבער זיין קראַנקן פאָטער . . . פיל מאָל האָט ער שוין געזען זיין מוטער וויינען, קוקנדיק און גלעטנדיק דעם שטערן פון זיין בלאַסן פאָטער . . . זיין האַרץ איז געווען דורכגעווייקט מיט דעם פיין פון זינט ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פון גוט און שלעכט . . .

— וואָס וויל מען פון מיין טאַטן? — האָט ער ביי זיך געטראַכט. זיין קליין קעפּעלע האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין . . . — איך האָב דאָך אַזאַ גוטן טאַטן! . . .

ער האָט אויך ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט זיין פאָטער אַזוי צעהרגעט און זיך ניט געקענט דערקלערן פאַרוואָס ער האָט ניט צוריק „גע־פּייט״! . . .

— מאַמע! — האָט דער קליינער ליאָ אַ פרעג געטאָן — האָסט מיר דאָך אַמאָל געזאָגט, אַז פּאַפּאַ איז געווען זייער אַ געזונטער: פאַרוואָס האָט ער ניט געקענט צוריקשלאָגן דעם פּאָליסמאַן? . . .

— אַ פּאָליסמאַן טאָר מען ניט שלאָגן צוריק, — האָט לידא געענטפערט, אָפּווישנדיק אַ טרער פון די אויגן . . .

— פאַרוואָס ניט, מאַמע? . . .

— ער האָט אַ „גאָן״ . . . און אַז מען שלאָגט אים צוריק, שיסט ער, — האָט זי געענטפערט . . .

— פאַרוואָס קען פּאַפּאַ ניט קויפן אַ „גאָן״ און אים שיסן! — האָט ליאַ געפרעגט.

לידא האָט צוגערופן די קראַנקן שוועסטער און זי געבעטן צו נעמען דאָס קינד אַרויס אין דער גאַס . . . אין גאַס זיך דורכלופטערן . . .

— מאַמע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן איידער ער איז אַרויס אין גאַס — אַז איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך קיין הינטעלעך ניט שלאָגן, אָבער אַ פּאָליסמאַן, וואָס שלאָגט, וועל איך דערשיסן . . .

— שיס ניט אַזוי שנעל! — האָט אים די קראַנקן־שוועסטער געזאָגט, און איז מיט אים אַרויס אין גאַס.

— דאַראָטי, פאַרוואָס דאַרף מען פּאָליסלייט? — האָט דער קליינער ליאַ געפרעגט שוין אין דרויסן ביי דער קראַנקן־שוועסטער.

— זיי זאָלן היטן, — האָט זי געענטפערט.

— וואָס היטן זיי?

— מען זאָל ניט גנבענען; מען זאָל זיך ניט שלאָגן . . .

— פאַרוואָס שלאָגן זיי זיך?

— ווייל מען פירט זיך ניט גוט אויף . . . אָדער מען גנבעט.

— פאַרוואָס גנבעט מען?

— ווייל . . . ווייל . . . — האָט די קראַנקן־שוועסטער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און ענדלעך געזאָגט: — ווייל איינער פאַרמאָגט אַ סך און דער צווייטער האָט גאָרניט . . .

— פאַרוואָס האָט איינער און דער צווייטער גאָרניט? . . .

— איך ווייס ניט! — האָט די קראַנקן־שוועסטער בייז געענטפערט.

ער איז געבליבן שווייגן און מיט איר געגאַנגען.

— ווייסט, דאַראָטי, — האָט ליאַלע ווידער אָנגעפאַנגען — ווען איך וועל גרויס ווערן וועל איך ניט גנבענען. אָבער אַ פּאָליסמאַן וועל איך ניט פאָלגן . . .

— וועסט יאָ גנבענען, — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס וועל איך גנבענען? — האָט ער געפרעגט. — איך זאָג דאָך דיר, אַז ניט! . . .

און ער האָט זיך שיער ניט צעוויינט.

— אַז מען האָט ניט, גנבעט מען, — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס וועל איך ניט האָבן?

— עס טרעפט, אַז מען האָט ניט . . .

— פאַרוואָס האָט מען ניט?

— איך ווייס ניט. פרעג ביי מיר ניט. זיי אַ גוטער, ליאַלע . . .

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער ניט אויף לאַנג:

— זאָג מיר, דאַראָטי, — האָט ער זיך ווידער צו איר געווענדט —

— ניט אַזעלכע זאַכן, ליאַלע, — האָט זי זיך ביי אים געבעטן. — ביסט אַ קליין יינגל, פרעגסט צופיל . . .

— ניט מאַמע וויל מיר זאָגן און דו ווילסט מיר אויך ניט זאָגן. זאָג, דאָטאַרי, דו וועסט אַלעמאָל זיין מיט אונדז? . . .

— די קראַנקן־שוועסטער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ מיטלייד. זי האָט

אים זייער ליב באַקומען פאַר זיינע פראַגן און פאַר זיין שטילקייט. עס איז פאַר איר קלאָר, אַז דאָס וואַקסט אַ גרויסער מענטש, אַ דענקער, אַ שטאַרקער כאַראַקטער! . . .

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך, ליאַלע? גלייכסט מיך? וואָלסטו וועלן, אַז איך זאָל זיין ביי אייך?

— אָ, יעס, דאָראָטי, — האָט ליאַלע געענטפערט — דו דערציילסט אַזוינע שיינע „פעירי־טיילס“ . . .

— און דיין מאַמע האָט דיר ניט דערציילט קיין „פעירי־טיילס“?

— ניין, ניט אַזוינע . . . זי דערציילט אַזוינע טרויעריקע מעשהלעך, און אַלעמאָל פון ראַשען, פון הונגעריקע קינדערלעך מיט גראָבע בייכעלעך און דינע פיסעלעך . . . די קינדערלעך שטאַרבן דאָרט פון הונגער, און מיר ווילט זיך וויינען פון דער מאַמעס מעשהלעך . . . אָבער דיינע זיינען אַזוינע שיינע . . . אַזוינע פריילעכע . . .

— אַז דו וועסט זיין אַ גוט יינגל, וועל איך זיין מיט דיר, — האָט זי צו אים געזאָגט.

— און פּאַפּאַ וועט געזונט ווערן? און ווען וועט ער געזונט ווערן? דאָראָטי!

— דאָס ווייס איך ניט, ליאַלע . . .

— דו מוזט יאָ וויסן . . .

— גאָט ווייסט עס, ליאַלע . . .

— ווער ווייסט? — האָט ליאָ איבערגעפרעגט.

— גאָט! . . .

— ווער איז גאָט?

— גאָט. האָט דיר דען דיין מאַמע קיינמאָל ניט געזאָגט ווער גאָט איז?

— ניין, קיינמאָל ניט!

— קיינמאָל ניט? . . .

— ניין!

— גאָט וואוינט אויפן הימל . . . דאָרט אויבן! . . .

דאָראָטי האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוויזן צום הימל.

ליאָ האָט פאַרריסן דאָס קעפל און געקוקט וואוהין די קראַנקן־שוועסטער האָט מיט דער האַנט געוויזן.

— און וואו איז דאָס הויז? איך זע ניט קיין הויז . . .

— גאָטס הויז זעט מען קיינמאָל ניט, — האָט זי געענטפערט.

— טאָ פון וואַנען ווייסט מען, אַז ער וואוינט דאָרט אויבן? . . .

— אַזוי זאָגט מען, — האָט זי געענטפערט.

— „פאָני“, — האָט ליאָ אַ זאָג געטאָן — און ווי קוקט ער אויס? . . .

— איך ווייס ניט. קיינער ווייסט ניט! . . .

— קיינער ווייסט ניט? טאָ פון וואַנען ווייסט מען פון דעם גאָט?

— קום! — האָט אים די קראַנקן־שוועסטער אַ רוף געטאָן. — דו ביסט צו קלוג פאַר מיר . . . וועסט שוין אין גאָט ניט גלויבן, ווי דיין טאַטע־מאַמע! . . .

דאָקטוירים האָבן ניט געקענט פאַרשטיין די קראַנקהייט פון אברהם צייטלין. געוואוסט האָט מען, אַז דאָס איז אים געקומען פון אַ קלאַפּ, וואָס ער האָט געקראָגן פון אַ פּאָליסמאַנס שטעקן, „קלאָב“ . . .

דאָקטוירים האָבן געראַטן, אַז מען זאָל אים איינשפּריצן פריש געזונט בלוט. דאָס וועט אפשר העלפן.

מען האָט דאָס אויך אַדורכגעפירט.

אברהם האָט דערפון אַ ביסל בעסער געפילט. דאָס האַרץ האָט אַ ביסל רואיקער אָנגעהויבן אַרבעטן . . . מען האָט אים געגעבן מילך מיט דער הילף פון אַ קישקע . . . עס האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן, אַז ער וועט אַרויס פון קריזיס . . . מען האָט געהאָפט! . . .

לידא איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעדן טאָג האָט זי געדאַרפט גיין אין אָפיס . . . זי האָט אַלץ געטאָן מיט די לעצטע קרעפטן און געפילט, אַז זי וועט פאַלן פון די פיס . . .

איינמאָל, קומענדיק פון אָפיס, האָט זי געפונען אַ בריוו פון דער סאָוויעט רעגירונג. זי האָט זיך פון אָנפאַנג געוואונדערט פאַרוואָס מען האָט דעם בריוו ניט געשיקט אויפן אַדרעס פון אָפיס. ערשט אַז זי האָט דעם בריוו אַדורכגע־לייענט, איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן:

גרישקאַ לאָזט איר דורך דעם בריוו וויסן, אַז ער באַנוצט זיך מיט דעם פּריוואַטן אַדרעס און ניט מיטן אַדרעס פון אָפיס, כדי דער בריוו זאָל ניט אַריינפאַלן אין שפּיאָנישע הענט . . .

אין בריוו ווערט מיטגעטיילט, אַז דאָרט ווייסט מען וואָס עס האָט גע־טראָפן מיט אברהם צייטלין . . . דאָס וועט פון סאָוויעט־רוסלאַנד ניט פאַר־שוויגן ווערן. דערווייל קען מען מיט איין זאַך באַשטראָפן די אַמעריקאַנער קאַ־פּיטאַליסטן: צונישט צו מאַכן די באַשטעלונגען, וואָס מיר האָבן געמאַכט ביי זיי . . . דאָס איז דערווייל די איינציקע זאַך, וואָס מיר קענען טאָן . . .

— איר זאָלט גלייך צוריקציען די „אָרדערס", — זאָגט צו איר דער בריוו — און פאָרט גלייך אַרויס קיין רוסלאַנד . . . ציט גלייך אַרויס דאָס געלט פון דער באַנק, — זאָגט זיך ווייטער אין בריוו, וועלכער איז אונטערגעשריבן: „קאָמיסאַר פון אויסלענדישע ענינים, גרישקאַ איוואַנאָוו. אַזוי האָט דער בריוו באַפוילן צו טאָן.

אברהם איז זייער שוואַך געווען . . . פון פאָרן צוריק איז איצט קיין רייד ניט געווען . . . דערווייל אָבער האָט זיך לידא דערפרייט, וואָס זי וועט ניט דאַרפן גיין אין אָפיס און וועט זיין לעבן אברהמען. און נאָך אַ פרייד האָט זי געהאַט, ווען זי האָט געטראַכט מכוח די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן:

זיי וועלן משוגע ווערן . . . זאָלן זיי לויפן צו דער רעגירונג זוכן הילף! . . . זאָלן זיי! . . .

זי האָט געוואוסט, אַז אַרום 40 מיליאָן דאלער, וואָס די באַשטעלונגען זיינען ווערט פאַר רוסלאַנד, וועלן „געקענסלט" ווערן . . . און פילע אַמערי־קאַנער ביינק וועלן גיין באַנקראָט! . . .

אויפן צווייטן טאָג, נאָכן דערהאַלטן פון בריוו, איז לידא אין אָפיס ניט געגאַנגען. אברהם האָט איר געזאָגט מיט זיינע לעצטע קרעפטן, אַז זי זאָל האַנדלען ווי זי פאַרשטייט, אָבער זי זאָל זיך ניט רעכענען מיט נקמה, וואָס קען שטערן דעם רוסישן פאָלק.

פון אָפיס איז געקומען אַ טעלעפאָן, אַז אַ פאָרטרעטער פון דער אַמערי־קאַנער טראַסט־באַנק וויל זיך מיט איר אַדורכשמועסן וועגן געשעפט מיט די סאָוויעטן. די באַנק ווילט איצט איין צו געבן קרעדיט פאַר רוסלאַנד.

לידא האָט געענטפערט, אַז זי איז קראַנק און אַז זי וועט ניט קענען קומען

אין אָפּיס אין משך פון דער גאַנצער וואָך.

אברהם האָט מיט די לעצטע כוחות אונטערגעשריבן פאַר לידאן עטלעכע טשעקס, וואָס דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצונעמען דאָס געלט פון די עטלעכע באַנקען, פון וועלכע די סומע האָט באַטראָפן פינף מיליאָן דאָלער.

לידא האָט דאָס געלט ניט דעפּאָנירט אין קיינע באַנקען; זי האָט זיי דעפּאָנירט אין „וואָלטס" אין פאַרשיידענע באַנקען אונטער פאַרשיידענע נעמען, כדי זי זאָל קענען צו יעדער צייט עס צוריק אַרויסנעמען און פאָרן, ווען אברהם וועט געזונט ווערן . . .

אין אַ וואָך שפּעטער האָט לידא געלאָזט וויסן דורכן טעלעפאָן, אַז זי מוז „קענסלען" אַלע „אָרדערס" פון די אַמעריקאַנער באַשטעלונגען, ווייל דאָס איז אַ פאַראָרדענונג פון דער רוסישער רעגירונג פאַר די פאַרפאַלגונגען, וואָס איר „אַמבאַסאַדאָר" און אירע אונטערטאַנען האָבן דאָ אויסצושטיין . . . דערהויפּט פאַרן אַמבאַסאַדאָר אברהם צייטלין.

אַכטער קאַפּיטל

עס זיינען בלויז אַריבער צוויי טעג זינט דער אָרדער צו „קענסלען" אַמעריקאַנער באַשטעלונגען איז דורכן לידאן דורכגעפירט געוואָרן, ווי די גאַנצע געשעפטס־וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן . . .

באַנקען האָבן גענומען קראַכן איינע נאָך דער אַנדערער. געשעפטסלייט און פאַבריקאַנטן זיינען דורך אַ נאַכט אָרעם געוואָרן. אַלץ וואָס זיי האָבן אריינגעטאָן אין די באַשטעלונגען פאַר די סאָוויעטן איז צו גרונט געגאַנגען . . .

לידא האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט ווערן אַ גרויסער טומל, האָט זי זיך איבערגעקליבן, מען זאָל גאָר ניט וויסן וואו זי געפינט זיך . . . זי איז פאַר אַלעמען פאַרשוואונדען, ווי אין וואַסער אַריין . . .

זי האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט אין „סטאָרעדזש" און אַליין מיט אברהמען און מיטן קינד זיינען זיי אַוועק קיין פילאַדעלפיע. געלעבט אין אַ האָטעל אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען.

אברהם האָט זייער שוואַך געפילט. אים האָט די רייזע געקאָסט זייער פיל געזונט, אָבער ער האָט איינגעזען, אַז וואָס לידא טוט איז קלוג, אויסגערעכנט, און ער האָט געטאָן וואָס זי האָט געהייסן . . .

לידא האָט געהאַט קונציק איינגעריכט אין ניו־יאָרק מיט איינעם וועלכער האָט אין געהיים פאַרטראָטן אירע און די סאָוויעטישע אינטערעסן . . .

די רעגירונג האָט אָנגעהויבן זוכן אברהמען און האָט דורך די צייטונגען געלאָזט וויסן, אַז אויב ער וועט זיך ניט מעלדן אין אַ וואָך אַרום, וועט זיין בייל פאַרלוירן גיין און מען וועט אים גלייך אַרויסשיקן פון לאַנד . . . .

דער געהיימער פאַרטרעטער האָט גלייך געלאָזט וויסן, אַז אברהם איז ניט אַנטלאָפן, נאָר ער דערהאַלט זיך איצט און וויל אַז קיינער זאָל אים ניט שטערן זיין רו . . .

— איך בין וויליק, — האָט דער פאַרטרעטער מיטגעטיילט — צו פאַרטאָפּלען זיין באַנד, אַז ווי נאָר ער וועט זיך דערהאָלן פאָרט ער גלייך אָפּ פון די פאַראייניקטע שטאַטן . . . ער זאָל נאָר געזונט ווערן . . .

אויף צומאָרגנס האָט אברהם צוגעשיקט אַ בריוו צו דער ניו־יאָרקער

„טיימס", אַז ער באַהאַלט זיך אויס, ווייל ער איז קראַנק פון די קאַזאַצקע „קלאַבס", אָבער ווי נאָר ער וועט האָבן גענוג כוח צו פאָרן אויף אַ שיף, פאַרלאָזט ער די פאַראייניקטע שטאַטן. די רעגירונג דאַרף אָבער ניט דענקען, אַז ער באַהאַלט זיך. — איך האָב ניט פאַרוואָס זיך צו באַהאַלטן.

„פאַר מיר זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן טויט," דריקט ער זיך אויס אין זיין בריוו צו דער „טיימס", „ווייל זי איז ניט בעסער איצט ווי די אַמאָליקע רוסלאַנד, די אַמאָליקע צאַרסקע רעגירונג . . ."

אונטערגעשריבן:

אברהם צייטלין

די געשעפטסלייט האָבן גענומען זוכן הילף ביי דער רעגירונג קעגן די סאָוויעטן. זיי האָבן געוואָלדעוועט, אַז זיי ווען מוזן באַנקראָטירן . . .

אַמעריקע האָט אָבער גאָרניט געקענט טאָן, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען מיט דער סאָוויעטן־רעגירונג, און אויב געשעפטסלייט האָבן געטאָן געשעפטן, איז דאָס געווען אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויף זייער אייגענער אחריות . . .

לידאָס סעקרעטאַר האָט צוגעשיקט אַ „סטייטמענט" אין דער פרעסע, פאַרוואָס די סאָוויעטן־רעגירונג האָט אָפּגעבראָכן די קאָנטראַקטן מיט די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, און דאָס איז ווייל די פאַראייניקטע שטאַטן האָט באַלייטיקט רוסלאַנדס פאַרטרעטער און אירע בירגער . . . דאָס איז געווען דער צווייטער בריוו צו דער פרעסע. דער ערשטען איז געווען פון איר אַליין.

די פרעסע איז ניט געווען אייניק. אין דער צייט, וואָס אייניקע האָבן געראָטן דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו אנערקענען די סאָוויעטן, האָבן אַנדערע צייטונגען געלאַרעמט, אַז אַמעריקע טאָר דאָס ניט טאָן, ווייל זי וועט געבן אַ פרייע האַנט די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע . . .

יעדער טאָג האָט געבראַכט נייעס, אַז אָט היינט־מאָרגן קען זיין, אַז אַמעריקע וועט אנערקענען די באָלשעוויסטישע רעגירונג, און אַן אַנדער צייטונג האָט גלייכצייטיק געמאָלדן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן וועלן די סאָוויעטן־רעגירונג קיינמאָל ניט אנערקענען! . . .

די אורזאַך איז — ווי די צייטונג האָט געשריבן — די שטעלונג ניט צו באַצאָלן די חובות פון דער צאַרסקער און קערענסקי רעגירונגען . . . .

אברהם האָט געלאָזט וויסן דער פילאַדעלפיער פּאָליציי וואו ער געפינט זיך.

ער איז געווען זייער קראַנק. די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן אויפן פיער, האָבן זיין אויסגעמאַטערטן קערפער באַזיגט . . . ער איז אַזוי אויסגעצערט געוואָרן, אַז די הוילע ביינער האָבן זיך פון אים אַרויסגעזען. דערביי האָט ער געליטן שרעקלעכע שמערצן אין די געהירן, און ביי דעם אַלעם האָט ער אויך ניט געקענט עסן און שווער געאָטעמט! . . .

ער האָט זיך אַנטזאָגט פון מעדיצינישער הילף, געפילט צו אַלץ גלייכגילטיק; ער האָט אָפילו לאַנג דענקען ניט געקענט . . . פילע זאַכן האָט ער פאַרגעסן . . . ווי אַ טומאַן וואָלט זיך געלייגט אויף זיין מוח . . .

דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז אַן אָפּעראַציע וואָלט אים אפשר געראָטעוועט. אָבער זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבן . . . זיינע לונגען זיינען ביי אים געווען צעלעכערט. זיין אָפּגעשוואַכטער קערפער וועט די אָפּעראַציע ניט אויסהאַלטן . . .

לידא האָט פון אים ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט געוואוסט, אַז די דאָקטורים זיינען האָפענונגסלאָז, הגם זיי האָבן דאָס איר ניט געזאָגט .... זיי האָבן עס פון איר פאַרבאָהאַלטן ...

לידא האָט טאָג און נאַכט געוויינט ... זי האָט זיך פון איר וויינען ניט געקענט אָפּהאַלטן ... די טרערן זיינען אַליין פון זיך געקומען, ווי זיי וואָלטן זיך געגאָסן פון אַ רינענדיקן קראַן ...

ניט איינמאָל האָט זי געטראַכט:

— פאַרוואָס וויין איך? וועט אים דען מיין וויינען העלפן? ...

איינמאָל האָט אברהם איר אַ זאָג געטאָן:

— לידעטשקאַ, מיר דאַכט, אַז איך שטאַרב ... בעט איך דיך, גיב אַכטונג אויף אונדזער קינד, און דו אַליין זיין מוטיק ... זע אַז דו זאָלסט זיך ניט פאַרלירן אין פאַרצווייפלונג ... זיי אַ קעמפּערין ... איך וואָלט מער געוואָלט לעבן צוליב דיר, ווייל אַזאַ ווי דו איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ ... דו ביסט איינע אין אַ מיליאָן, מיין האַרץ! ...

און לידא פלעגט אים טרייסטן:

— דו וועסט לעבן. וועסט אַלץ איבערטראָגן ... דו האָסט אַזוי פיל איבערגעטראָגן שוין ... איך זאָג דיר, אַז דו וועסט לעבן! ...

— אַז איך וועל שטאַרבן, וויל איך, אַז מען זאָל מיך פאַרברענען און מיין אַש זאָל אָפּגעשיקט ווערן קיין רוסלאַנד ... איך וויל קיין צוואה ניט שרייבן, אָבער איך וויל, אַז מיין איבערבלייבעכץ זאָל ליגן אויף דער פרייער ערד אין רוסלאַנד ...

און לידא האָט זיך געבעטן:

— רעד ניט אַזוי ... רעד ניט, טייערער! ...

לידא האָט זיך טאַקע פאַר זיינע רייד דערשראָקן. איר האָבן גענומען ציטערן הענט און פיס ...

די דאָקטוירים זיינען דערוויל פון אים ניט אָפּגעטראָטן. מען האָט אים געגעבן אַלערליי מעדיצינען. אָבער עס איז געווען אומזיסט ...

די פּאָליצײ האָט זיך געפילט ניט איבעריק באַקוועם מיט דער לאַגע פון אברהם צייטלין, ווייל די דאָקטוירים האָבן אַרויסגעגעבן אַ „סטייטמענט", אַז דעם קראַנקנס מאַרך האָט זיך אַ בויג געטאָן פון דעם קלאַפּ, וואָס ער האָט געקראָגן פון פּאָליסמאַן ...

פריינט פון ניו־יאָרק זיינען אים געקומען באַזוכן און האָבן געטרייסט לידאַן, אַז זי זאָל ניט זיין אַזוי פאַרצווייפלט, אפשר וועט ער געזונט ווערן? ...

איינער אַן אַדוואָקאַט האָט איר געראָטן אָנצוקלאָגן דעם פּאָליס דעפּאַרטמענט פאַר קראַנק מאַכן איר מאַן, איר „סופּאָרטער"! ...

איר זיינען אַזוינע זאַכן ניט געלעגן אין קאָפּ. זי האָט זיך שוין געזען אַלס אלמנה! ... דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען פון עלנטקייט!

— אָך, ווען ניט דאָס קינד, — האָט זי געטראַכט — וואָלט זי מיט אים מיטגעשטאָרבן ... אָבער דאָס קינד! ...

און לידאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס קינד איז דאָך פּונקט אַזוי ווי ער, אברהם ... פּונקט זיין פּנים ...

— איך מוז אים אויסהאָדעווען ... איך מוז זיין פאָטערס גייסט אין אים אַריינגעבן ...

— ער מוז זיין די פאָרזעצונג פון זיין פאָטער, — האָט זי צום סוף באַ־

שלאָסן, — ער מוז זיין אַזאַ קעמפער, אַזאַ וואונדערבאַרער גייסט, ווי זיין טאַטע!...

ביי אַזוינע געדאַנקען פלעגט לידא אַוועקשווימען אין אַנדערע וועלטן... זי פלעגט זען איר זון, ווי ער וואַקסט, ווי ער לערנט זיך גוט, ווי ער פירט זיך אויף אַזוי איידל און שיין און ווי ער הויבט אָן צו פאַרשטיין די אומרעכטן... די פאַרשיידנקייט פון דער געזעלשאַפט און קלאַסן־אונטערשייד... אַט רעדט ער אויף אַ פאַרזאַמלונג... אַט פירט ער אַ סטרייק... אַט רעדט ער פאַר אַ קאַמפּיין... מען טראָגט אים אויף די הענט... ער איז דערוויילט פאַר אַן אַסעמבלימאַן און אַלע שרייען: ליאָ צייטלין, ליאָ צייטלין!...

— ליאָ צייטלין, פאַרטרעט אונדז ווי דיין פאָטער האָט פאַרטראָטן דאָס רוסישע פאָלק. לאָז דיין שטימע פאַר אונדז דערהערט ווערן... — איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון נחת...

אירע אויגן זען אַלץ, אירע אויערן הערן אַלץ... ביז די קראַנקן־שוועסטער האָט זי אויפגעוועקט שרייענדיק מיט ווילדע קולות!

לידא האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פאַרחלומטקייט מיט אַ גליקלעכן שמייכל און דערזען דאָס צעקרימטע און דערשראָקענע פּנים פון דער קראַנקן־שוועסטער.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. איר מויל איז פאַראַליזירט געוואָרן, האַלטנדיק עס אָפן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי אַ געחלשטע. די הענט האָבן זיך ביי איר ניט געקענט אַ הויב טאָן. זי איז געבליבן ווי פאַרשטיינט!...

די קראַנקען־שוועסטער האָט זי געבראַכט צו זיך.

לידא האָט זיך מיט אירע לעצטע קרעפטן צוגעשלעפּט צו אברהמען...

מיט אַ געשריי איז זי געפאַלן ביי זיין בעט צום דיל...

פון זיין מויל האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ הענטל פון אַ דין ברויט־מעסער און די שאַרף פון מעסער איז געווען טיף אין זיין האַלדז. אַ לאַנגער, דינער שטראָם בלוט האָט זיך געצויגן איבער דער ווייסער באַק און זיך געקייקלט אויף דעם ווייסן קישן אַראָפּ צום דיל...

זיין פּנים איז געווען ווייס ווי קרייד און די אויגן זיינען געווען פאַרריסן אָפן מיט די ציינער איינגעביסן אין הענטל פון מעסער...

ווייזט אויס, ער האָט געביטן זיין מיינונג וועגן דער צוואה, וואָס ער האָט פריער געהאַט געזאָגט, אַז ער וועט זי ניט שרייבן, ווייל עס איז געפונען געוואָרן אַ צעטעלע אויף זיין בעט מיט פאָלגענדע ווערטער:

„טייערע לידא, זיי מיר מוחל פאַר מיין טאַט. איך בין אַ לאַסט אויף דיר און אַ לאַסט אויף זיך. איך ווייס, אַז דער טויט וועט מיך ניט אָפּלאָזן, דאַן, צוליב וואָס איז מיין מוטשען זיך? דו עסט ניט, דו שלאָפסט ניט צוליב מיר און דאָס קינד ווערט פאַרנאַכלעסיקט. בעט איך דיך, זיי בראַוו, מיין טייערע. פאַרליר ניט דיין מוט... קעמף ווייטער פאַר דעם אונטערדריקטן מענטשן, ווייל גליק געפינט מען אינעם צווייטנס גליק... די שמערצן, וואָס איך האָב געליטן, זיינען געווען צו גרויס... איך האָב זיי דיר ניט אַרויס־געוויזן. איך האָב אָבער מער ניט געקענט איבערטראָגן און האָב אַזוי געמוזט האַנדלען... זיי ניט בייז אויף מיר...

„מיין קערפּער זאָל פאַרברענט ווערן. נעם דאָס אַש מיט דיר מיט קיין רוסלאַנד, און זע גיב איבער דאָס געלט אין די ריכטיקע הענט פון די ערלעכע רוסישע פירער... אַדיע, מיין טייערע, אַדיע. אַדיע דעם רוסישן פאָלק. מיט

דער בעסטער ליבע צו די מוטיקע קעמפּער. זייט די ערשטע פּירערס פון סאָ־
ציאַליזם פון דעם באַפרייטן אַרבעטער־קלאַס. אַדיע צום אַרבעטער פון דער
גאַנצער וועלט. אַדיע, מיין טייערער זון. ווען דו וועסט אויסוואַקסן זאָלסטו
פאָרזעצן מיין גאַנג צו באַפרייען דעם פאַרשלאַפטן אַרבעטער־מענטש! . . ."

אונטערגעשריבן:

אברהם צייטלין



מדינת ישראל ב. דיימאָנדשטיין